STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01634

FUN EYBIGEN KVAL

H. Volofski

Permanent preservation of this book was made possible
by The Gillotti Family
in honor of
Dr. and Mrs. Richard Ruben and Family

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. וואָלאָפסקי

פון איבּיגען קוואַל

גערדאנקען און בּאַטראַכטונגען פון דעם היינ-
טיגען אידישען לעבּען און שטרעבּען, אין
ליכט פון אונזער אַלטער און אייבּיג-
נייער תורה, איינגעטיילט לויט
די פּרשיות פון דער וואָך

ארויסגעגעבּען פון פאַרלאַג ,,קענעדער אַדלער״
מאָנטרעאל, תר״צ

Printed by
THE EAGLE PUBLISHING CO. LIMITED
MONTREAL, QUE.
1930

פאָרוואָרט

אַנשטאָט די געוויינלאכע התנצלות וואָס יעדער מחבר האַלט פאַר נויטיג אַנצושרייבען אין זיין הקדמה, דערציילענדיג אַז ער ווייסט „ווי קליין און נאַריש עס איז", אַז ער, „דער אינגסטער צווישען די טויזענטער פון יהודה", איז זיכער ניט ראוי „צו וועלען זיך אויספוצען מיט'ן קרוין פון מחברים" וואָס „איז צו גרויס פאַר זיין קאָפּ", און דאָס גלייכען התנצלות אין הויכער מליצה, ווי די מאָדע איז — אַנשטאָט דעם וועל איך בעסער זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם סאָרט דרוש חבורים בכלל און וועגען מיין חבור בפרט:

פון דער צייט אָן וואָס עס האָט זיך גענומען שאַפען ביי אידען אַ דרוש ליטעראַטור — פריהער אין דער פאָרמע פון מדרש און אגדה און שפּעטער אונטער'ן נאָמען „דרוש" — האָבען די מחברים געהאַט פאַר זיך איין ציל: צו געפינען אַלע צייט פראַגען אין די אור־אַלטע ווערטער פון דער הייליגער תורה. זייענדיג איבערצייגט אַז „ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא", זענען זיי געווען זיכער אַז אַלעס וואָס עס פּאַסירט און ו ע ט פּאַסירען איז אָנגע־וואונקען אין דער תורה, ענטוועדער אין אירע ווערטער אָדער אין די דער־ציילונגען. און כדי דאָס צו געפינען האָבען זיך די חכמים באַנוצט מיט אַלעגאָריע, פאַנטאַזיע, מיט'ן כח הדמיון און מיט מליצה, יעדערער אין וואָס ער האָט זיך ספּעציאַליזירט. דאָס איז געטאָן געוואָרען כדי אריינצוברענגען אַ געוויסען מוסר אָדער מידה אין די הערצער פון זיינע צוהערער; און כדי דאָס זאָל מאַכען אַ גרעסערען רושם האָט עס דער דרשן אָנגעטאָן אין אַן אמת'ן ספּור פון תורה אָדער נביאים, צוגעפּוצט מיט מליצה אָדער דמיון. צו אילוסטרירען דעם דאָזיגען אמת, וועל איך דאָ איבערגעבען אַ געשיכטע פון מדרש שוחר טוב (מזמור א', געבראַכט אין ילקוט קרח) אין פאַרבינדונג מיט דער מחלוקה פון קרח'ן אַנטקעגען משה און אהרן, וואו עס ווערט דערציילט פאָלגענדעס:

„ויקהלו על משה ועל אהרן. וואָס האָט ער געטאָן? קרח האָט פאַר־זאַמעלט אַלע אידען און אָנגעהויבען צו דרש'ענען פאַר זיי ליצנות רייד, דערציילענדיג אַזאַ מעשה: ביי מיר אין שכנות וואוינט אַן אלמנה מיט צוויי מיידלאך יתומות, און אַלעס וואָס זי האָט פאַרמאָגט איז געווען איין קליינע פעלד. האָט זי אָנגעפאַנגען אַקערען, קומט צוגיין משה און זאָגט: דו טאָרסט ניט אַקערען מיט אַן אָקס און אייזעל צוזאַמענגעשפּאַנט. זי האָט אָבער ניט קיין צוויי אייזלען און ניט קיין צוויי אָקסען, און פאַר איינעם פון זיי איז צו שווער צו ציען דעם אַקער. קוים מיט צרות אויסגעאַקערט,

איינשפאנענדיג זיך מיט די קינדער אליין אין דעם אקער, האט זי זיך גענומען צום זייען. זאגט משה: דו טארסט ניט זייען קיין צוויי מינים תבואה צוזאמען. ביים שניידען דעם איינציגען מין גערשטען, פארזאגט איר משה רבנו צו איבערלאזען לקט, שכחה און פאה. ארונטערגענומען דאס לעצטע ביסעל און אויסגעדראשען, קומט אהרון און הייסט איר אפטיילען מעשר ראשון, מעשר שני, מעשר עני און תרומה גדולה. אין ברירה, האט זי איהם אפגעגעבען און געבליבען ביי גארנישט. זעט זי שוין אז פון׳ם פעלד קען זי זיך ניט דערנערען. וואס טוט זי? האט זי פארקויפט דאס פעלד און געקויפט צוויי שעפסען, כדי צו שערען זייער וואל און פארקויפען זייערע לעמלאך און דערפון זיך און אירע צוויי יתומות צו מפרנס זיין. מיט שמחה האט זי צום ערשטען מאל געשארען, קומט אהרון און זאגט: מיר קומט ראשית הגז. א פינסטערקייט איז איר באפאלען. זאגט זי: דער מענש וועט מיך פארפייניגען ביז׳ן טויט, לאמיך זיי שעכטען און איין מאל פאר אלע מאל כאטש זאט זיך אנעסען. ווי זי האט עס געטאן, קומט אהרון און פאדערט דעם סטייק, די באקען און דעם מאגען. דאס זיינען, זאגט ער, זיינע מתנות כהונה. שרייט זי: שוין נאכדעם ווי איך האב זיי געקוילעט ליג איך נאך אלץ אין זיינע הענט? טא זאל דאס פלייש זיין חרם. זאגט אהרון: אויב אזוי, גיב עס מיר אפ אינגאנצען, ווארים אזוי זאגט גאט: כל חרם בישראל לך יהיה. האט ער צוגענומען דאס גאנצע פלייש און איז אוועקגעגאנגען, איבערלאזענדיג זי מיט די צוויי יתומות וויינענדיג.

יעדער פארשטענדיגער מענש וועט צוגעבען, אז קרח האט דאס ניט געקענט זאגען אויף אהרנ׳ען און משה׳ן, ווייל ער אליין האט זיי דאך אויפגעווארפען „אף לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותנו ותתן לנו נחלת שדה וכרם, דאס מיינט: דו האסט אונז נאך ניט אריינגעבראכט אין דיין צוגעזאגטען מילך און האניג לאנד, און דו האסט אונז נאך ניט געגעבען קיין נחלות פון פעלדער און וויינגערטנער. קיינער האט נאך אלזא אין יענער צייט קיין פעלדער ניט געהאט, קיין מתנות כהונה איז נאך אויך אין מדבר ניט געווען און אין תרומה, מעשר, זענען זיי מחויב געווארען ערשט נאך׳ן אריינקומען אין ארץ ישראל, קיין בשר תאוה האט מען נאך דאן אויך ניט געהאט ערלויבט. ס׳איז דערפאר קלאר, אז דא האט דער דרשן צונויפגעקליבען די טענות פון זיין צייט אנטקעגען די כהנים און פירער, און זיי אריינגעפאסט אין דעם אמת׳ן ספור פון קרח׳ן, כדי צו באווייזען אז זיי זענען ניט בעסער פון אים, און אז זיי זענען אויך ווערט צו קריגען דעם זעלבען פסק. דאס איז נאך איין ביישפיל פון הונדערטער אנדערע, וועלכע זענען געשאפען געווארען פון די בעלי המדרש צוליב דעם זעלבען צוועק.

די שפעטערדיגע דורות, ווערענדיג אריינגעצויגען אין דער גריכישער פילאזאפיע, האבען גענומען זוכען וועגען און מיטלען אריינצופאסען יענע חקירות אין דער תורה, און אזוי כסדר: יעדער דור מיט זיינע דרשנים, און אלע אויף׳ן זעלבען וועג: צו לערנען דאס פאלק, אים שטראפענדיג פאר זיינע שלעכטע מעשים און געפינענדיג זייערע מוסר-ווערטער אין דער תורה. צום ערשטען סארט מחקרים געהער דער עקידת יצחק און זיין

גליכען. שפּעטער איז געקומען דער דובנער מגיד און גייענדיג נאָך׳ן כלל „מעשה אבות סימן לבנים״ האָט ער געפונען די גאַנצע אידישע גלות־היסטאָריע אין דער געשיכטע פון אונזערע אבות, פונקט אזוי ווי די חכמי אַלעקסאַנדריע האָבען געפונען די פּלאַטאָנישע לערען אין חומש. די איצטיגע דרוש ספרים גייען נאָך דעם דובנער, על פּי נוסח אַמעריקע.

אונטער די ווערטער „על פּי נוסח אמעריקע״ מיין איך דעם האַרי־אַפּ מיט וועלכען אַמעריקע האָט זיך אויסגעצייכענט און דערמיט אַנגעשטעקט גאַנץ אייראָפּע. דאָ ווערט אלסדינג פארפלאַכט, פּאָפּולאַריזירט, ס׳איז ניטאָ קיין צייט אויף קלערען, אויף זיך פארטיפען אין עפּעס וואָס; און אַזוי ווי די טיפע קלאַסישע מוזיק האָט מען פאַרביטען אויף׳ן לייכטען דזשעז, די טיפזיניגע ביכער אויף מעגעזינס, די ערענסטע עסייען אויף פּאָפּולערע אויסגאַבען — אַזוי איז אויך פאַרפלאַכט געוואָרען דער אידישער דרוש: ניטאָ היינט דער עולם צוהערער וואָס האָט געהאַט דעם געדולד אָפּצוזיצען 4—5 שעה ביי דעם קעלעמער אָדער קאמעניצער אָדער ר׳ חיים רומשיסקער׳ס אַ דרשה. העכסטענס וואָס אַ איצטיגער עולם קען אויסזיצען איז, אַ שעה. דאָס רוב ווערט דער גאַנצער ענין איבערגעגעבען אין אַן אַדרעס נאָך קריאת התורה פאַר מוסף אין 15—20 מינוטען. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ צייט איז אונמעגליך אָנצוציהען פסוקים מיט מדרשים, אָנפרעגען אויף זיי צענדליגער קשיות, און זיי אַלעמען פאַרענטפערען מיט אַ טיפען פּלפּול אָדער מיט אַ טיפע חקירה.

דער איצטיגער עולם דאַרף עס גאָר אויך ניט. ער קען גאַנץ גוט לעבען אַפילו ווען דער מדרש איז „כלו מוקשה״, אַ ניט פאַרענטפערטער מאמר שטערט גאָר ניט זיין בייגאַכטיגען שלאָף, און צו איהם שרייט ניט דער פסוק „דרש׳ן מיך״. מענשען וואָס לעבען אָפּ אַ לעבען אין כאַפּעניש: אויפשטייענדיג כאַפּט ער אַ ביס, נאָכדעם לויפט ער כאַפּען אַ קאַר, אַנדערע מוזען לויפען צו „קעטשען די טריין״, הענגענדיג אויף אַ סטראַפּ כאַפּט ער אַ צייטונג, אָדער אַ שמועס מיט אַ פריינט, אינמיטען טאָג כאַפּט ער אַ „לאַנטש״, און ווען ער קען שוין אויף די פיס ניט איינשטיין פון מידקייט כאַפּט ער אַ דרעמעל — אַזעלכער מוז אויך כאַפּען אַ וואָרט, אַ בליץ, אַ באַמערקונג פון אַ רעדנער און גענוג. דער פועל יוצא איז, אַז אַנשטאָט צו לויפען דעם רעדנער וואָס קען פאַרברייטערען אַ געדאַנק, רימט מען יענעם וואָס קען ארויסזאָגען אַ געדאַנק אין קורצע ווערטער, און קען צוקומען צום ענין אָהן אַ סך הקדמות.

דער דרוש ספר איז שטענדיג געווען און איז נאָך היינט אויך דער טעקסט בוך פאַר דעם רעדנער. דער דרוש ספר מוז אַלזאָ נאָכגיין דעם דרשן. דערפאַר זעהען מיר, אַז די איצטיגע מחברים שרייבען קורצע אָפּהאַנדלונגען, זייערע דרשות באַשטייען בלויז פון שפּריצען, אָנמערקונגען, אריינגעפּאַסט אין פּסוקים אָדער אין ספּורים. ניט מאַכענדיג קיין פאַרזוך אריינצוגיין טיף אין דעם עצם ענין אליין.

זיך אונטערנעמענדיג שרייבען די פרשיות פון דער וואָך אין „קענעדער אָדלער״ האָב איך זיכער ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבען די כונה, צו

„ראטעוועז די סיטואציע" און אריינברענגען לויטער טיפקייט אויף דעם ארט פון פלאכקייט און אויבענאויפקייט. איך האב קיין מאל ניט געהאט קיין פרעטענציעס אויף שאפען א נייעם פירוש אויף דער תורה. דער גאנצער מיין פון דער דאזיגער ארבייט איז געווען צו באפרידיגען אן אייגענע קוריאזיטעט. די קנאפע 25 יאר וואס איך גיב מיך אפ מיט כסדר'דיגער צייטונגס-ארבייט (אלס ארויסגעבער פון „קענעדער אדלער"), וואו יעדע מינוט ברענגט א פרישען אינטערעס און מען ווערט כסדר אריינגעשלעפט אין אלץ נייע און נייע פראבלעמען, האב איך מיך פונדעסטוועגען אלץ ניט געקאנט ארויסרייסען פון יענער אלטער וועלט, וואו אויף אלץ איז פאראן א פסוק און אין דעם פסוק איז א ל ץ פאראן, אויב מען ווייס נאר, וואו צו זוכען. איך האב דעריבער באשלאסען צו נעמען אלס טעמע די סדרות פון דער וואך און האלב-פעליטאניסטיש, ווי ס'איז מיר אמליבסטען, באהאנדלען פראגען וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר דעם היינטיגען אידישען לעבען מיט זיינע קליינע און גרויסע פראבלעמען.

אין מיין קורצען אריינפיר צו די סדרות אין „קענעדער אדלער" האב איך געשריבען פאלגענדעס, און דאס איז אייגענטליך אלץ וואס איך האב צו זאגען אלס א התנצלות:

פון היינט אן נעהם איך זיך אונטער מעביר סדרה צו זיין יעדען פרייטאג, און האף צום אויבערשטען, אז איך וועל מיך האלטען אין ריכטיגען טראפ און ניט בלייבען שטעקען כסדר אין דעם „מהפך פשטא", און ניט זוכען צונויפצופיהרען איין וואנט מיט דער צווייטער.

אמאל, רבותי, זענען געווען אנדערע יאהרען. אמאל האט מען אזוי פיל ניט געספיטשט און גע'דרש'ע'נט, ווי מען טוט עס היינט; און אמאל, אז מ'האט מעביר געווען די סדרה, האט מען עס געטאן „שנים מקרא ואחד תרגום", אזוי, אז די מקרא איז טאקע געווען דער עיקר, ניט דער תרגום; היינט אבער איז אלצדינג תרגום. ווי זאגט דר. שמריהו לעווין: „מיר לעבען שוין היינט ניט און קיין תרגום ראשון, נאר אין א תרגום שני". מען תרגומ'ט שוין דעם תרגום אליין, בעת דעם אריגינאל פארגעסט מען שוין אין גאנצען. אמת, די תורה שטעהט נאך אלץ אין ארון קודש און מען גיט אכטונג, אז זי זאל זיין באקליידט און באנעהט מיט שעהנע מאנטעלאך, פיין-געשניצטע „עת חיים'ס", מלכות'דיגע „כתר'ס" א.אז.וו., אבער דאס, רבותי, זענען דאך אלץ אויסערליכע זאכען. עס בענקט זיך דעם היימישען אידען נאך אביסעלע פנמיות, ווייל סוף כל סוף איז דאך ניט דער עיקר דער „קנקן", נאר דער „מה שיש בו". מיר לעבען היינט אין א „פעינט און פאודער" ציוויליזאציע, אלץ איז באשמירט און באשמינקט און איטליכער וויל ניט זיין דאס, וואס ער א י ז, נאר דוקא דאס, וואס ער איז ניט.

דאס דערמאהנט אונז דעם זעהר געלונגענעם משל וואס פראפעסאר שנאורסאן האט געגעבען צו אילוסטרירען זיינעם א געדאנק ביי איינער פון זיינע לעקציעס וואס ער האט אמאל געהאלטען ביי אונז אין שטאט. זאגט א איד א חסיד מיט'ן נאמען מאיר: „אז איך וועל איבער הונדערט און צוואנציג יאהר דארפען קומען אויף יענעם עולם און זיך שטעלען צום משפט, האב איך קיין מורא ניט, טאמער וועט מען מיך פרעגען: מאיר, פארוואס ביזטו ניט געווען משה רבנו?

ווייל ווי קאָן איך זיין משה רבינו, אַז איך בין מאיר? אָבער אַז מען וועט מיך פרעגען: מאיר, פאַרוואָס ביזטו ניט געווען מ א י ר? אָט דאָ וועט זיין שלעכט. ווייל אויב דער מענש איז ניט דאָס וואָס ער א י ז, דאַן וואָס א י ז ער?

אויב אידען לעבען א תרגום־לעבען און מען האַלט נאָר אין איין נאָכמאַכען די גוים, און מען אַנטלויפט פון זיך אליין און פון די אָריגינעלע מקורות, טאָ וואָס וועט ווערען פון דעם אָריגינאַל?

אָט דאָס איז די גרויסע פראַגע.

נאָר צו זאָגען אייך, אַז איך געה דאָס אַלץ ראַטעווען מיט מיין וועכענטליכען מעביר־סדרה זיין, איז ניט עס פאַלט מיר אזוינס איין און ניט איהר וועט אַזוינס וועלען גלויבען. וואָרים ווי זאָגט עפּעס דאָס ווערטעל: „אין רוים זיי ווי די רוימער". און אין אַ וועלט, וואו אַלץ איז תרגום, קאָן מען זיך ניט האַלטען שטרענג ביים אָריגינאַל. דעריבער וויל איך גלייך אין אָנהויב זאָגען, אַז מיין מעביר זיין די סדרה יעדען פרייטאָג פאַר די לעזער פון דיזער צייטונג, וועט ניט זיין לויט דער מעטאָד פון „שנים מקרא ואחד תרגום", נאָר פאַרקערט, ס'וועט זיין מעהר תרגום, ווי אָריגינאַל. אָבער לאָמיר האָפען, אַז וועניגסטענס וועט מיר געלינגען אָנצוהאַלטען דעם ג י י ס ט פון דעם אָריגינאַל. דאָס איבעריגע וועט שוין מוזען זיין אַזוי, ווי עס וועט זיין. קיינער פאַרלאַנגט דאָך ניט פון ר' מאיר'ן ער זאָל זיין משה רבנו. ר' מאיר דאַרף זיך נאָר סטאַרען צו זיין ר' מאיר, און ארויסגעבען דאָס בעסטע פון זיך, און פאַר דאָס איבעריגע וועט איהר, האָפענטליך, קיין פאַראיבעל ניט האָבען.

און איצט געהען מיר גלייך איבער צו אונזער ענין.

דער מחבר.

בראשית

בראשית

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ" — אין אנהויב האט גאט באשאפען הימעל און ערד.

דער באריהמטער פראנצויזישער שריפטשטעלער און געלערנטער רענאן, דוקא ניט קיין צו גרויסער אוהב ישראל, האט געזאגט: ווען די אידען וואלטען מעהר ניט געטאן פאר דער וועלט, נאר געגעבען דעם ערשטען פסוק פון זייער תורה, וואלטען זיי שוין געהאט פיעל אויפגעטאן. ווארים אהן דעם וואלט די וועלט זיך אימער געהאלטען אין איין מאטערען און חקר'נען איבער איהר אנטשטעהונג, אבער מיט דעם איינעם פסוק פון „בראשית ברא" האט די אידישע תורה צופרידענגעשטעלט נייען און ניינציג פראצענט פון דער מענשהייט, מעהר זיך ניט צו ברעכען די מוחות איבער דער אנטשטעהונג פון דער וועלט.

דער „בראשית ברא" לויט אונזער תורה, עקזיסטירט שוין 5689 יאהר, און זייט דאן, איז נאך קיינער ניט אימשטאנד געווען אפצעלייקענען אט דעם ערשטען פסוק: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ". און טאמער האבען געלערנטע געמאכט פארשידענע אויסגראבונגען און געוואלט מיט זייערע ענטדעקונגען פון אלטע ביינער באווייזען, אז די וועלט שטעהט שוין מיליאנען יאהרען, זענען אבער אפילו דיזע אנטדעקונגען ניט אין געגענזאץ מיט'ן „בראשית ברא", ווייל מיר גיבען צום בראשית ברא נאך צו, דעם „הקב"ה בונה עולמות ומחריבן", וואס מיינט, אז ער, דער בורא, האט שוין פריהער אויך געהאט באשאפען וועלטען און האט זיי חרוב געמאכט.

דער זוהר שרייבט, אז דערפאר הויבט זיך מעשה בראשית אן מיט א בית, ווייל די פריהעריגער וועלט האט זיך אנגעפאנגען מיט אן אלף, און די קומענדע וועלט וועט זיך אנפאנגען מיט א גימל, און עס איז דעריבער מיט אלע אויסגראבונגען ניט מעגליך אפצולייקענען דעם „בראשית ברא".

וויל אבער די וועלט דוקא דערגעהן דעם סוד פון דער יצירה און אויך דעם סוד פון לעבען און טויט, אדער דעם עסענץ פון לעבען, און ביז היינטיגען טאג שטעהען מיר אין דעם הינזיכט אויף'ן זעלבען ארט, וואו עס איז געשטאנען אדם הראשון ווען ער האט געגעסען פון „עץ הדעת", אום צו דערגעהן דעם סוד פון לעבען און קאנען באשאפען לעבען.

אדם, חוה און דער נחש האבען זיך געגריבעלט אין'ם סאמע ווארצעל פון וויסענשאפט, אינ'ם „עץ הדעת". נו, ווייסען מיר דאך שוין, וואס דערפון האט זיך אויסגעלאזען. כל זמן דער מענש האט זיך ניט געגריבעלט אין דעם סוד פון

דעם לעבען, איז דאס לעבען געווען א גן עדן: געענדיגט האט זיך דער גן עדן אזוי שנעל, ווי ער האט גענומען וועלען צופיעל וויסען . . .

ביי א קאנפערענץ פון דריי הונדערט פון די גרעסטע געלעהרטע וואס איז לעצטענס אבגעהאלטען געווארען אין גלאזגוי, האט דער פארזיצער, פראפעסאר היל, געמאכט אן ערקלעהרונג, אז די וויסענשאפט האלט ביים ענטדעקען דעם עסענץ פון לעבען, ניט אז מ'וועט קענען שאפען לעבען, נאר מ'וועט דערגעהן דעם סוד וואס שאפט אייגענטליך לעבען. אין אנדערע ווערטער: די וויסענשאפט האלט ביים דערגעהן, אז עס עקזיסטירט א נשמה וואס ווערט אריינגעגעבען אין א קערפער, וואס ברענגט איהם צום לעבען, און דאס איז דער „ויפח באפיו נשמת חיים", וואס אונזער תורה גיט אונז איבער אין דער היינטיגער סדרה. ווייטער וועלען די געלעהרטע ניט מאכען קיין פארזוך צו זוכען, ווייל זיי ווייסען, אז דאס איז א סוד, וואס איז פאטענטירט געווארען פון דעם באשאפער, און אפשר דריבער רופט ער זיך טאקי „בורא", באשאפער, און ווערט אלס אזעלכער באצייכענט באלד אין אנהויב בוכ'ס ספר הספרים.

מיט קנאפע זעקס טויזענט יאהר צוריק, ווען די ערשטע באשאפענע האבען געוואלט דורך דעם בוים פון וויסענשאפט דערגרונטעווען דעם סוד פון לעבען, געוואלט ווערען ווי גאט, וואס קאן שאפען לעבען און טויט, זענען זיי פון גן עדן פארטריבען געווארען, און מיט'ן טויט באשטראפט געווארען. און היינט, ווער עס וויל זיך גרונטעווען אין דיזען סוד, פארטרייבט ער זיך פון גן עדן, און דער טויט קומט צו איהם נאך איידער ער האט געגרייכט דעם אנפאנג.

די וויסענשאפט האט אנטדעקט די קראפט פון עלעקטריק, און קיינער ווייסט נאך ניט, וואס איז אזוינס עלעקטריק, און ווען עס זאל פראפעסאר היל געלינגען צו אנטדעקען, אז עס איז פארהאן אזוינס ווי א נשמה, וואס איז דער עסענץ פון לעבען, וועט ער אליין זיך אנשטויסען אן דער אייביגער וואנט, וואס שליסט אונז אפ פון דעם הויפט סוד, און וואס א דאנק דעם וועט דער מענש קיינמאל ניט אויסגעפינען, ווי צו שאפען אפילו א לעבעדיגע פליג, ווייל דער סוד פון „בראשית ברא" ליגט נאר ביים בורא עולם.

* * *

אדם און חוה האבען געהאט צוויי זיהן, קין און הבל. האבען זיך צוויי ברידער, פון איין פאטער און מוטער, און דאך מיט פארשידענע כאראקטערען.

קין ברענגט א מתנה צו גאט פון א ביסעל גרינס, „מפרי האדמה", און הבל ברענגט אויך א מתנה, אבער פון די בעסטע און פעטסטע שאף, און זיין מתנה ווערט אנגענומען, אבער קין'ס ווערט צוריקגעוויזען, און קין ווערט דריבער ברוגז אויף זיין ברודער דעם נדבן, דעם גוט הארציגען, און דער'הרג'עט איהם.

און אזוי ציהט זיך עד היום די פסיכאלאגיע פון דעם קארגען, פון דעם „דבר אחר", וואס ניט געגוג, אז ער וויל ניט געבען, וואלט ער נאך דערצו גערן דער־הרג'עט יענעם, וואס גיט יא, ווייל ער וויל ניט זעהן קיין גרעסערען יחסן פון זיך. און קין, מיט דער קללה פון גאט, בוועט שטענדיג פאר זיין זוהן חנוך און ווערט

שפעטער, לויט רשי'ס פירוש אויף למד'ס רייד צו זיינע ווייבער, דער'הרג'עט פון זיין אייניקעל תובל קין.

דאס קען מען היינט אויך זעהן, ווי מענשען גיבען ניט קיין צדקה, נאר בויען הייזער און שטעדט פאר זייערע קינדער, וועלכע דער'הרג'נען דערנאך גייסטיג און אפילו קערפערליך דעם קארגען טאטען אדער זיידען.

* * *

הייסט עס, אז מסתמא האט דאך אדם אנגעזאגט זיין ווייב, אז זי זאל פון עץ הדעת ניט עסען, און דאך האט זי ליבער געפאלגט דער שלאנג.

און עס איז פארבליבען אן אייביגקייט, ווייל ביז היינט וועלען די מעהרסטע פרויען ליבער פאלגען סיי וועלכע שלאנג, אבי ניט דעם אייגענעם מאן.

* * *

דער מענש, כאטש דער „בחיר היצורים", דער העכסטער פון אלע באשעפענישען, דאך איז ער געווען דער לעצטער צום באשאפען ווערען.

דאס איז מסתמא, ווייל דער באשאפער האט געוואוסט, אז דער מענש וועט וועלען אלעס וויסען, און אפשר טאקי וועלען געבען עצות און קריטיקירען, און זיין באשאפונג האט דעריבער געמוזט קומען גאר דאס לעצטע, אויף אלעס פארטיגען.

ווייטער געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה, אז גאט האט אנגעזאגט צו אדמ'ען, ער זאל ניט עסען פון עץ הדעת, און דאן האט ער ערשט באשאפען חוה'ן.

און דער באשאפער זעהט אז די וועלט איז ניט פינקטליך ווי ער האט זי אויסגערעכענט, ווייל דער מענש איז שוואך בייצושטעהן דעם בייזען געדאנק, און ער באשליסט צו מאכען אן ענדערונג דורך א מבול.

האט שוין דאס צופרידענגעשטעלט דעם בורא? דאס וועלען מיר זעהן אין דער סדרה פון קומענדער וואך.

נח

און דער באשאפער וויל מער ניט דולדען די פארדארבענהייט פונ׳ם דור, און באשליסט, „ק ץ כ ל ב ש ר ב א ל פ נ י״, די ענדע פון דער וועלט איז געקומען, איך וועל זיי פארניכטען מיט דער ערד, זאגט דער באשעפער צו נח׳ן.

נח איז א צדיק, אבער לויט רש״י איז נח נור א צדיק אין יענעם דור, און וואלט אין אברהם׳ס דור זיך גארניט אנגעזעהן.

דאס הייסט, נח ווערט באטראכט אלס א „צדיק אין פעלץ״, וואס אז איהם איז ווארים ארט איהם ניט אויב אן אנדערער ווערט געפרוירען.

נח דער צדיק, וואס איז לויט רש״י פון די קליינע גלויבער, אפילו אינ׳ם מבול, און געהט נור אריין אין תבה, ווען דאס וואסער שטויסט איהם שוין אריין, — אט דער צדיק, אבי נאר ער הערט, אז ער מיט זיין ווייב און קינדער וועלען זיך ראטעווען אין דער תבה. און אלע אנדערע וועלען פארניכטעט ווערען, פאלט איהם גארניט איין צו בעטען דעם באשעפער, ער זאל בטל מאכען די גזרה, אזוי ווי אברהם האט געטון אין דער צייט פון איבערקעהרען סדום, ער זוכט ניט צו באוועגען דעם דור זיי זאלען תשובה טוהן, און דעריבער, איז רש״י גאנץ גערעכט מיט דער באמערקונג, אז אין אברהם׳ס דור וואלט נח גאר אין אנבעטראכט ניט גענומען געווארען.

נח׳ס צדקות דארף אבער דינען אלס א מ ו ס ר ה ש כ ל, אזוי לאנג ווי די וועלט וועט נאך שטעהן, און דאס איז, אז א פיהרער פון א באוועגונג, וואס איז נור אויסען צו באזארגען זיך מיט זיין פאמיליע, און איז א קנאפער גלויבער אין דער גאנצער באוועגונג — אזא פיהרער, קען לייכט חרוב מאכען ניט נור די באוועגונג, נור אפילו א וועלט קענען אזעלכע פיהרער אויך חרוב מאכען; אזא פיהרער, איז דער אמת׳ער „צדיק אין פעלץ״.

און אט דער נח קריעגט דעם קאנטראקט אויף צו בויען א תבה, און אז נח האט געמאכט א סך פעהלערען אין דער בוי־ארבייט, איז גענוג דאס ווערטעל, וואס די וועלט זאגט, אז מ׳קען אויסלעגען „זאויעהד״ מיט זיבען פעהלערען, און איך דענק אז דאס ווערטעל איז אזוי אלט ווי דער מבול, ווייל אין דער אמת׳ן, האט דאס ניט געדארפט זיין קיין ערשט־קלאסיגער בנין, אז נח האט געמוזט ארויסשיקען פייגעל, זיי זאלען איהם ברענגען די נייעס, אויב דאס וואסער האט שוין אויסגעטריקענט, ווען דער פויגעל איז צוריק געקומען, האט נח געדארפט ארויסשטעקען די האנד אום אים צו קענען צוריק אריין נעהמען, און טאמער איז ער נור ארוים פון דער תבה, האט

ער ניט גענומען ערשטענס מראכטע וועגן געבען זיינע קינדער א גוטע ערציהונג, אום עס זאל פון זיי ארויסוואקסען א בעסערער דור, נור ער האט זיך געפלאנצט א וויין־גארטען און זיך גוט אנגע'שכור'ט, און זיין אייניקעל כנען האט איהם טאקי באלד געוויזען וואס הייסט ניט געבען א קינד קיין ריכטיגע ערציהונג.

און אלע עלטערען, וואס זייער גלעזעל וויין שטעהט ביי זיי העכער פון דער ער־ציהונג פון זייערע קינדער, וועלען אמאל זייערע קינדער זיך מיט זיי אפרעכענען.

פון יעדער כשר'ע בהמה און חיה הייסט דער באשעפער אריינגעהמען אין תבה צו זיעבען פאר, און פון די טריפה'נע צו איין פאר פון יעדע. א טריפה'ניאק איז געוועהנליך אייננער פון זיעבען... און דער סוף איז געווען אז איין טריפה פאר איז אויך געווען צופיעל, ווייל די טריפה'ניאקעס האלטען זיך אין איין מעהרען, און עס איז נור א נס, וואס דער באשעפער האט געשוואוירען מעהר ניט צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט, אנדערש, וואלטען מיר היינט צוליעב די טריפה'ניאקעס שוין געהאט ווער ווייסט וויפיעל מאהל דעם מבול.

„וימח את כל היקום" און דער מבול האט אלעס אפגעמעקט. און דא קומען מיר ווייטער אין א שטיקעל צוזאמענשטויס מיט דער וויסענשאפט. היסטא־ריקער ווילען באווייזען אז עס געפינען זיך פעלקער וואס צעהלען זייער היסטאריע מיט טויזענדער יאהרען בעפאר דעם מבול, צווישען וועלכע פעלקער די כינעזער זענען אריינגערעכענט. ווילען מיר פרובירען צו באווייזען, אז די וויסענשאפט מיט אונזער תורה איז ניט אין ווידערשפרוך.

דער תלמוד זאגט אונז, אז ארץ ישראל האט ניט געליטען פון דעם מבול, און אויב ארץ ישראל האט ניט געליטען, איז דאך אויך מעגליך, אז דער באשעפער האט אויך כינא ארויסגעלאזט פון דעם „ו י מ ח" און אפשר נאך אייניגע לענדער.

אין דער אמת'ן לאזט זיך אזא זאך גלייך גלויבען, ווייל וואס אומשטיינס געזאגט קען באשטעהן די זינד פון כינעזער וועלכע לעבען זיך שטיל און רוהיג, קומען אפ זייער בעסטען מאהלצייט מיט אביסעל רייז, לאזען זייערע ווייבער די קעפ ניט אויפהויבען, צו קוקען חלילה אויף פרעמדע מענער, קומען זיי אין א פרעמד לאנד, ארבייטען זיי שווער, וואשען די וועש פאר אנדערע, זענען צופרידען מ'לאזט זיי לעבען, טו פאר וואס קומט זיי א מבול? זענען מיר העריבער געצווינגט צו גלויבען, אז דער מבול האט זיי אויסגעמידען, און מיר זענען שלום מיט דער וויסענשאפט.

און דער באשעפער בענשט נח'ן מיט זיינע קינדער און זאגט צו זיי, „מעהרט זיך, פרוכפערט זיך און פילט אוים די וועלט".

„אלע חיות און אלע בהמות, פויגעל פון הימעל און פיש פון וואסער, ווערען אין אייערע הענט איבערגעגעבען, אבער קיין לעבעדיגע זאלט איהר זיי ניט עסען, זייט ניט קיין קאניבאלען, און ווען איהר וועט פארגיסען מענשליכע בלוט וועל איך אייך דאס ניט שענקען „שופך דם באדם דמו ישפך" — בלוט וועט מיט בלוט באצאלט ווערען".

מיר אידען זענען אזוי ווייט פון פארגיסען בלוט אז מיר האבען עס גלייך איבערטייטשט, אז שופך דם זיין מיינט ניט בלויז פארגיסעןווירקליך בלוט, נור

עס מיינט אפילו יענעם מביש זיין. דעריבער שטעהט שופך דם האדם באדם, דאס בלוט ווערט פארגאסען אינ'ם מענשען זעלבסט; זאגען, אדער טהון יענעם א זאך פון וואס יענעמ'ס בלוט זאל רינען, אט דאס הייסט ביי אונז „שופך דם האדם באדם" און עס איז א גרויסער פארברעכען.

און וואלט דאס געוואוסט דער מעיאר פון מעסינא, ניו יארק, וואלט ער פאר־שפארט יעצט זיך צו פארטיידיגען, און ארויסווייזען זיין עם הארצות, זאלען מיר אבער צופרידען זיין וואס די פעלקער האבען אנגעהויבען צו שטודירען אונזער ביבעל, און הויבען אונז אן בעסער צו פארשטעהן.

נח'ס קינדער האבען זיך אנגעהויבען מעהרען, און געהאט קינדער מיט עפעס אזעלכע משונה'דיגע נעמען, אז די תורה דערמאנט זיי נור ביילויפיג, און שטעלט זיך אפ מיט זיי אויף א ווייל, ווען זיי האבען געפלאנט צו מאכען א טורעם אום צו גיין קאנקורירען מיט'ן באשעפער.

און די תורה דערציילט אונז, אז זייער שטראף איז געוועזען, דאס זייערע שפראכען זענען צומישט געווארען, אט די שפראכען־מלחמה האט זיך דאן אנגע־הויבען, און זייט דאן, ווען מיר האלטען ביי עפעס בויען, סיי פאר א גוטען צוועק און סיי פארקעהרט, קומט אלץ די שפראכען מלחמה, און העלפט צושטערען די ארבייט.

אפילו ביי דער אויפבויאונג פון אונזער לאנד, שטעהט אויך די צומישונג פון דער שפראך ווי א שטן.

די מלחמה פון דער „מגני השפה", וואס איז לעצטענס פארגעקומען אויף די פועלי ציון באר רעדען אידיש, שטערט אויך א געוויסען גראד דאס אויפבויען פון אונזער לאנד.

אין סיי וועלכען לאנד מיר קומען, ליידען מיר פון דער צומישטער שפראך, אזוי וואלטען די דייטשע יהודים געוואלט מיר זאלען נור רעדען דייטש, און אזוי שעמען זיך די ענגלישע און אמעריקאנער יהודים וואס מיר רעדען אידיש, און די צומישונג פון אונזער שפראך, שטערט דערהווייל אין אלעם, וואס מיר ווילען בויען, די צומישונג פון דער שפראך איז געווען אלס א קללה, כדי מיר זאלען נים וועלען בויען קיין קריגערישע בנינים, און עס שטערט אונז אבער, אויך ניט צו קענען בויען וואס דארף געבויט צו ווערען.

ווייטער דערצעהלט אונז די היינטיגע סדרה, פון א רייע געבורטען וואס מיר געדענקען אפילו ניט זייערע נעמען, ווייל זיי זיינען אונז ניט וויכטיג, ביז עס קומט צו אונזער פאטער אברהם און זיין פרוי שרה, און דא באמערקט די תורה אויפ'ן ארט, ותהי שרי עקרה, שרה האט קיין קינדער ניט געהאט, ווייל א יצחק ווערט ניט אזוי לייכט געבוירען...

כדי צו ענדיגען אונזער פרשה יעדע וואך מיט א גלייך ווערטעל, וועל איך דא דערמאנען א פאלקס־ווייז אויפ'ן „ותמלא הארץ חמס".

אין דער צייט וואס דער עם הספר האלט זיך מיט זיין תורה, קענט איהר אין א אידיש הויז געפונען פון א תנ"ך ביז א גמרא, און אלע מפורשים, ספרי מוסר, און אפילו פון אלע וועלטליכע וויסענשאפטען, דאמאלסט איז דער עם ספר אין זיין ריכטיגען גלאנץ, באשטעהט אבער די אידישע ביבליאטעק בלויז פון חמס, וואס איז די ראשי תבות חומש, מחזור, סידור, ווערט דער דור באטראכט גלייך מיט'ן דור המבול.

לך לך

די ערשטע באקענונג פון אונזער פאטער אברהם מיט דער ריינער געטליכקייט, גיט באלד דעם ערשטען איד צו פארזוכען דעם אידישען טעם פון „לך לך", די מעשה מיט'ן „וואנדערענדען איד" הויבט זיך אן מיט'ן ערשטען איד.

דער באשעפער זאגט איהם: „געה פון דיין לאנד, פון דיין געבורטס ארט". וואוהין?

דער זעלבער גלותדיגער „וואוהין?" דער זעלבער פראגע צייכען מיט אן ענט־פער: „אל הארץ אשר אראך", אין דעם לאנד וואו איך וועל דיר אנווייזען, נאר מיט דעם קליינעם אונטערשייד, וואס אברהם, דאן כמעט דער איינציגער איד, האט **נאך ניט געליטען פון דער קוואטע סיסטעם און „נארדישען פארצוג"**.

געבענשט איז דאס פאלק, וואס זיצט אויף זיין אייגען לאנד: געהסטו אבער אין פרעמדע לענדער, „ואברכך ואגדלה שמך", וועל איך דיר בענשען, און דיך גרויס צו מאכען, און טאקע מיט דער ברכה פון דעם באשעפער, קען נאר מעגליך זיין, אז אפילו אין די לענדער וואו מ'זעהט אונז ניט גערן, ווערט אויף אונז מקוים די ברכה פון „ואגדלה שמך". מיר זענען נאך אלץ א גרויס קולטור־פאלק צו להכעים די שונאים.

„וילך אברהם", און אברהם געהט ווי גאט הייסט איהם, אבער לוט געהט מיט אברהם'ען; לוט, דער צוקונפטיגער סדום־איינוואהנער, געהט ניט ווייל גאט האט געהייסען, נאר ווייל ער האט דערביי פערזענליכע אינטערעסען. ער ווייסט אז אברהם איז רייך, און שוין אויף דער עלטער, און קיין קינדער האט ער ניט, דעריבער „וילך אתו לוט", געהט ער מיט אברהמ'ען. ער זוכט דערביי זיינע אייגענע אינטערעסען — צו ווערען א רייכער יורש.

און נאך היינט טרעפט איהר אזעלכע, וואס געהען נאך די מידה פון אונזער פאטער אברהם, זיי ווילען שאפען, בויען, ווייל זייער גייסט פאדערט דאס פון זיי, און זיי האבען אויך נאכשלעפער ווי לוט, וואס זוכען דערביי זייערע אייגענע אינ־טערעסען, און זענען דעריבער אלעמען חושד מיט זייערע ניט ריינע מאטיווען.

אברהם וואנדערט אדורך דאס גאנצע לאנד כנען, און דער באשאפער באווייזט זיך צו איהם, און זאגט: „אט דאס לאנד גיב איך אוועק צו דיינע קינדער", און אברהם בויעט דארט א מזבח, אום צו מאכען לעגאל דעם קנין אדער „קושאן", און שוין האבענדיג אן אייגען לאנד, וואו עס הערשט א הונגער, וואנדערט אברהם אוש קיין מצרים.

דא זעהען מיר ווייטער דעם זעלבען „וואנדערענדען איד", וואס כאטש איהם איז מען ניט גערן, אבער זיין ווייב, שוועסטער און טאכטער, וויל מען ביי איהם

מיט געוואלד צונעהמען. דאס האט פאסירט מיט שרה'ן, אברהמ'ס ווייב, און דאס זעלבע האט אויך פאסירט אין פוילען, ווען מ'האט געהאסט דעם אידען, דאך געוואלט צונעהמען זיין ווייב אדער טאכטער, און דאס זעלבע האט פאסירט אין רוסלאנד, וואו מ'האט אונז ניט ארייננעלאזט קיין מאסקווע אדער פעטערבורג, אבער ארייננעלאזט אונזערע טעכטער, אויב זיי האבען נאר געהאט די „געלע פאספארטען", וואס מיינט, אז זיי גיבען זיך איבער צו אונזערע פארפאלגער.

אפילו אין פרס ומדי, ווען דער גזר איז ארויס אומצוברענגען אלע אידען, איז א אידישע טאכטער געווען גוט גענוג צו זיין די קעניגין.

אברהם מאכט אבער אין מצרים, דער אמאליגער אמעריקע, א גרויס פארמעגען. און וויסענדיג אז דאס איז ניט זיין לאנד, ווארט ער נאר ביז מ'וועט איהם פון דארט ארויסטרייבען, און ער נעהמט זיין פארמעגען מיט'ן וואנדער־שטעקען און „וילך למסעיו", ווייטער געוואנדערט.

ער קומט צוריק קיין לאנד כנען, און געפינט מסתמא, אז זיין מזבח האבען די אראבער שוין פארנומען, אלס „זייער הייליגטום", און דער באשעפער זאגט איהם ווייטער, אז דאס לאנד באלאנגט צו איהם און אברהם בויעט ווייטער א מזבח. דאס גיט אונז פיליכט אן אנווייזונג, אז אום צו באזיצען אונזער לאנד, דארפען מיר כסדר ברענגען קרבנות...

לוט האט שוין א שטיקעל פארמעגען, און דער אלטער כלל צו ווערען אז עזות פנים ווען מ'ווערט נאר רייך, האט דאן זיך אויך ארויסגעוויזען ביי די מחלוקת'ן צווישען אברהם און לוט'ס פאסטוכער, אבער אברהם האט דעם מוט צו זאגען א סדומ'ניק: „הפרד נא מעלי" — געה אוועק פון מיר, — וועסטו געהן רעכטס, וועל איך געהן לינקס, און וועסטו געהן לינקס, וועל איך געהן רעכטס. אפנים אז „לינקע" מיט „רעכטע" האבען דאמאלסט אויך ניט געקענט געהן צוזאמען...

און וואוהין געהט לוט? קיין סדום!

הלואי וואלטען מיר געקאנט אנהאלטען די מידה פון אברהמ'ען, צו קענען שיקען די סדום־לייט אויף זייער פלאץ, אום זיי זאלען ניט מאכען קיין סדום דארט, וואו זיי געפינען זיך נאר.

ווען אברהם דערהערט פון א מלחמה צווישען עטליכע לענדער, אריינגערעבענט סדום, וואו לוט איז גענומען געווארען א געפאנגענער, לאזט ער זיך ארויס מיט זיינע מענשען, האלט מלחמה מיט זיינע פאנגער, און באפרייט לוט'ן, און דא פאלט אויף איהם א שרעק און ער ווערט אנטשלאפען, ווען גאט באווייזט זיך צו איהם און זאגט איהם: „שרעק זיך ניט, אברהם, איך באשיץ דיך," און די נעמען פון אברם און שרי ווערען געענדערט צו אברהם און שרה, און דער באשעפער איז מיט איהם „כורת ברית" און זאגט איהם, אז ער וועט האבען א זוהן און דוקא פון שרה.

אברהם שמייכעלט אפילו און זאגט: „ווי קאן איך אויף דער עלטער האבען א זוהן," אבער ער גלויבט אין גאט.

שרה, הערענדיג אז גאט האט פארשפראכען אברהמ'ען א זוהן און דענקענדיג אז זי איז שוין צו אלט, באנוצט זי זיך מיט איהר דינסט הגר, און גיט זי איהם אלס ווייב, אבער אז שרה דערזעהט דאס הגר איז מעוברת, פארדריסט עס זי אויף איהר מאן, און זאגט: „ישפוט ד'", זאל גאט צווישען אונז אור־

טיילען. רש"י ערקלעהרט, אז אין באצוג צו אורחים איז שרה געווען ווי אלע אנדערע ווייבער. זאגען מיר: נים נאר אין באצוג צו אורחים, נאר אויך אין א סך אנדערע הינזיכטען, ווי דאס ווייזען איהרע טענות צו אברהמ'ען אין באצוג צו הגר'ן.

שרה, ווי דער שטייגער פון פרויען, פייניגט דאן הגר'ן, און הגר אנטלויפט פון איהר בעל הבית'טע, און דער מלאך טרעפט זיך מיט איהר און זאגט איהר: „געה צוריק, הגר, צו דיין בעל הבית'טע, דו וועסט געבוירען א זוהן, און זאלסט איהם רופען ישמעאל, און דיינע קינדער וועלען זיך מעהרען אזוי, אז מ'וועט זיי גארניט קענען איבערצעהלען, אבער זאלסט וויסען אז דיין ישמעאל'קע וועט זיין א ווילדע בריאה, אלעס וועט ער וועלען פארכאפען, „ידו בכל" — ער וועט אויף אלעס וועלען לייגען זיינע הענט.

און אזוי איז טאקע ישמעאל'קע געבליבען ביז היינטיגען טאג. אלץ וויל ער פארכאפען, אפילו אויף אונזערע הייליגטימער אין ארץ ישראל האט ישמעאל אויך אוועקגעלעגט זיינע הענט, דעריבער גלויבען מיר, אז די הבטחה, וואס מ'האט אונז געגעבען, מוז אויך מקוים ווערען.

און אברהם, אין עלטער פון 99 יאהר, איז זיך מל צוזאמען מיט ישמעאל'ן, וועלכער איז אלט געווען דרייצעהן יאהר, און די גאנצע הויז־געזינט איז זיך מל.

עס איז מעגליך, אז אזוי ווי גאט האט נאר וואס געהאט געבענשט אברהמ'ען, האט ער נים געוואלט דינגען קיין מוהל אום ער זאל איהם נים מאהנען „מי שברך" געלט.

און ער האט דעריבער זעלבסט געדינט אלס מוהל...

דאס גיט אונז אויך א לעקציע, אז קיין פאטער האט נים קיין ווירקונג ביי זיינע קינדער און הויז־געזינד, ווען ער הייסט זיי עפעס טאן אזעלכעס, וואס ער אליין טוט נים.

דער באשעפער זאגט טאקי דאן צו אברהמ'ען: „ולישמעאל שמעתיך", איך וועל ישמעאל'ן מאכען פאר א גרויס פאלק, אבער מיין קאנטראקט מיט דיר וועל איך האלטען פאר דיין זוהן יצחק, וועלכען דו וועסט האבען פון שרה'ן.

וירא

דריי מלאכים פארשטעלט אלס מענשען, זיינען געקומען צו אברהמ'ען אין דער צייט, ווען דער באשעפער האט זיך צו איהם באוויזען, אום איהם מבקר חולה צו זיין.

אברהם מיינט לכתחילה אז דאס זיינען אורחים, לויפט ער זיי אנטקעגען, און אז זיי דערציילען איהם ניט ווער זיי זיינען, גיט ער זיי, לויט רש"י, יעדען א צונג, אז אנוויזונג אז זיי זאלען רעדען. און אז זיי שווייגען ווייטער, טראכט ער שוין, אז דאס זיינען עפעס ניט קיין פראסטע מענשען. און ער גיט זיי ספעציעל פלייש מיט פוטער, און ווען זיי עסען דאס, פארשטעהט ער שוין, אז דאס זיינען קיין מענשען ניט.

ווייל נאר א ניט-מענש וועט ביי א פרומען אידען עסען פלייש מיט פוטער, אבער אברהמ'ען איז דאס נאכהער צונוץ געקומען פאר זיינע קינדער.

דער מדרש דערצעהלט אונז, אז ווען משה איז געקומען אין הימעל אריין, צו נעהמען די תורה, האבען די מלאכים פראטעסטירט, „מה לילוד אשה בינינו", וואס טוט א מענש צווישען אונז — האבען זיי געפרעגט, און האבען איהם געוואלט הרג'ענען.

האט דער באשעפער געווארט, אז משה'ס פנים זאל אין די אויגען פון די מלאכים אויסזעהן גלייך צו אברהמ'ען, און די מלאכים האבען איהם דאן צורוה געלאזט.

מיר זענען זיך משער, אז דער רבונו של עולם האט דאס געטאן, ווייל ער האט געוואוסט אז פאר אברהמ'ען וועלען זיי מורא האבען, ער זאל ניט אויסזאגען אז זיי האבען ביי איהם געגעסען מילכיגס און פליישיגס צוזאמען.

אברהם האט אבער שוין אויסגעפונען, אז דאס זענען ניט סתם קיין טריפ'-ניאקעס, וואס עסען פליישיגס מיט מילכיגס, ווארים ווען איינער פון זיי האט איהם אנגעזאגט, אז שרה וועט האבען א קינד און שרה האט געלאכט (און וועלכע פרומע פרוי וואלט ניט געלאכט, ווען חברה וואס עסען פלייש מיט פוטער פארשפרע-כען ניסים?) האט גאט געפרעגט: למה זה צחקה שרה? פארוואס האט שרה געלאכט? — האט זי זיך באלד פארטיידיגט: „לא צחקתי", איך האב ניט גע-לאכט. באמערקט גלייך דער פסוק: כי יראה, שרה האט מורא געהאט פאר גאט. דער פאקט אבער בלייבט, אז זי האט יא געלאכט, ווייל אז מען האט מורא פאר גאט, איז טאקע שווער זיך פארצושטעלען, אז מענשען, וואס עסען מילכיגס מיט פליישיגס צוזאמען, זאלען קאנען ריידען אין נאמען פון גאט...

אברהם האט, ווי געזאגט, זיך ש וין דערוואוסט, אז דאס זענען מלאכים. און ווען ער האט זיי דערזעהן זיך שטעלען מיט'ן פנים צו סדום, האט ער פאר־שטאנען, אז ער קאן זיי באגלייטען, ווייל אין דער קאמפאניע פון מלאכים איז דער מענש זיכער, אפילו ווען ער געהט אויף דעם וועג קיין סדום...

און דא האבען מיר פאר זיך א מערקווירדיגען סימבאל: מענשען זענען געווען גע־וואוינט צו פארטיידיגען זייערע שלעכטע מעשים מיט דעם תירוץ, אז זיי זענען באאיינפלוסט געווארען פון דער שלעכטער סביבה. אין אונזערע מקומות למשל, איז מען געווינט אין אלצדינג צו באשולדיגען אמעריקע. רעדט מען למשל צו אידען, למאי זיי פארנאכלעסיגען די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער, איז דער תירוץ: „אמעריקע״. אט האבען מיר אבער א ביישפיל פון א מענשען, וואס איז אפילו אויף'ן וועג קיין סדום געווען ארומגערינגעלט פון מלאכים, און אז מען וויל, זענען די מלאכים דא ניט מעהר ווי א סימבאל פון יענער גייסטיגער גבורה, וואס אברהם האט געטראגען אין זיך, און וואס אנבאלאנגט דעם „ויאכלו״ האט שוין רש״י פארענטפערט, אז עס איז געווען ניט מעהר, ווי א דמיון... מאלע וועלכע נסיונות א מענש, אפילו דער גרעסטער צדיק, קאן האבען...

דער עיקר אבער איז, אז מען קאן ביישטעהן דעם נסיון, און ווער איז נאך געווען אזוי פעהיג אויף דעם, ווי אברהם אבינו?

און מיט דעם ווערט שוין פארשטענדליך, וואס גלייך נאכדעם איבערצייגט זיך גאט, אז אברהם וועט טאקע אנזאגען זיינע קינדער און קינדס־קינדער צו געהן אין די וועגען פון גאט און צו טאן צדקה און משפט, ווייל אויב א איד בלייבט גאנץ אין וואס פאר א סביבה ער זאל זיך ניט געפינען, איז שוין זיכער, אז ער וועט זארגען פאר דער גוטער אידישער ערציהונג פון זיינע קינדער.

און עס זענען אט די אידען, וואס צו זיי ווערען אנטפלעקט די סודות פון דער געטליכקייט, און דער באשעפער אנטפלעקט דאן פאר אברהמ'ען, וואס ער האט בדעה צו טאן מיט סדום און עמורה. דא ווייזט זיך ארויס, אז אברהם איז צו אלע אנדערע מעלות אויך געבענשט מיט דער מידה פון רחמנות, און ער הויבט זיך אן דינגען מיט דעם רבונו של עולם. ער איז אויף אזוי פיעל איינגעגלויבט, אז מענשען קאנען גוט זיין, אז ער איז ביי זיך זיכער, דאס ווענינגסטענס דארפען אין סדום זיך געפינען כאטש פופציק צדיקים. ער הערט אבער, אז גאט איז גרייט צו שוינען גאנץ סדום, אויב עס זאל מעגליך זיין צו געפינען דארט פופציק צדיקים. דערפון איז זיך שוין אברהם משער, אז עס איז שוין אומזיסט צו זוכען, ווייל פאר גאט זיינען קיין סודות ניטא. דינגט זיך אברהם ווייטער מיט'ן רבונו של עולם, ביז ער פיעל'ט, אז גאט זאל שוינען די זינדיגע שטאדט צוליב בלויז צעהן צדיקים. אז עס זאלען זיך קיין צעהן עהרליכע מענשען אפילו ניט געפינען אין סדום, דאס קאן זיך אברהם ניט פארשטעלען.

ווארים אין ווייניגער פון צעהן איז קיין „יוד״ נישטא...

לוט דערזעהט די דריי מלאכים און דערקענט זיי, ער לאדעט זיי איין אין הויז און מאכט פאר זיי א מאלצייט. ווען די סדום חברה ווערען געוואויער, באלא־גערען זיי דאס הויז.

„האחד בא לגור״, טענה'ען די סדומ'ער. א פרעמדער איז אהער געקומען זיך באזעצען, צום סוף וויל ער גאר ווערען א שופט, אזוי טענה'ען זיי. און חברה

ווייסען ניט, אַז גראָדע אין סדום איז דאָס זעהר פּאַסיג, ווייל אין יעדער סדום'ער קהלה, ווערט דער פיהרער אַזעלכער, וואָס איז פרעמד, פאַרשטעהט ניט די נויטען פון זיין קהלה, קען אפילו זייער שפּראַך ניט רעדען, דאָך ווערט ער אַ פיהרער. אַט דאָס איז גראָדע פּאַסיג פאַר סדום.

און אַט האָט איהר אַ ביישפּיעל פון אַ סדום'ער צדיק לוט. ווען חברה ווילען אַרויסקריגען די אורחים, שלאָגט זיי לוט ניט פאַר קיין געלט, אָדער אַנדערע ווערטהפולע חפצים, נאָר ער גיט זיי, זאָגט ער, זיינע צוויי טעכטער, וואָס זיינען נאָך גאַנץ אומשולדיג, און זאָלען זיי מיט זיי טאָן וואָס זיי ווילען. אַט דאָס איז אַ סדום'ער צדיק.

און דאָ האָט ער אפילו געזאָגט אַ ליגען, אַזוי זיינען מיר זיך משער, ווייל די טעכטערלאָך „אשר לא ידעו איש" האָבען באַלד די ערשטע נאַכט, ווען די מוטער איז ניט געווען אין הייל, אָפּגעטאָן עפּעס מיט'ן פאָטער, וואָס ווייזט ניט, אַז זיי זאָלען האָבען געווען „נאַאיווע מיידלאָך".

און די אנשי סדום וואָלטען שוין אפשר באַשטאַנען אויף'ן „באַרגיין", האָבען אָבער די מלאכים זיי פאַרבלענדעט און זיי האָבען געמוזט פאַרלאָזען דאָס הויז.

און לוט איז געבליבען ביי די טעכטער.

מען דערצעהלט, אַ געוויסער גאון האָט אָנגענומען זיין רבנות שטעלע אין ווילנע, האָט ער אויסגערעדט מיט די בעלי בתים זיי זאָלען איהם ניט רופען צו קיין אסיפות, סיידען זיי וועלען האַלטען ביי מאַכען נייע תקנות.

אַמאָל האָבען ווילנער בעלי בתים געוואָלט מאַכען אַ תקנה, אַז מען זאָל ניט לאָזען אָרעמע לייט ארומגעהן אין די הייזער. האָבען זיי צו דער אסיפה גערופען דעם גאון.

און ווען דער גאון האָט געהערט פון זייער תקנה, האָט ער געזאָגט צו די בעלי בתים: „איך האָב דאָך אויסגערעדט מיט אייך, אַז איהר זאָלט מיך ניט רופען צו אסיפות פון אַלטע תקנות?".

„לעבען זאָלט איר, רבי, דאָס איז דאָך אָבער אַ נייע תקנה".

„נעהמט — זאָגט דער רבי — דאָס איז שוין אַן אַלטע תקנה, נאָך פון די סדום'ער בעלי בתים".

און עס פאַרשטעהט זיך, אַז די תקנה איז ניט געמאַכט געוואָרען.

די מלאכים האָבען דאַן געזאָגט לוט'ן וואָס זיי געהען דאָ אָפּטאָן, און איהם געהייסען דאָס זאָגען זיינע זיהן און צוקונפטיגע איידימס אין שטאָדט.

אָבער לוט'ס איידים האָבען פון זייער שווער זיך אויסגעלאַכט, און דעריבער איז בלויז לוט מיט זיין ווייב און די צוויי טעכטער אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען, אָבער אויף'ן וועג איז לוט'ס ווייב אַ שאַד געווען צו פאַרלאָזען סדום און זי האָט אַלץ געהאַלטען אין זיך אומקוקען אויף צוריק, ביז זי איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטיק זאַלץ.

און פון אַט די דריי — לוט מיט זיינע טעכטערלאַך — זענען דאָס אַרויסגעקומען די צוויי פעלקער עמון און מואב, פון וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויס נחת.

דאָס ציייגט, אַז פון סדום'ער אייניקלאַך קען מען קיין גוטעס ניט ערוואַרטען.

און דעם באשעפער׳ס פארשפרעכען ווערט מקוים. שרה ווערט ענטבונדען מיט א זוהן און אברהם גיט איהם א נאמען יצחק.

און עפעס געהט ארום א לשון הרע איבער דעם קינד פון די צוויי אלטע לייט, אבער יצחק זעהט אויס גראדע ווי אברהם, און שרה מאכט א פארטי פאר פרויען און זויגט אן זייערע קינדער, און דערמיט ווייסען אלע, אז יצחק איז דער זוהן פון אברהם און שרה.

מאראל: מיר טארען זיך ניט אפזאגען פון בייעשטייערען אונזער חלק צו דער וועלט קולטור, אבער פריהער פאר אלץ מוז מען באזארגען די אייגענע קינדער. דאס האט באוויזען שרה, אנזויגענדיג די פרעמדע קינדער ערשט נאכ׳ן אנטוויינען איר אייגענעם קינד יצחק.

און שרה׳ן געפעלען ניט ישמעאל׳ס שפילערייען מיט יצחק׳ן, זי קען ניט פארטראגען די אראבישע שמד־שטיק, און זי פארלאנגט אז אברהם זאל איהם מיט זיין מוטער הגר ערגעץ פארשיקען. און אברהם קריגט אן עצה פון דעם באשעפער ער זאל פאלגען זיין ווייב.

ישמעאל דארף שוין זיין א יונג פון ארום פופצעהן יאהר. דאך האט ער שכל פון א קינד, ווייל ער ווערט אנגערופען „ילד", און זיין מוטער נעהמט פאר איהם אן עגיפטישע ווייב און ער ווערט א יעגער.

חיי שרה

שרה האט געלעבט הונדערט מיט זיבען און צוואנציג יאהר און איז געשטאר־בען אין חברון.

חברון, איז דאס פלאץ אין וועלכען דער באשעפער האט צוגעזאגט אברהם׳ען שוין צום דריטען מאהל, אז דאס לאנד וועט באלאנגען צו זיינע קינדער.

אין חברון, האט אברהם שוין צווי מאהל אויפגעשטעלט מזבחות, אום צו פארצייכענען דעם קנין אויף׳ן לאנד.

און טאקי אינ׳ם זעלבען חברון, און פיליכט אויף׳ן זעלבען פלאץ, וואו אברהם האט זיינע מזבחות אויפגעשטעלט, וויל אברהם מקבר זיין זיין ווייב שרה, און ער מוז בעטען א שטיקעל פלאץ ביי די בני חת.

די בני חת ווילען איהם געבען א שטיקעל פלאץ פאר אן איינצעלנעם קבר, אבער אברהם וויל א פאמיליען־קבר און דערפאר באצאהלען, ער וויל פון זיי ארויסקריגען א קושאן (א דיד אף סייל) און עפרון זאגט איהם, אז ער גיט איהם דאס פלאץ בלויז פאר עדות, און וואס אמבאלאנגט באצאהלען, וואס שפילט דא א ראל פיער הונדערט שקלים?

פארשטייט אברהם, אז עפרון וויל א צו גרויסען פרייז פאר א שטיקעל לאנד וואס איז נאר גוט פאר א בית הקברות. אבער ער דינגט זיך ניט, אין באצאהלט דעם פרייז פון זיין אייגען לאנד, און קריגט אלץ ניט קיין געשריבענעם קאנטראקט. נאר אלע שטאדט לייטע זיינען עדות, אז אברהם האט אפגעקויפט דאס שטיקעל לאנד מיט׳ן אומגעגענד, און דאן איז ער מקבר זיין ווייב שרה.

וואלט אברהם געקראגען א געשריבענעם כתב אויף׳ן שטיקעל לאנד וואלטען אפשר די אראבער יעצט ניט געהאט די חוצפה דאס צו ערקלעהרען אלס זייער אייגענטהום, ניט צולאזענדיג אונז אפילו נאהענט צו דער מערת המכפלה, און אפשר, וואלט דאס אויך ניט געהאלפען, ווייל ווי לאנג ישמעאל דענקט, אז ער איז דער יורש פון אברהם׳ן און ניט יצחק, מוזען מיר דערוויל פאר יעדען שטח לאנד, וואס איז גוט פאר א ביתהקברות, צאהלען בכסף מלא; מיט גוטע געלד.

ישמעאל זאגט ביי יעדען לאנד קויף, וואס אנבאלאנגט אין געלט: „ארבע מאות שקל כסף ביני וביניך מה הוא?״ — וואס פאר א ראל שפילט ביי אברהמ׳ס קינדער עטליכע הונדערט שקלים?

און צוריק געשמועסט, עס איז דאך אונזער לאנד, קען דאך קיין פרייז ניט זיין צו הויך פאר אונז, צאהלען מיר טאקי נאך עד היום די העכסטע פרייזען פאר די

ערגסטע לאנד. מיר זענען דאך ניט ערגער אפּ, ווי אונזער פאטער אברהם אין זיינע צייטען?

אברהם, בלייבענדיג אן אלמן, וויל פריהער חתונה מאכען זיין זוהן יצחק, אייד דער ער וועט נעהמען אן אנדערע פרוי פאר זיך, ווייל ער ווייסט, ווי קינדער קענען ניט דולדען, ווען איינער פון זיינע עלטערען שטארבט, זאל דער פאטער אדער מוטער נאכאמאל חתונה האבען.

א איד, וואס האט צום צווייטען מאהל חתונה געהאט, האט מיר לעצטענס געזאגט דעריבער א זעהר גלייך ווערטעל:

איך האב איהם געפרעגט, וואס זאגען זיינע קינדער צו דעם וואס ער האט נאך אמאל חתונה געהאט?

און ער האט מיר געענטפערט מיט א גלייך ווערטעל: „עס איז א נס, וואס מענשען האבען פריהער חתונה, און האבען ערשט נאכער קינדער. וואלטען עלטערען פריהער געהאט קינדער, און נאכער געדארפט חתונה האבען, וואלטען עס די קינדער זיי קיינמאהל ניט ערלויבט".

קינדער, ביי וועמען עלטערענס כבוד שפּילט שטענדיג א גאנץ קנאפּע ראל, דאך ווען די מוטער, אדער דער פאטער שטארבט, ווייזען זיי ארויס דעם גאנצען כבוד צו דער פארשטארבענער מוטער, אדער פאטער, און קענען ניט דולדען, אז דער אלטער טאטע אדער אלטע מאמע, זאל אויף דער עלטער זיך צוריק מאכען א היים, און נאכאמאל חתונה האבען.

אברהם זאגט אן זיין קנעכט אליעזר, אז ער זאל ניט דערלאזען יצחק'ן חתונה האבען מיט א מיידעל פון לאנד כנען, נאר זאל איהם קריגען א „גרינע" מיידעל פון זיין געבורטס פלאץ, אבער, זאגט ער אן זיין קנעכט, מיין זוהן דארט אהין זאלסטו ניט אפּגעבען.

און טאמער וועט דאס מיידעל פון דיין געבורטס-לאנד ניט וועלען קומען אהער? פרעגט דער קנעכט.

אברהם זאגט איהם, אז דאס לאנד וואו ער וואוינט האט גאט צוגעזאגט צו זיינע קינדער, מוזען זיי דא בלייבען, און דעריבער וועט גאט שיקען זיין מלאך, ער זאל איהם העלפען קריגען א מיידעל פון זיין געבורטס-לאנד דא אהער.

אברהם זעהט, אז לאנד מוז ער קויפען, כאטש עס איז זיינע, דאך לאזט ער זיין זוהן פון דארט ניט ארויסנעהמען, און ער איז נאך צופרידען צו צאהלען מיט גוטע געלט, אום צו קריגען א חלוצה פון זיין געבורטס-פלאץ, ווייל אברהם זוכט וואס מעהר מענשען אריינצובריינגען אין לאנד, אפילו עס זאל קאסטען טייער.

אברהם גיט-מיט זיין קנעכט צעהן קעמלען, געלאדען מיט אלעם גוטען, אלס פרייז פאר יצחק'ס ווייב.

אליעזר קומט קיין מעסיפאטאמיען, און ביי דער שטאדט נחור שטעלט ער זיך אפּ מיט זיינע קעמלען, ביי א ברונעם וואסער, אין דער צייט, וואס די מיידלאך געהען ארויס שעפּען וואסער געגען אבענד, און ער מאכט זיך פאלגענדען סימן:

אזוי ווי די איינוואהנער פון יענע געגענדען זיינען גרויסע כאבארניקעס, אהן באקשיש טוהען זיי ניט די מינדעסטע זאך, וועט ער דעריבער פארלאנגען פון די מיידלאך אז זיי זאלען פאר אים אנשעפּען מיט זייער קריגעל א טרונק וואסער, און ווען דאס מיידעל וועט נאר זאגען: „טרינק וויפיל דו ווילסט, און איך וועל דיינע

קעמלען אויך אַנטרינקען", דאָן וועט ער האָבען אַ סימן אַז זי איז ניט קיין שנאַ־רערקע, אָדער כאַבאַרניצע, און איז דעריבער ווערט צו זיין אַ פרוי פון יצחק'ן.

און טאַקי באַלד איז אָנגעקומען יצחק'ס אַ קוזינע רבקה, די טאָכטער פון בתואל'ן, מיט איהר קריגעל, און זי האָט אָנגעפילט איהר קריגעל מיט וואַסער.

אליעזר האָט דערזעהן אַ שעהנע יונגע מיידעל איז ער צו איהר צוגעלאָפען און געבעטען אַ טרונק וואַסער.

און רבקה זאָגט איהם: „טרינק מיין הער" און אַז ער האָט שוין געהאָט זיך אָנגעטרונקען, זאָגט רבקה: „איך וועל אויך אָנטרינקען דיינע קעמלען". און זי לויפט עטליכע מאָהל צום ברונעם שעפט וואַסער, און טרינקט אָן אַלע קעמלען.

אלעזר, שטעהט אַ פאַרוואונדערטער, אַזוי, אַז ער פאַרגעסט אַזש צו פרעגען, ווער זי איז, נאָר גיט איהר גלייך אַ גאָלדענעם נאַזבאַנד מיט אַ פּאָר אויערינגען מיט 2 פינגערלעך, און דאַן פרעגט ער זי ערשט וועמענס טאָכטער זי איז, און אויב אין זייער הויז געפינט זיך פאַר איהם אַ פּלאַץ צו נעכטיגען.

און רבקה זאָגט איהם, ווער איהר משפחה איז, און אַז ביי זיי אין הויז איז דאָ ניט נאָר אַ פּלאַץ צו נעכטיגען נאָר אפילו עסען פאַר די קעמלען, און אלעזר זעהט אַז ער איז אויפ'ן ריכטיגען וועג און ער דאַנקט דעם גאָט פון זיין האר אברהם.

רבקה האָט אַ ברודער לבן, און אַז ער דערזעהט די ציערונג ביי זיין שוועסטער לויפט ער גלייך אַוועק צו דעם ברונעם און לאַדעט איין אליעזר'ן אין הויז. לויט דער מדרש דערצעהלט אונז, האָט לבן געוואָלט פאַר'סמ'ען אליעזר'ן אום צו קענען ביי איהם אַלץ צונעהמען, האָט אָבער בתואל דער פאָטער ניט געוואוסט דערפון און ווען אליעזר האָט ניט געוואָלט עסען ביז ער וועט דערצעהלען וועגען דעם ציעל פון זיין רייזע, האָט בתואל, רבקה'ס פאָטער, דערווייל אויפגעגעסען אויך אליעזר'ס חלק און איז פאַר'סמ'ט געוואָרען. דעריבער ווערט מעהר ניט דערמאָנט רבקה'ס פאָטער ביי אַלע אַנדערע פאַרהאַנדלונגען און ביי אַפּשיקען רבקה'ן.

ווען לבן דערזעהט דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט, זאָגט ער דעריבער צו רבקה'ן: איך זעה אַז די זאַך איז אַ געטליכקייט, גיה דעריבער מיט דעם מאַן.

און דעריבער דערצעהלט אונז די תורה אַז ער מיט זיינע מענשען האָבען גע־געסען און געטרונקען, און דערמאָנט ניט קיינעם פון רבקה'ס משפחה. ווייל זיי זיינען מסתמא שוין געווען פאַרנומען מיט'ן טויטען בתואל, און האָבען דעריבער געוואָלט אַז רבקה זאָל מיט זיי בלייבען איבער די טרויער טעג, אַ יאָהר אָדער כאָטש, צעהן מאָנאַטען.

אָבער אליעזר האָט ווייטער דערמאָהנט אברהמ'ען זיין גאָט און פאַרזאָגט, ער זאָל באַלד קומען מיט דעם מיידעל, האָבען זיי שוין מורא געהאָט, און באַגלייט רבקה'ן און זי געבענשט אַז איהרע קינדער זאָלען ירשנ'ען אַלע זייערע שונאים.

אייגענטליך איז דאָס עפּעס אַ ניט געוועהנליכע ברכה, און עס דערמאָנט מיך, ווי דריי לייטע האָבען זיך געוואָלט, ווער עס וועט קענען זיך בעסער ווינשען.

האָבען צוויי זיך געוואונשען דאָס גרעסטע וואָס זיי האָבען געקענט און דער דריטער האָט זיך דאַן געוואונשען אַז זיי זאָלען שטאַרבען און ער זאָל זיי ירשנ'ען.

לבן האָט אויך געוואונשען זיין שוועסטער אַ ברכה ניט קיין אָריגינעלע נאָר ווי מען זאָגט עפּעס מיט אַ „טריק" דערביי.

ווען רבקה איז אנגעקומען אין אברהם׳ס הויז האט זי יצחק ליעב געקראגען און האט זי גענומען פאר א ווייב.

דאן האט אברהם גענומען א צווייטע ווייב און האט ערשט געבוירען קינדער, און זיי גערופען עפעס אזעלכע משונה׳דיגע נעמען, אז ער האט זיך מיט זיי זעלבסט געשעהמט און האט זיי דעריבער געגעבען מתנות און אוועקגעשיקט ווייט פון יצחק׳ן.

אברהם האט געלעבט הונדערט מיט פינף און זיבעציג יאהר ווען ער איז געשטארבען, האבען יצחק מיט ישמעאל׳ן איהם מקבר געווען אין׳ם זעלבען פלאץ וואס אברהם האט געקויפט. די תורה דערמאנט נאכאמאל דעם קויף. ווייל מסתמא האבען די בני חת שוין געהאט פארגעסען אז אברהם האט געצאהלט פיער הונדערט שקלים.

דאן רעכענט אונז די תורה אויס ישמעאל׳ס קינדער.

אזוי איז עס שוין, אז עס שטארבט אברהם ווערט ישמעאל לעבעדיג.

די תורה דערצעהלט אונז, אז יצחק האט פריהער חתונה געהאט מיט רבקה׳ן, און דאן האט ער זי ערשט ליעב געקראגען, ווייל, „וינחם יצחק אחרי אמו״. ווייל ער האט אויסגעפונען אז זיין ווייב פיהרט זיך ווי זיין מוטער.

און זאלען אלע מאדערנע מיידלאך וויסען, אז יעדער מאן ווי מאדערן ער זאל ניט זיין, וואלט ער אלץ געוואלט אז זיין ווייב זאל זיך פיהרען פונקט ווי זיין מוטער.

אבער יצחק, נאך א קינד, ווערט שוין אנגערופען א יונג, „נער״, און דער באשעפער שטעלט איהם צוגלייך מיט׳ן פאטער ווייטער פאר א נסיון, און הייסט אברהמ׳ען צו ברענגען זיין זוהן יצחק פאר א קרבן.

אברהם, דער בעל אמונה, פרעגט ניט: „סטייטש, האסט דאך מיר געזאגט „כי ביצחק יקרא לך זרע״, אז פון יצחק׳ן וועט ארויסקומען א דור. ניין, אברהם פרעגט ניט קיין קשיות, נאר נעהמט זיין זוהן יצחק׳ן צוזאמען מיט א חלף און האלץ און געהט צום ארט וואו מען וועט איהם ווייזען.

אברהם געהט מיט יצחק׳ן און ביידע, סיי אברהם און סיי יצחק, גרייטען זיך צו דער עקידה.

און דא פאסירט, אז א בארען לויפט און פארטשעפעט זיך די הערנער ערגעץ, און יצחק, וואס ליגט שוין גרייט צו דער שחיטה, ווערט דורך׳ן מלאך ארונטערגענומען פון דעם שעכט פלאץ און דער אומגעריכטער יונגער בארען פארנעהמט זיין פלאץ.

אט דאס גיט אונז אויך א מוסר השכל.

איהר זעהט לייטע, וואס איהר דענקט אז דער טויט ווארט שוין אויף זיי. זיי זעלבסט ווארטען אויף׳ן טויט יעדע מינוט און דאך לעבען זיי.

און פון דער אנדער זייט, זעהט איהר א יונגען מאן וואס טאנצט און שפרינגט. דאך גיט ער זיך ערגעץ א „פארדרעהע״ אונטער אן אויטאמאביל אדער אפילו גאר אין אן אומגליקליכער ליעבע, און אויגענבליקליך ליגט ער שוין טויט, ווערענד דער וואס ערווארטעט זיין טויט, לעבט נאך אלץ.

ניט דער וואס ריכט זיך אויף׳ן טויט שטארבט, און ניט דער וואס הויבט ערשט אן לעבען, איז זיכער פון׳ם טויט.

אז אברהם קומט צוריק מיט יצחק'ן, זאגט מען זיי אן א מזל־טוב, אז רבקה איז געבוירען געווארען.

און דא זאגט דער מדרש, אז דער שטן איז דערווייל געקומען צו שרה'ן איהר אנזאגען, אז אברהם האט אומגעבראכט איהר זוהן יצחק.

און מיר זיינען זיך משער, אז דער שטן, זעהענדיג אז יצחק קומט צוריק א לעבעדיגער, האט ער אנגעזאגט, אז רבקה איז געבוירען געווארען. ווייל די תורה זאגט ניט, ווער עס האט אנגעזאגט פון רבקה'ס געבורט.

און אזוי ווי מיר זיינען זיך משער אז דאס איז געווען דער שטן, האט ער מסתמא געהאט די כונה צו זאגען: יצחק איז נצול געווארען פון טויט; זיי אבער וויסען, אז רבקה איז געבוירען געווארען, און „אשה רע מר ממות", א שלעכטע פרוי איז ביטערער ווי דער טויט.

ביים שטן איז יעדע „אשה רע" א רבקה...

תולדות

דאס איז די געשיכטע פון יצחק, אברהם'ס זוהן. אברהם האט געבוירען יצחק'ן.

פאראן עלטערען, וועמען עס איז א שאנדע אויסצוזאגען ווער זייערע קינדער זיינען, און אזוי זיינען פאראן קינדער, וואס שעהמען זיך מיט זייערע עלטערען;ביידען איז ניטא וואס מקנא צו זיין.

דא דערצעהלט אונז די תורה באלד פון אנפאנג, אז אברהם האט זיך גע־יחס'נט מיט זיין זוהן יצחק, און יצחק האט זיך גע'יחס'נט מיט זיין פאטער אברהם, פאטער און זוהן האבען זיך ניט געדארפט שעהמען איינער מיט'ן אנדערען.

פילע, אפילו פון אונזערע אינטעליגענטע יונגע לייט וואס קריגען א קאלעדזש דיפלאמא, שעהמען זיך מיט זייער פרומען טאטען, און זענען אפילו ניט גערן ווען זייערע אלטע טאטע־מאמע קומען צו זיי אויף א שמחה; איהר וועט אבער יא טרעפען די זעלבע יונגע לייט, ווען זיי זוכען דערהויבען צו ווערען צו וועלכען פאליטישען אמט, דאן דערצעהלען זיי זייער יחוס, אז דער טאטע איז געווען „עי גוד היברו", האט געפיהרט א אידישע הויז, געהיט שבת און אזוי ווייטער.

די תורה דערמאהנט אונז אויך, אז יצחק איז שוין געווען אין עלטער פון פערציג יאהר, דאך האט דער פאטער פאר איהם אויסגעקליבען א ווייב פון זיין משפחה, און איהם ניט געלאזט זיך אסימילירען מיט די בנות כנען.

רבקה איז מעוברת געווארען מיט א צווילינג, און דא הויבט זיך אן דער „ויתרוצצו".

נאך אין זייער מוטער'ס בויך האבען יעקב און עשו שוין ניט געקענט לעבען בשלום. פאר דער פיינדשאפט צווישען יעקב און עשו דארף מען ניט זוכען קיין אורזאכען; עס איז ניט ווייל יעקב איז קליגער און קען צונעהמען פון עשו'ן די בכורה מיט די ברכות, און אפילו ניט ווייל עשו איז אן „איש שדה", א פארמער, און יעקב איז א „ישב אהלים", א באנק־קנייטשער א באנקיר, א הויזירער, ווייל דער „ויתרוצצו" האט זיך נאך אנגעהויבען אין דער מוטער'ס בויך, און די מאמע רבקה האט דערפון יסורים. זי האט אפילו יסורים, ווען צווישען די „בני יעקב" געהט אן דער ויתרוצצו.

„ותלך לדרוש את ד'" — און זי געהט געפינען איהר טרייסט צווישען די גאט'ס פארשער, מסתמא צווישען די רבנים, אבער דארט געפינט זי אויך א „ויתרוצצו". עפעס געהט ביי די רבנים אויך ניט אלעס אין ארדנונג, מ'האלט זיך דארט אויך אין ארומרייסען און דער רעזולטאט איז אז „שני גוים", מ'זאגט איהר, אז ביידע זיינען גוים, ווייל ווען די רבנים זאלען זיך ניט ארומרייסען, נאר זאלען האבען שלום צווישען זיך, וואלטען זיי רעספעקטירט געווארען; אזוי

אבער קומט מען צום באשלוס, אז אלע טויגען ניט, כאטש צווישען זיי געפינט זיך א יעקב און אן עשו, און דאס ערגסטע איז נאך, וואס „ורב יעבד צעיר", דער אלטער רב מוז אונטערטעניג זיין דעם יונגען, דעם כוח פון'ם יונגען, איז אבער ווייל ער באנוצט זיך גאר מיט יעקב'ס מיטלען, מיט'ן „קול יעקב", ער קאן „ספיטשען", רעדט די לאנדס־שפראך, און פאר'ן אלטען רב בלייבט איבער נאר די הענט . . . נו, רעדט ער טאקע מיט די הענט שאקעלט זיך מיט'ן גאנצען גוף, אבער אז יעקב מיט עשו'ן טוישען זיך מיט די ראלען, איז שווער צו זאגען ווער עם וועט ארויס דער זיגער.

רש"י זאגט אויף דעם „ויתרצצו", אז ווען רבקה איז פארבייגעגאנגען פאר א שוהל, האט זיך יעקב געריסען ארויסצוגעהן, און ווען זי איז פארבייגעגאנגען א קירכע, האט זיך עשו געריסען ארויסצוגעהן, און דאס ווייזט וועניגסטענס, אז עשו מיט יעקב'ן האבען געוואוסט דעם אונטערשייד פון א שוהל ביז א קירכע, אבער היינט, ווען דער ראביי דרש'ענט אין קירכע, און דער גלח אין דער סינאגאגע, ווייסען דאן די קליינע יעקב'לאך און עשו'לאך ניט קיין אונטערשייד, און קריגען זיך דעריבער קיינמאל ניט וועגען רעליגיעזע זאכען.

ווען די צייט פון געבורט איז געקומען, איז עשו ארויס דער ערשטער, און יעקב האט איהם געהאלטען ביים פוס, כאטש היינט קומען די „דזשייקאבלאך" גאר ארויס די ערשטע אין אלע שוהלען און קאלעדזשעס, און עשו שפארט זיי גאר אונטער די פיס צו פארשטעלען פאר זיי די טירען פון אלע קאלעדזשעס, און קומט עס צו א געשלעג, זענען די „ידים ידי עשו" טאקע שטארקער ווי דער „קול יעקב".

און יצחק דערזעהט די צוויי קינדער, דעם רויטען האריגען עשו, מיט דעם צארטען יעקב, און דא איז ער שוין א 75'ער, ווערט איהם אזש פינסטער פאר די אויגען, א סימן, אביסעל שפעטער ווערט ער טאקע בלינד, בלינד פאר דער צייט.

עשו האט שוין פייל און בויגען און געהט שוין אויף געיעגען, און יעקב זיצט אין געצעלט און „פארקאכט א קאשע", אדער לינזען, און אט מיט דעם געקעכץ קויפט ער אב די בכורה פון זיין ברודער עשו, מיט'ן רעזולטאט, אז יעקב זאגט, אז ער האט בכורה און עשו האט באמת דעם טאפ מיט לינדזען.

צו שטארבען איבער א בכורה, זאגט עשו, דאס לוינט זיך ניט, דעריבער, עסט ער און טרינקט, געהט און שטעהט, וואו און ווען ער וויל, — „ויאכל וישת ויקם וילך" און ער לאכט זיך אוים פון דער בכורה, „ויבז עשו את הבכורה".

יצחק געהט אוועק אין לאנד פלשתים, ער וויל ניט מ'זאל זאגען, אז ער איז א באנק־קוועטשער, א „מאני לענדער", און נעהמט זיך צו ערד־ארבייט, גאר פשוט; ער פארזייט און איז מצליח און די פלישתים האבען ווייטער צו איהם טענות און זאגען איהם: „לך מאתנו, כי עצמת ממנו" — געה פון דאנען, ווייל דו ביסט רייכער געווארען פון אונז.

אברהם זוכט א קוואל פון פרנסה, ער גראבט ברונימער, און די חברה פאר־שטאפען איהם אלע קוואלען. ארבייט ער אויף'ן פעלד, טויג דאס אויך ניט, און קוים מיט'ן לעבען אנטלויפט יצחק פון דעם פלאץ און זוכט רוח אנדערשוואו.

לויט'ן מדרש, האבען די פלישתים פארשטאפטען די ברונימער אונטער'ן אויסרייד

פון מאכען גלייך דעם וועג פאר'ן מיליטער, דאס מיינט. טובת המדינה, דאס פאלק פאדערט... איצט אזוי ווי דאמאלסט און שטענדיג...

און דא קומט ערשט יצחק'ס גרעסטע טראגעדיע, וואס איז די טראגעדיע פון יעדען אלטען מאן:

יצחק ווערט אלט און קען זיך שוין ניט זעלבסט ערנעהרען, און ער מוז אנ־קומען צו זיין זוהן עשו, ער זאל איהם שפייזען. און יצחק קלאגט זיך פאר איהם: „איך בין שוין אלט, און קען ניט זעהן. דעריבער, זוהן מיינער, געה ברענג מיר עפעס צו עסען, וועל איך דיר דערפאר בענשען פאר מיין טויט".

און אז אך און וועה איז צו דעם אלטען, וואס דארף בענשען זיין זוהן עשו, ווייל ער גיט איהם עפעס צו עסען אויף דער עלטער.

עשו נעהמט זיין פייל און בויגען און געהט ברענגען א מאהלצייט פאר'ן טאטען, יא כשר, ניט כשר, דער טאטע וועט אפילו ניט וויסען, און אז יא, ארט איהם אויך ניט, און יעקב ווערט דערפון געוואויער דורך זיין מוטער רבקה, און פאר־בארייטעט א כשר־געשמאקען מאהלצייט, און ברענגט עס צו יצחק'ן. יצחק פיהלט — לויט דעם מדרש — דעם טעם פון גן־עדן, און זאגט: „הקול קול יעקב, והידים ידי עשו". זאל אפילו זיין, אז עס קומט פון די ידי עשו, אבער דאס קויל, די אטמאספערע, די כשרות זענען קול יעקב, קומט איהם טאקע די ברכה, און יצחק בענשט יעקב'ן. און קוים איז יעקב אוועק מיט די ברכות, און עשו איז געקומען — אז עשו ברענגט שוין עפעס דעם אלטען טאטען, קומט ער אויך שפעט, און נאר מיט'ן צוועק צו קריגען די ירושה — די ברכות וויל עשו. און יצחק זעהט דעם גהינום, ווייל ווי נאר די עשו'ס קומען אריין אין הויז, הערט מען שוין „העלל! העלל!" (גהינום).

יצחק זאגט איהם, אז די ירושה האט ער שוין געגעבען יעקב'ן, און עשו פרעגט: „אנו, טאטע, פאר מיר האסטו שוין גארניט?" און יצחק גיט איהם „דאס פעטקייט פון דער ערד און דאס לעבען דורך דער שווערד".

יעקב אנטלויפט צו זיין פעטער לבן, און פארדינגט זיך צו ארבייטען זיבען יאהר פאר זיין טאכטער רחל, און עשו, האבענדיג א גאנצען הארעם מיט ווייבער, נעהמט נאך מחלת בת ישמעאל, כדי צו ווייזען, אז ער נעהמט אויך א פרוי פון דער משפחה, און באשליסט, אז אזוי גיך ווי דער טאטע וועט שטארבען און זיי וועלען זיין אבלים, וועט ער דאן האבען א געלעגענהייט צו הרג'ענען זיין ברודער יעקב.

פארוואס עשו האט פונקט אויסגעקליבען די טעג פון אבלות, איז מסתמא ווייל ער האט זיך געוואלט מכלמרשט צוקריגען מיט'ן ברודער איבער א קדיש, און איהם דאן דער'הרג'ענען.

ווייל ניט איין זוהן וואס איז אז עשו ביים טאטענ'ס לעבען, איז פארטיג צו הרג'ענען זיך איבער א קדיש זאגען נאך'ן טאטענ'ס טויט . . .

ויצא

יעקב לאזט זיך געהן קיין חרן, און ווען עס ווערט נאכט, לעגט ער זיך שטיינער צוקאפענס און חלומ'ט.

און דא קאנען מיר זעהן כמעט אונזער גאנצע גלות־פסיכאלאגיע. יעקב ווייסט אז גאט האט צוגעזאגט זיין זיידען אברהם אז דאס גאנצע לאנד וועט באלאנגען צו זיינע קינדער. זיין פאטער יצחק האט געקראגען דעם אייגענעם פארשפרעכען, און איצט, ווען ער אנטלויפט פון זיין ברודער עשו, חלומ'ט ער אז גאט איז מיט איהם און זאגט איהם ווייטער אז דאס לאנד וועט באלאנגען צו איהם מיט זיינע קינדער. זאגט דערפאר יעקב צו גאט: רבונו של עולם! וועסט מיר געבען ברויט, זאל עס זיין לאכל, איך זאל עס קענען עסען, און א קלייד זאל עס זיין ללבש, איך זאל עס קענען אנטאן. וואס טויגען מיר די דעקלאראציעס, אז איך קען דערפון קיין הנאה ניט האבען. א סימן האסטו — והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלוקים. קען דער שטיין זיין א בית אלוקים? ווייל וכל אשר תתן לי, דאס וואס דו גיסט מיר, עשר אעשרנו לך, אויב דו גיסט מיר בלויז דעקלאראציעס, וועל איך דיך דארפען דינען מיט דעקלאראציעס אין גלות. זיינען דאך די תפלות אויף'ן פלאץ פון אמת'ער עבודה.

יעקב קומט נעהענטער קיין חרן, און דא טרעפט ער דריי פאסטוכער ביי א ברונעם וואס איז צוגעדעקט מיט א גרויסען שטיין. דריי פאסטוכער קאנען ניט ארונטערקייקלען דעם שטיין פון ברונעם, און מוזען ווארטען ביז דער קליינער, צארטער יעקב קומט, כדי אז ער זאל פאר זיי לעזען דעם פראבלעם.

און זינט יענעם שטיין, האט דער צארטער יעקב ניט איין פראבלעם געלייזט פאר די פאסטוכער, אפילו דעם סאציאלען פראבלעם צו פארענטפערען האט זיך געמוזט אויפזוכען יעקב'ס אן אייניקעל מיט'ן נאמען קארל מארקס און ארונטערגעקייקעלט דעם שטיין. און אן איינשטיין האט געדארפט ארונטערנעהמען דעם שטיין פון וויסענשאפטס־ברונעם, און אזוי טרעפט עס ביי יעדען שווערען שטיין, עס קומט פון ערגעץ א יעקב און קייקעלט איהם ארונטער, און טרינקט אן די שעפסען פון זיין פעטער לבן.

רחל דערזעהט דעם שעהנעם העלד און פארליבט זיך אין איהם, און יעקב וויינט, קושט זי און דערצעהלט איהר, אז ער איז איהרער א קאזין, און רחל לויפט אוועק אנזאגען דעם טאטען.

לבן דערמאהנט זיך, אז מיט זיין שוועסטער רבקה האט אויך עפעס עהנליכעס פאסירט, און ער, לבן, האט דאמאלסט דערביי אפגעלעקט א פעטען ביין, לויפט ער גלייך צום ברונעם און ברענגט יעקב'ן צו זיך אין הויז אריין.

ווען לבן דערהערט אלץ וואס האט פאסירט מיט יעקב'ן, אז ער האט פון זיין ברודער עשו אויסגענארט די בכורה, נאכדעם די ברכות ביי יצחק'ן, זאגט ער צו איהם: „הכי אחי אתה", אויב דו ביסט מיינער א ברודער אין רמאות און קענסט אויך לבנ'ס שטיק. דעריבער, ברודער, „זאג מיר דיין לוין", ווייל איך האב מורא אז דו ביסט קליגער פאר מיר, און איך וויל זיך בעסער מיט דיר באדינגען.

און לבן האט צוויי טעכטער, א שעהנע רחל און א פאחווינטע לאה, און יעקב זאגט צו לבנ'ען: איך וועל דיר דינען זיבען יאהר פאר דיין יונגער טאכטער רחל. יעקב ווייסט מיט וועמען ער האנדעלט, און ער רעדט זיך דערפאר אוים מיט אלע סמנים: „ברחל בתך הקטנה" — פאר דיין טאכטער, טאמער ברענגט ער איהם עפעס אן אנדער רחל, און די אינגערע — טאמער וועט לבן ענדערען די נעמען פון די טעכטער. און דאך האט דאס אלץ ניט געהאלפען, ווייל לבן האט איהם אין דער חתונה נאכט אריינגעשלייערט זיין טאכטער לאה און איהם אפגענארט.

לבן האט אויסגעבערענגט די ערגערע סחורה, אבער ער האט פאר יעקב'ן א תירוץ, אז ביי זיי אין לאנד איז ניט די מאדע חתונה צו מאכען אן אינגערע פאר אן עלטערע, און ער מאכט איהם דעריבער א פארשלאג — צו ארבייטען נאך זיבען יאהר פאר רחל'ען, און יעקב באשטעהט אויף'ן בארגיין, און איז וויטער א קנעכט פאר א ווייב.

מילא, דאס איז שוין גראד קיין נייעס ניט, ווייל היינט שקלאפען מענער אפ זייער גאנץ געבען פאר איין ווייב.

לאה האט קינדער, און רחל ניט, און רחל טענה'ט פונקט פארקעהרט פון די היינטיגע ווייבער. רחל זאגט, איך וויל האבען קינדער, א ניט איז מיר דער טויט ליבער, בעת היינטיגע ווייבלאך זאגען, אויב איך זאל האבען נאך קינדער, וועל איך ליבער שטארבען, און ניט איינע איז שוין טאקע געשטארבען פון ניט וועלען האבען קיין קינדער.

אבער רחל ווערט געהאלפען מיט קינדער, און דא טראכט יעקב, אז די צייט איז שוין געקומען ער זאל ארוים פון דער לבן אטמאספערע, ווייל לבנ'ס קינדער, ניט קוקענדיג וואס ער האט זיי אלע רייך געמאכט, טענה'ען די אייביגע טענה: „לקח יעקב", יעקב האט אלץ צוגענומען ביים טאטען לבן. יעקב האלט זיך אן עצה מיט זיינע ווייבער, און זיי ערקלעהרען איהם, אז סיי ווי האבען זיי פון זייער טאטען גארניט צו דערווארטען. ער האט שוין איינמאל פארקויפט, און זיי זאגען דערפאר: מיר זיינען גרייט צו טאן וואס דו וועסט אונז הייסען.

און דא הויבט זיך אן א סדרה פון דינגען זיך מיט'ן שווער לבן. לבן וויל איהם געבען זאכען וואס ער האט ניט, און וואס ער האט, וויל ער ניט געבען. יעקב הויבט שוין אן ריידען שטארקע דבורים אוןווארפט איהם פאר פאר די גאנצע צוואנציג יאהר שווערע ארבייט ביי טאג און ביינאכט, און די מחלוקת דער־גרייכט ביז צו „שטעקענס", וואס יעקב קריגט דורך זיי אביסעל געפלעקטע שאף און רינדער. ער כאפט זיך דעריבער פלוצים און פארלאזט לבנ'ס הויז מיט זיינע ווייבער און קינדער און שאף און רינדער.

ווען לבן קומט אהיים און דערזעהט אז יעקב איז אנטלאפען, נעהמט ער צו־זאמען א גאנצע חברה נאכיאגען יעקב'ן. אבער גאט באווייזט זיך צו איהם און זאגט איהם: היט זיך, זאלסט יעקב'ן ניט טאן קיין שלעכטעס! און ווען לבן

דערגרייכט יעקב'ן און ווייסט שוין אז ער קאן איהם קיין שלעכטעס ניט טאן, שטראפט ער איהם דעריבער. ער דערצעהלט איהם אז ער האט איהם געוואלט נאכיאגען און כמעט ממית'ן. סטייטש, ווי אנטלויפט מען עם און מען ערלויבט ניט א טאטען צו קושען זיינע זיהן און טעכטער? א ראיה, אז דיין גאט האט זיך צו מיר באוויזען און געזאגט, אז איך זאל דיר ניט טאן קיין שלעכטעס, איז דאך א סימן אז ער אליין ווייס אז דו ביזט דאס ווערט. אויב אזוי, האסטו דאך א געטרייען גאט. טא למה גנבת את אלוהי, פארוואס ביכטו א גאט'ס גנב? לבן נעהמט זיך אן גאט'ס קריוודע. אבער לבן זוכט געטשקעס וואס ער דענקט אז יעקב האט ביי איהם צוגע'גנב'עט, און יעקב שווערט זיך אז ער ווייסט פון גארנישט, ווייל ער האט א גאט וואס מ'קען ניט צוגנב'ענען.

לבנ'ס טענה איז נאך ביז היינט ריכטיג: מילא, זייענדיג ביי מיר, האט זיך דיר פארגלוסט שפילען מיט מיינע געטשקעס: אבער געהענדיג אהיים צום טאטען אום אנצוהויבען דאס אלטע לעבען פון ס'ניי, וואס טויג דיר דארטען מיטצונעמען די גלות עבודה זרה'ס?...

ווען יעקב האט געארבייט ביי לבנ'ען, האט ער קיין צייט ניט געהאט צו דערציהען זיינע קינדער, און ער זאגט דעריבער צו לבנ'ען: „וענתה בי צדקתי ביום מחר", דו וועסט אויסגעפינען אז איך בין א צדיק. דער מדרש זאגט אויף דעם, אז ווייל יעקב האט געזאגט אז דו וועסט אויסגעפינען אז איך בין א צדיק — ער, יעקב, און ניט די קינדער — איז ער דעריבער געשטראפט געווארען מיט ותצא דינה בת לאה.

און דאס גיט אונז א וואונק, אז ווען עלטערען האבען נאר אין זין זייערע אייגענע צדקות, און גיבען זייערע קינדער ניט קיין ערציהונג, קאנען זיי דער־ווארטען דעם רעזולטאט פון דינה בת יעקב.

און יעקב פטר'ט אפ לבנ'ען און געהט ווייטער, און דא טרעפט ער שוין מלאכים. אבער אז מען זיצט אפ אזא צייט מיט א לבן, איז שוין שווער צו האבען שלום אפילו מיט א מלאך.

וישלח

אט דא קאנען מיר זעהן כמעט אונזער גאנצע גלות־פסיכאלאגיע.

יעקב שיקט שלוחים צו זיין ברודער עשו און הייסט זיי זאגען:

— אזוי זאגט דיין קנעכט יעקב, איך האב מיט לבנ'ען געוואוינט און האב ערווארבען אן אקס, אן אייזעל, א קנעכט, א דינסט, און איצט וויל איך צוריגעווינען דיין פריינדשאפט.

יעקב האט דערמיט געוואלט ווייזען זיין ברודער, אז נאך אלעמען דאט ער זעהר ווייניג פראפיטירט פון דער בכורה און פון זיין פאטער'ס ברכות, ווייל ער האט געדארפט ארבייטען שווער ביי לבנ'ען, אום צו ערווערבען דאס ביסעלע, וואס ער פיהרט מיט זיך, דעריבער אנערקענט ער נאך אלץ, אז עשו איז דער האר און ער, יעקב, דער קנעכט...

רש"י זאגט, אז דאס זיינען ניט געווען קיין איינפאכע שלוחים, נאר מלאכים. נו, עס פארשטעהט זיך, אז מיט אן עשו איז פאר א מענשען שווער צו רעדען, און ווי באלד, אז קיין מענש קאן צו איהם ניט רעדען, האט יעקב געמוזט צו איהם שיקען אמת'ע מלאכים....

ווען די מלאכים קומען צוריק און דערצעהלען יעקב'ן, אז עשו געהט איהם אנטקעגען מיט „די פיער הונדערט", דערשרעקט זיך יעקב, ווייל ער ווייס, אז אין יעדען לאנד זיינען די „פיער הונדערט" ניט קיין גרויסע מחותנים מיט די יעקב'ס. ער גרייט זיך דעריבער צו מיט דעם שטענדיגען אידישען געווער — מתנות, באקשיש, אויסקויפען זיך מיט געלד, תפילה, בעטען אויף רחמנות און — דאס כאמע לעצטע — מלחמה, ווייל מלחמה איז ניט יעקב'ס מידה. ער איז דאס נאר געצוואונגען צו פראקטיצירען, ווען מען צווינגט דאס אויף איהם ארויף.

יעקב פיהרט אלעמען אריבער דעם טייך, נאכדעם קעהרט ער זיך צוריק און פארטראכט זיך, צי האט ער גלייך געטאן, וואס ער האט אין עשו'ס געגענווארט גרינגגעשעצט דעם פאטער'ס ברכות, און פארוואס? פאר שלום, אבער שלום מיט וועמען, מיט עשו'ן? דאס מיינט דאך אסימילאציע. פיהלט שוין יעקב, אז עפעס האט ער ניט גלייך געטאן.

קומט דאן א מלאך און ראנגעלט זיך מיט יעקב'ן, ער ראנגעלט זיך מיט איהם ביז דער מארגענשטערען קומט אן און עס ווערט איהם ענדליך ליכטיג אין די אויגען. און אלס רעזולטאט פון אט דער ליכטיגקייט באשליסט ער זיך ניט צו פאראייניגען מיט עשו'ן, זיינע קינדער צוליעב.

ווארים דער מלאך זאגט איהם, אז זיין נאמען איז מעהר ניט יעקב, נאר ישראל.

מעהר ניט קיין יחיד, נאר די פארקערפערונג פון גאנצען פאלק. אויב אזוי איז שוין אנדערש, אויב אזוי איז שוין די פאראנטווארטליכקייט צו גרויס!

די ברכה, מיט וועלכער דער מלאך האט געבענשט יעקב'ן, איז ניט אלעמאל א ברכה. זעהר אפט ווערט גאנץ ישראל געהאלטען פאראנטווארטליך פאר די זינד פון אן אינדיווידועלען יעקב, דער רעזולטאט איז, אז יעקב הינקט אביסעל אונטער פון דעם מלאך'ס ברכה, און גאנץ ישראל קאן ניט עסען פון דעם גיד הנשה...

עשו קומט אן מיט זיינע „פיער הונדערט", פאלט כלמרשט אויף יעקב'ס האלז און קושט איהם. אבער דער „וישקהו" איז מיט פינטעלעך, מיט געדאנקען־שטריכען און ביידע ווייגען. יעקב וויינט, ווייל ער בארשטעהט די פינטעלאך פון דעם „וישקהו" און עשו וויינט, וואס ער דארף יעקב'ן גאר קושען, אנשטאט דערשטיקען.

און ווען איהר זעהט היינט אין די קלאבס פון די „פיער הונדערט", אז מען צו־קושט זיך מיט א יעקב, מיט אן איינצעלנעם אידען, זאלט איהר נאר לייענען די פינטעלאך פון דעם „וישקהו", און איהר וועט באלד זעהן, אז עס איז מעהר געוויין ווי שמחה, ווייל נאר דער יעקב, וואס קען געבען מתנות פון אזא גרויסען באטרעף און זיין פארשקלאפט גייסטיג צו עשו'ן, זיך בוקען צו איהם — נאר דער קאן דער־פיהלען דעם אמת'ן טעם פון אזא „וישקהו".

עשו וויל געהן האנט אין האנט מיט יעקב'ן, אבער יעקב אנטזאגט זיך פון דער טובה און זאגט איהם: — מילא איך קאן נאך געהן מיט דיר, מיר וועט עס ניט שאדען, אבער הילדים רכים, די אינגערע קינדער, זיי קאן עס זיכער שאדען...

עשו'ס אטמאספערע קאן אפשר ניט שאדען די עלטערע מענשען, אבער עס איז זיכער א געפאהר פאר די אינגערע קינדער.

און יעקב פארלאזט עשו'ן.

במשך פון דעם געשפרעך צווישען יעקב'ן און עשו'ן זאגט יעקב, אז ווען ער האט איהם דערזעהן, איז עס געווען כראות פני אלקים, הפנים יעקב האט זיך צע־רעדט פון געטליכע זאכען...

ווארים אביסעל וויטער זאגט עשו, כלומרשט זיך אפזאגענדיג פון די מתנות: „יש לי רב אחי", איך האב א רב, א סאסייטי־ברודער, ויפצר בו, איך האב מיך איבער איהם אביסעל אנגעשטרענגט ויקח, האט מען איהם אויפגענומען"...

איהר הערט? אז עשו האט א סאסייעטי־ברודער, שטרענגט ער זיך אן, מ'זאל איהם אויפנעהמען פאר א רב... איהר וועט זאגען דאס איז ניט דער אריגינעלער טייטש פון דעם פסוק, נו, מילא, אבער דערפאר איז די טייטשונג אליין ווערט גע־טייטשט צו ווערען, ווייל עס דערמאהנט אונז עפעס, אז וואס עס פאסירט אין אונ־זערע אייגענע צייטען.

יעקב קומט קיין שכם, קויפט א שטיקעל פלאץ ביי די בני חמור, שטעלט דארט אוועק א מזבח און וויל זיך אביסעל אפרוהען, פארווילט זיך אבער זיין טאכטער דינה'ן חבר'ן מיט די בנות הארץ, און די שכמ'ס, וואס לויערען אימער אויף די מיידלאך, וואס ווילען אלץ זעהן, ווארפען אן אויג אויף איהר. דער זוהן פון חמור פארליעבט זיך כלמרשט אין איהר און מאכט פון יעקב'ס טאכטער א גע־פאלענע.

אבער ווען חמור מיט שכם'ען קומען זיך איבערשמועסן מיט יעקב'ן און זיינע זיהן און דערזעהען פאר זיך אזעלכע שעהנע העלדען, שלאגען זיי פאר, אז מען זאל

זיך אויסמישען צוזאמען און ווערען איין פאלק. דערמיט איז חמור שוין גאר קיין חמור ניט געווען, אבער יעקב'ס קינדער, די שטאלצע יונגען, קאנען דאס ניט פארטראגען און מאכען אן א חורבן אין דעם שטעדטעל, נעהמען צו דינה'ן און מען לאזט שוין איבער דאס געקויפטע לאנד, און מען וואנדערט ווייטער ביז לוז.

דארט בויעט יעקב ווידער א מזבח.

און זייט דאן, ווי יעקב קומט נאר אין א פרעמד לאנד, דויערט ניט לאנג, ביז ער בויעט אויף א שוהלכעל.

וואו יעקב קומט בויעט ער באלד א מזבח.

וויל שוין יעקב דא זיצען רוהיג, שטארבט איהם רחל ביי בנימינ'ס געבורט. ראובן פארזינדיגט זיך מיט בלהה, און יעקב וואנדערט ווייטער ביז ממרא, שטארבט איהם דארטען אוועק זיין פאטער יצחק.

יעקב קריגט נאך אמאל דעם פארשפרעכען פון גאט, אז דאס לאנד וועט באלאנגען צו איהם און צו זיינע קינדער, און יעקב בויעט ווידער א מזבח.

אך, וויפיעל קרבנות מיר האבען שוין געבראכט פאר דעם פארשפראכענעם לאנד, און וויפיעל מזבחות וועלען מיר נאך דארפען בויען !

וישב

יעקב באזעצט זיך אין לאנד כנען. זאגט רש"י אויפ'ן ווארט „וישב", אז ווען יעקב וויל שוין זיצען בשלום, שפרינגען דעמאלט אויף איהם אונטער די צרות פון יוסף'ן.

און דאס טרעפט זיך כמעט ביי אלע עלטערען. ווען זיי דערלעבען שוין אויפ־צוהאדעווען די קינדער און ווילען שוין לעבען רוהיג אויף דער עלטער, ליידען זיי דערפון וואס די דערוואקסענע קינדער פיהרען מחלוקות צווישען זיך, און וואס זיי האבען זיך פיינט, אז איינער וואלט דעם אנדערען פארקויפען.

אט די פיינדשאפט צווישען יעקב'ס קינדער האט אונז אלעמען געבראכט קיין מצרים. און דאס פארקויפען פון א ברודער עקזיסטירט דאך נאך ביז אויף היינטי־גען טאג — ניט בלויז ביי סאסייעטי־ברידער, נאר אפילו ביי ברידער פון איין פאטער.

יוסף איז א בעל־חלומות, א „טרוימער", האבען איהם די ברידער דערפאר פיינט.

יוסף דער בעל־חלומות טרוימט פון בינטעלאך תבואה וואס בוקען זיך צו איהם, און ווי די זון און די לבנה מיט די שטערען בוקען זיך צו איהם.

יוסף'ן זיינען פרעמד שנאה און ברידער האס, און ער זעהט פאראויס א ליכ־טיגע צוקונפט. און דער אלטער טאטע פון זיין זייט גלויבט עס ניט. ואביו שמר את הדבר — ער האפט אבער אז עס זאל מקוים ווערען, אבער די ברידער פון זייער זייט האסען איהם פאר זיינע חלומות.

עס איז כמעט עהנליך אויף אונזער גאנצען ציון אידעאל. יוסף האפט אויף א צייט, ווען דורך ארבייטען אין פעלד וועלען זיך אלע צו איהם בוקען, אפילו די זון מיט די שטערען. דער אלטער פאטער שרייט אויף איהם אן, ווייל ער האפט אז נאר דורך א משיח קאן עס קומען. די ברידער אבער גלויבען גאר אין גלות, און פארקויפען איהם קיין מצרים. אבער דער הימלישער פאטער היט די זאך זאל מקוים ווערען ווען די צייט וועט קומען...

און יוסף געהט זוכען זיינע ברידער און ווערט פארבלאנדזשעט, און אז ער קומט שוין צו די ברידער, ווילען זיי איהם טויטען, נאר זיינען זיך מישב צי זיי זא־לען איהם טויטען, און באשליסען בעסער צו פארקויפען. יוסף, אנשטאט צו ווערען א פרינץ, ווי ער האט גע'חלומ'ט, ווערט ער גאר א שקלאף אין דער ווירקליכקייט.

אבער זיי פארקויפען איהם ניט צו קיין פרעמדע, נאר צו ישמעאלים, צו גע־שוועסטער־קינדער, „כי אחינו בשרנו הוא", זאגען זיי. דאס זיינען נאהענטע משפחה, וועט איהם ביי זיי קיין זאך ניט פעלען.

יוסף דער בעל־חלומות, דער טרוימער, ווערט אפריהער אריינגעווארפען אין גרוב און דערנאך פארקויפט מען איהם. און אז ער קומט אן קיין מצרים, ווערט ער ווידער פארקויפט - צו א טריפה'נעם בוטשער וואס שטעלט צו פלייש אין פרעה'ס הויף.

און שטעלט אייך פאר יוסף'ן אלס משרת ביי א טריפה'נעם בוטשער.

יוסף טהוט זיין ארבייט און טשעפעט קיינעם ניט, אבער די קצב'טע הייבט זיך אן טשעפען צו איהם. און ווען ער געהט ניט איין אויף איהרע זינדיגע פארשלאגען מאכט זי נאך אויף איהם א בלבול און באקלאגט זיך פאר איהר מאן: „דיין אידי־שער משרת האט פון מיר געשפעט. און ווען איך האב געשריען, איז ער אנטלאפען". אבער פוטיפר, וויסענדיג ווי שעהן יוסף איז און ווי אפשטויסענד זיין ווייב איז, האט אויסגעהערט וואס זי האט איהם דערצעהלט, אבער, ווייזט אויס, איהר ניט געגלויבט. דערפאר האט ער יוסף'ן געלאזט אריינזעצען אין דער תפיסה, וואו די הויכע רעגירונגס־מענשען ווערען פארשפארט פאר פאליטישע פארברעכענס.

יוסף באקענט זיך דארטען מיט צוויי פאליטישע ארעסטאנטען. מיט'ן „שר המשקים" און מיט'ן בעקער פון קעניגליכען הויף. און איינמאהל אין א אינדער־פרי טרעפט ער זיי זייער פאראומעטיגטע און ער פרעגט וואס איז די אורזאך פון זייער פלוצימדיגער זארג. דערצעהלען זיי איהם, אז עס האט זיך זיי ביידען עפעס גע'חלום'ט, וואס מאכט זיי אזוי טרויעריג.

זאגט צו זיי יוסף אז זיי זאלען איהם דערצעהלען זייערע חלומות, און ער וועט זיי באשיידען. און ביידע דערצעהלען איהם וואס זיי האט זיך גע'חלום'ט. איז זיי יוסף פותר — אז דעם „ליקאר קאמישיאנער" וועט מען באפרייען, און דעם בעקער וועט מען אויפהייננגען.

און דא שטעלט זיך א פראגע. יוסף האט דאך מסתמא אויך געוואוסט פון דעם מאמר התלמוד, אז די מעהרסטע חלומות ווענדעט זיך ווי אזוי מען טייטשט אויס. טא פארוואס האט ער דעם שר המשקים, דעם „ליקאר קאמישיאנער", אויסגע־טייטשט צום לעבען, און דעם בעקער צום טויט?

מוזען מיר דערפאר באטראכטען ווי אזוי יענער האט דערצעהלט זיין חלום, און אז מיר וועלען עס זעהן, וועלען מיר קומען צום אויספיהר, אז יוסף האט ריכטיג פארשטאנען ווי אויסצוטייטשען.

דער שר המשקים דערצעהלט אז ער האט געזעהן טרויבען, און האלטענדיג פרעה'ס כוס אין האנט, האט ער מיט דער צווייטער האנט אויסגעקוועטשט די טרויבען און עס איבערגעגעבען צו פרעה'ן.

פון דעם האט יוסף פארשטאנען, אז דאס האט ער זיך געזעהן א לעבעדיגען, האט געארבייט מיט ביידע הענט, געגעבען גענומען, און דאס איז א צייכען פון לעבעדיגען מענשען. און יוסף האט איהם דעריבער געזאגט, אז ער וועט בלייבען לעבען.

דער בעקער דערצעהלט, אז אין חלום זיינען איהם דריי קערבלאך מיט גע־בעקס געשטאנען אויף'ן קאפ. אויף'ן אויבערשטען קערבעל האט זיך געפונען די שעהנסטע געבעקס, און א פויגעל איז געשטאנען און האט פון קאפ ביי איהם געגעסען.

פארשטעהט יוסף אז ער איז א טויטער, אויב א פויגעל קען ביי איהם

אויף'ן קאפ עסען און ער קאן איהם ניט ארונטערטרייבען, איז א סימן אז ער איז שוין ניט קיין לעבעדיגער מענש.

מען דערצעהלט אז א גרויסער קינסטלער האט אמאל געשאפען א בילד, וואס האט פארגעשטעלט א מענשען האלטענדיג א בינטעל טרויבען אין דער האנט.

ווען מען האט דאס בילד געבראכט אויף דער אויסשטעלונג, האט א פויגעל זיך געלאזט עסען די טרויבען פון דעם בילד — אזוי נאטירליך זיינען זיי געווען.

האבען אבער די קריטיקער ערקלעהרט דאס בילד אלס ניט נאטירליך, ווייל וואלט דער מענש געווען געמאלען נאטור־טריי און לעבעדיג, וואלט דער פויגעל זיך געשראקען צו עסען די טרויבען פון זיינע הענט. האט אבער דער פויגעל ניט מורא געהאט, איז דאס א באווייז אז דאס בילד איז ניט עכט געגוג, און אז דער געמאלענער מענש איז א טויטער.

דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט דעם בעקער וואס האט דערצעהלט, אז אין חלום האט א פויגעל ביי איהם געגעסען פון קאפ. יוסף האט עס אנגענומען אלס סימן, אז זיין גורל איז א פאר'חתמ'עטער. און אזוי האט ער איהם פותר געווען.

און דאס איז אויך א סימן פאר אונז אלעמען. ווער עס טוט עפעס, איז אקטיוו און שאפט, איז דאס ביי איהם א צייכען פון לעבען. ווער עס טוט אבער גארנישט און לאזט אז יעדער פויגעל זאל אויף זיין קאפ עסען, דער איז מעהר טויט ווי לעבעדיג. און דאס אייגענע איז ביי יעדען אידעאל. טוט מען עפעס, ארבייט מען, איז דער אידעאל א לעבעדיגער. ריהרט מען זיך אבער ניט פון ארט און מען לאזט פויגעל עסען פון די קעפ, איז דער אידעאל שוין א באגראבענער.

מקץ

פרעה דער ערשטער פון מצרים, ווערט אויך א בעל החלומות.

און עס חלומ'ט זיך איהם פון זיבען זאנגען מאגערע, מיט זיבען פעטע. עס איז איהם שווער פותר צו זיין דעם חלום, ווייל ער פארשטעהט ניט, ווי קאן עס געמאלט זיין, אז מאגערע זאנגען און מאגערע קיה זאלען איינשלינגען פעטע?

דער חלום גיט איהם קיין רוה ניט.

ער זוכט א באשייד צו דעם חלום צווישען זיינע מיניסטארען און באדינער און דער באפרייטער וויין־שענקער דערמאנט זיך אן יוסף'ן און ער דערצעהלט פרעה'ן, אז אין תפיסה געפינט זיך אן עבד עברי, א פארשקלאפט אידעל הייסט עס, וואס קאן זעהר גוט פותר זיין חלומות.

און אז די פרעה'ס דארפען האבען א יוסף נעהמט זיי איהם אפילו ארויס פון דער תפיסה.

און יוסף איז פותר דעם חלום צו פרעה'ן.

עס איז מעגליך, אז דאס ווערטעל „זיבען איז א ליגען״ שטאמט נאך פון פרעה'ס חלום, ווייל איהם האט זיך נאר געחלומ'ט פון זיבען, בעת לויט דעם באשייד פון יוסף'ן איז דאס געווען בלויז איין חלום (חלום פרעה — אחד הוא) און יהודה, ווען ער האט זיך געקריגט מיט יוסף'ן, האט איהם אויך אנגעוואונקען, אז ער איז אזא ליגנער ווי פרעה, דערפון זעהען מיר, אז דער כלל, דאס „זיבען איז א ליגען״ שטאמט נאך פון פרעה'ס צייטען.

אבער ניט דאס זיינען מיר איצטער אויסען. וואס מיר זענען יא אויסען איז, צו באווייזען, אז ווען מען דארף דעם אידען, שלעפט מען איהם ניט נאר ארויס פון דער תפיסה און מען גיט איהם פרייהייט, נאר מען גיט איהם אפילו א הויכען אמט. אז יוסף האט פותר געווען פרעה'ן, דאס עס קומען זיבען הונגער־יאהר, וואס וועלען אויפפרעסען די זיבען זאטע, און אז מען דארף אנגרייטען פון די גוטע צייטען אויף די שלעכטע, טראכט זיך דא פרעה: ווי געפינט מען נאך א קלוגערען מענשען, וואס זאל ווערען שפייז דירעקטאר און אפשפארען פון די גוטע צייטען אויף די שלעכטע?

דער איד וויים דעם סיסטעם פון שפארען, בעת די אנדערע פעלקער לעבען נאר מיט'ן היינטיגען טאג.

מאכט דעריבער פרעה יוסף'ן פאר'ן שפייז־אדמיניסטראטאר און יוסף פון אמאל, פונקט ווי פיעלע יוסף'ס פון היינט, מאכען פארמעגענס פאר די פרעה'ס און נאכדעם מאכען די פרעה'ס זייערע קינדער פאר שקלאפען.

יוסף זאמעלט איין אין די גוטע יאהרען געטריידע פאר די הונגער יאהרען, בעת

די עגיפטישע חכמים קאָנען גאָר ניט אָפּשפּאַרען, אַזוי, אַז ווען די הונגער־יאָהרען קומען פאַרקויפען זיי זיך צו פּרעה'ן פאַר שקלאַפען צוליעב אַ שטיקעל ברויט.

דער איד וויים פון שפּאָרען, אָבער די עגיפּטער פאַרגינען דאָס איהם ניט און זיי שרייען אַז ער ווערט רייך אויף זייער חשבון.

און יעקב דערשפירט אויך דעם הונגער אין דעם לאַנד כנען און שיקט צעהן פון זיינע זיהן איינצוקויפען עסענוואַרג.

יוסף פאַרשטעהט, אַז זיינע ברידער וועלען מסתמא קומען קיין מצרים און ער באַפעהלט, אַז אַלע נעמען פון פרעמדע זאָלען איהם צוגעשטעלט ווערען, איידער מען פאַרקויפט זיי תבואה.

און ווען יוסף הויבט אָן צו רעדען צו זיינע ברידער, איז די ערשטע זאַך באַשולדיגט ער זיי אין שפּיאָנאַזש. פאַרוואָס טוט ער דאָס? ס'איז רבותי, פאַראַן אין דעם געזונטער אידיישער שכל. יוסף האָט געוואוסט, אַז ווען זיינע ברידער וועלען זיך קאָנען פריי באַוועגען און באַפיהרען געשעפטען מיט מענשען אין גאַס, דעמאָלט וועלען זיי זיך שוין דערוויסען, פון וואַנען ס'קומט דער שפּייז־דיקטאַטאָר, האָט ער דאָרום די ערשטע זאַך אַרויסגעלאָזט דעם בלומרשטדיגען חשד, אַז זיי זיינען שפּיאָנען (מרגלים). שפּיאָנען קאָנען זיך שוין ניט פריי באַוועגען און במילא קאָנען זיי שוין ניט קומען אין באַריהרונג מיט די מענשען פון לאַנד.

אָבער אויב ביי יוסף'ן איז דאָס געווען ניט מעהר, ווי אַ גוטמוטיגער שפּאַס כאָטש ער האָט געהאַט גוטע אורזאַכען צו האָבען בייזוויליגע כונות, ווייל די ברידער זיינע האָבען דאָך איהם אַזוי פיל שלעכטעס געטאָן, איז עס אָבער ביי די גוי'אישע הערשער געוואָרען אַ צווייטע נאַטור צו באַשולדיגען אידען אין שפּיאָנאַזש, אין פיינדשאַפט צום לאַנד, כאָטש אין דער אמת'ן זענען זיי געטרייע בירגער און אַלץ וואָס זיי זוכען איז „לשבר אוכל" צו קויפען זיך אַ שטיקעל ברויט, קויפען עהרליך און ניט שפּיאָנעווען.

אָבער דאָס איז אפשר די שטראָף פאַר דער ניט־ברידערליכער באַהאַנדלונג פון אייגענעם בלוט און פלייש, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבען אין ערשטען דור פון יעקב'ס קינדער.

די פרעמדע וואָס זיינען געקומען קיין מצרים און אויסגעפונען אַז זיי ווערען פאַלש באַשולדיגט אין שפּיאָנערייי, דערפיהלען זייער ביטערע לאַגע, דערפיהלען זייער געפאַלענקייט און זיי זאָגען: „דיינע קנעכט זענען געקומען קויפען עסענוואַרג". יאָ, ניט איינער ווערט אַ קנעכט צוליעב דעם מאָגען. אַנדערע ווערען אפילו קנעכט צו שלעכטע געוואוינהייטען — מען ווערט פאַרשקלאַפט צום טרונק, אָדער צום רויכערען.

אָבער עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז ווען עס קומט אויף אַ מענשען אַ צרה, דערמאָהנט ער זיך אָן זיינע זינד, אָן דעם אומגליקליכען ברודער, און די בני יעקב רעדען צווישען זיך, אַז דאָס צאָהלט זיי איצט גאָט אָפּ פאַר זייער גרויזאַמקייט צו זייער אייגענעם ברודער. זיי דערמאָהנען זיך, ווי ער האָט זיך געבעטען, ווי ער האָט אַפּעלירט פאַר רחמנות, אָבער מען האָט איהם ניט געהערט (בהתחננו אלינו ולא שמענו).

ניט איינער שטעהט אונטער אַ שטראָף פאַר גרויזאַמער באַהאַנדלונג פון אַ ברודער, אָדער פאַר ניט העלפען איהם, ווען ער איז אין אַן עת צרה.

דא אין דער סדרה מקץ זעהען מיר, ווי אזוי דאס רעדעל קאן זיך געבען א דרעה איבער. דער וואס איז פארפאלגט געווארען שטעהט איצט אזוי הויך איבער זיינע געוועזענע פארפאלגער, אז ער קאן מיט זיי טאן אלץ, וואס ער וויל נאר. ער קאן זיי איצט אפצאהלען מידה כנגד מידה. איין פיפס און זיי ווערען איינציג־ווייז אויסגע׳הרג׳עט אדער ארייגעווארפען אין תפיסה אויף אייביג. אבער דאס איז ניט יוסף׳ס וועג. זיין וועג איז: צוזאמענברענגען די זינדיגע מענשען מיט זייער אייגענעם געוויסען, ווייזען זיי, אז אט איז געקומען א מאמענט, ווען זיי מוזען אויסשטעהן די ביטערסטע נקמה פון דעם, וואס זיי האבען אזוי גרויזאם געהאנדעלט דאן, ווען זיי זיינען געווען שטארק און דער אנדערער שוואך, אבער נקמה פיהרט ניט צו דער אויסבעסערונג פון דער וועלט, בלוט וואשט ניט קיין בלוט. יוסף וויל, אז זיינע שלעכטע ברידער זאלען לערנען א גוטען ביישפיעל און זיי זאלען זיך פארשעהמען פאר זיך אליין און זייער אייגענער געוויסען זאל זיי באשטראפען. ער פארשטעלט זיך פאר אן אכזר און באווייזט זיינע געוועזענע פארפאלגער, ווי מאכטלאז זיי זענען. ער באפעהלט זיי צו ברענגען זייער קליינעם ברודער בנימין, דאן ערשט וועט ער זיי גלויבען, אז זיי זאגען דעם אמת.

יוסף האט אבער מורא, זיי זאלען ניט טאן מיט דעם קליינעם בנימין דאס זעלבע, וואס זיי האבען געטאן מיט איהם, נעהמט ער דארום פאר א משכן איינעם פון זיי, אלס גאראנטיע, אז זיי וועלען בנימינ׳ען ברענגען א לעבעדיגען. ער גיט זיי תבואה און לעגט דאס געלט צוריק אריין אין די אנגעפאקטע זעק. דאס איז אן אנדייטונג, אז פאר עשרים כסף האבען זיי פארקויפט זייער ברודער. טא נאט אייך דעריבער געלט, אבי פארקויפט מעהר ניט איינער דעם אנדערען.

יעקב האט זיך אבער ערשט אויף אן אמת דערשראקען, ווען ער האט דערזעהן, אז אלע האבען צוריקגעבראכט דאס געלט אין זייערע זעק מיט תבואה. יעקב׳ן איז מסתמא ארויפגעשוואומען אויף׳ן זכרון די מעשה מיט דער שטאדט שכם, און ער האט גענומען מורא קריגען אויב די זינהדלאך האבען שוין ניט אפגעטאן עפעס אן עהנליכען שפיצעל אין מצרים, און דעריבער פעהלט שמעון, און זיי ווילען איצט ווידער נעהמען דעם איגנסטען זוהן, בנימין.

און יעקב זאגט: „אותי שכלתם", איהר מאכט דאך מיר קינדערלאז, יוסף ניטא, שמעון ניטא, און איצט ווילט איהר נאך בנימינ׳ען צונעהמען? ניין, קינדער, איך וועל עס ניט דערלאזען.

ראובן שווערט זיך ביי זיינע אייגענע קינדער, אז ער וועט בנימינ׳ען צוריקברענגען, אבער יעקב וויל אפילו ניט הערען.

אבער ווען דער הונגער שטארקט זיך אין לאנד, קומט יהודה און נעהמט אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט. דאן שיקט יעקב מתנות צום עגיפטישען וויצעקעניג (יוסף׳ן) און לאזט זיי מיטנעהמען זיין בן זקונים, בנימינ׳ען.

יוסף נעהמט זיי אויף פריינדליך, דערפרעהט זיך מיט זיין ברודער בנימין, פארברענגט מיט זיי ביי א מאלצייט, אבער דא עסען די מצריים באזונדער און די אידען באזונדער, ווייל די עגיפטער שטעהט ניט אן צו עסען צוזאמען מיט אידען.

דאכט זיך וויפיעל אידען האבען זיך דאמאלסט געפונען אינגאנצען אויף דער וועלט, און פון די ווענינע איז איינער געווען וויצע־קעניג אין עגיפטען. דאך איז די עגיפטער ניט אנגעשטאנען צו עסען צוזאמען מיט די אידען.

יוסף לאזט אנפילען זייערע זעק מיט געטריידע און לאזט ווידער אריינלעגען דאס געלט אין יעדען זאק און אין בנימינ׳ס זאק הייסט ער אריינלעגען זיין זילבערנעם בעכער, און ווי נאר זיי געהען ארויס פון שטאדט, ווערען זיי אנגעיאגט ווי גנבים.

מען עפענט די זעק און מען געפינט דעם בעכער אין בנימינ׳ס זאק. מען ברענגט זיי צו יוסף׳ן, און דא וויל ער זיי באשטראפען פאר דעם חטא פון פאר־קויפען איהם.

לכתחילה האט יהודה געמיינט, אז זיי ווערען באשטראפט פאר די זינד קעגען יוסף׳ן און האט דעריבער געזאגט: „מיר זענען פארטיג צו זיין דיינע קנעכט״, אבער אז ער האט געזעהן אז מען טשעפעט זיך צו בנימינ׳ען, וועלכער איז אין גאנצען ריין פון דער מיאוס׳ער געשיכטע מיט יוסף׳ן, דאן „ויגש אליו יהודה״, און יהודה האט מיט דעם שני למלך פון מצרים גענומען רעדען אנדערע דבורים...

ויגש

נאכדעם ווי יהודה איז געווארען זיכער אז מען זוכט א בלבול אויף איהם מיט די ברידער, איז „ויגש אליו יהודה", געהט ער צו נעהענטער צו יוסף'ן, און זאגט צו איהם:

„בי אדוני" — אין מיר וועסטו האבען א בעסערען קנעכט ווי אין בנימינ'ען וועלכען דו ווילסט פארהאלטען. איך קען שווער ארבייטען, און ער ניט, זייענדיג שטענדיג א געצערטעלטער. און ניט נאר ארבייטען, אפילו רעדען מיט אזעלכע ווי דו קען ער אויך ניט. ווארים פרוביר נאר, „ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני", זאל ער נאר רעדען עטליכע ווערטער צו דיר, „ואל יחר אפך באבדך", און לאמיר זעהן אויב דו וועסט אויף איהם ניט ווערען אין כעס. „כי כמוך כפרעה", דו ביסט דאך אזוי חשוב ווי פרעה, און צו דיר דארף מען וויסען ווי צו ריידען.

„דו ביסט דאך פאראינטערעסירט אין אונז זאגט יהודה האסט אונז געפרעגט אויף אונזער טאטען און צי מיר האבען נאך ברידער, און אז מיר האבען דיר געזאגט אז מיר האבען אן אלטען טאטען און א אינגערען ברודער, האסטו געוואלט איהם זעהן. און כאטש מיר האבען דיר געזאגט אז אונזער ברודער קאן ניט פארלאזען דעם אלטען טאטען, צוליעב אן אומגליק וואס ער האט שוין געהאט מיט אן עלטערען זוהן, האסטו אלץ פארלאנגט אז מיר זאלען ברענגען דעם אינגערן ברודער, צו זעהן אויב מיר זאגען דיר אמת.

„איצט, ווען איך האב מיט מיין לעבען ערב געווען דעם טאטען פאר מיין אינגערען ברודער, בין איך צופרידען צו בלייבען ביי דיר א קנעכט, אבי מיין ברודער זאל צוריק אהיים געהן צו אונזער אלטען פאטער, וועמעס צער איך קאן ניט אריבערטראגען."

יוסף קאן זיך מעהר ניט איינהאלטען און ער צעוויינט זיך אויף'ן קול, דערקענענדיג זיך צו זיינע ברידער.

יוסף מעג זיך געפינען צווישען די עגיפטער, מעג זיין א וויצע־קעניג, אבער אז ער דערזעהט ווי שטארק זיינע ברידער לײדען, פארגעסט ער אפילו אין די צרות וואס זיי האבען איהם אנגעטאן, שעהמט זיך ניט פאר די עגיפטער און צעוויינט זיך אויף'ן קול.

אבער ער זאגט צו זיינע ברידער: איך בין אייער ברודער יוסף. לעבט נאך מיין אלטער טאטע? אז אייער טאטע לעבט, ווייס איך — אבער איך וויל וויסען צי לעבט ער נאך פאר מיר, דערמאנט ער מיר אמאל?

און אז די ברידער שעהמען זיך איהם צו ענטפערען, טרייסט ער זיי: עס איז

ניט אייער שולד. ניט איהר האט מיך דא אהער געשיקט, נאר די געטליכקייט, כדי איך זאל אייך אלעמען קאנען שפייזען אין די הונגער־יאהרען.

ווען די אלע ארויפגעארבייטע יוספס אין די היגע לענדער וואלטען געוואוסט אז די געטליכקייט האט זיי געשיקט קיין אמעריקע, כדי צו שפייזען די ארימע עלטערען און ברידער וואס זיי האבען איבערגעלאזען אין דער אלטער היים, — ווען זיי אלע וואלטען דאס געוואוסט, וואלטען א סך הונגעריגע דארטען, אין דער אלטער היים, ניט אויסגעגאנגען פון נויט.

געהט אנזאגען דעם אלטען טאטען אז איך לעב, זאגט יוסף צו זיינע ברידער, און ברענגט איהם אהער מיט דער גאנצער פאמיליע. אבער פארגעסט דאס וואס עס איז געווען און קריגט זיך ניט ארום אויפ׳ן וועג. און יוסף לאדט אן וועגענער מיט אלדאס גוטס און גיט עס מיט די ברידער.

יעקב דערהערט די גוטע בשורה אז יוסף לעבט, און אז ער איז גאר א מושל אין לאנד מצרים, זאגט ער: אויב אזוי, אויב עס הויבט מיר שוין אן צו געהן גוט, וועל איך דאך מסתמא שוין לאנג ניט לעבען, דארום „אלכה ואראנו בטרם אמות״, וועל איך איהם געהן זעהן איידער איך שטארב.

יעקב האט געפיהלט, אז ווי גרויס זיין טראגעדיע איז ניט, קאן ער עס אריבערלעבען, ווייל דער מענש לעבט איבער אלע צרות. אבער אז עס הויבט אן געהן גוט, קומט דער טויט און רופט אוועק אין דער אייביגער רוה.

ליכט און שאטען קעמפען כסדר צווישען זיך. ווען דער מענש האט שוין די געלעגענהייט צו לעבען, און פון לעבען צו געניסען, דאן קומט דער טויט און פארנעהמט דאס ארט פונ׳ם לעבען.

יעקב ווייסט דאס, און דעריבער זאגט ער צו יוסף׳ן: „אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך״, איצט, ווען איך זעה דיך אין אזא גדולה, וועל איך מסתמא שטארבען — ווען עס איז געקומען די צייט וואס עס ווילט זיך לעבען און הנאה האבען.

יעקב שרעקט זיך אפילו צו געהן קיין מצרים מיט דער גאנצער פאמיליע. ער האט מורא זיי זאלען זיך ניט אסימילירען מיט די עגיפטער און ניט איינזאפען אין זיך יענע קולטור פון לאנד.

אבער די געטליכקייט רעדט צו איהם און זאגט: האב קיין מורא ניט און געה. איך וועל זיין מיט דיר אין מצרים, און וועל דיך פון דארט אויך אויסנעהמען. און וואס אנבאלאנגט יוסף׳ן, איז לאז איהם צורוה, „ויסף ישית ידו על עיניך״, וועגען יוסף׳ן פארקוק אביסעל.

און אין פארשידענע גלות־צייטען האבען עלטערען געמוזט, און מוזען נאך היינט אויך, זיך פארשטעלען די אויגען, ווען זייערע יוסף׳לאך, וואס זיינען דערהויבען געווארען פאליטיש, האבען געטאן, אדער טוען עפעס וואס די עלטערען געפעלט ניט.

יעקב מיט זיינע קינדער קומען קיין מצרים, און ווען יוסף צוקושט זיך מיט׳ן פאטער אוןביידע וויינען, זאגט צו איהם יוסף: דו, טאטע, האסט מורא פאר אסימילאציע, וועל איך דיר מיט דער גאנצער משפחה באזעצען אין גושן, וואס איז נאך ניט אזוי ציוויליזירט, נאר איז גוט פאר פאשע, פאר אגריקולטור־צוועקען. און כאטש פרעה זאגט אז זיי, יעקב מיט די קינדער, קענען זיך באזעצען אין בעס־

טען האנדעלס־פלאץ, און ער וועט פון זיי אויך מאכען מיליטערישע באאמטע, אנט־זאגען זיי זיך דערפון און זאגען: מיר זיינען שאף־פאסטוכער אונזערע גאנצע יאהרען, און מיר זיינען צופרידען צו בלייבען אין גושן, וואו עס איז פאראן פעטע פאשע. און יוסף קריגט ביי פרעה'ן א „קוואטע פערמיט" פאר דער גאנצער פאמיליע.

ווען יעקב ווערט פארגעשטעלט פאר פרעה'ן, וועלכער דערזעהט א גרייז־גראהען מענשען, פרעגט פרעה ביי איהם: „כמה ימי שני חייך", ווי אלט ביסטו? און יעקב ענטפערט איהם: איך בין ניט אזוי אלט ווי דו דענקסט, איך האב אבער געהאט שלעכטע יאהרען, און דעריבער זעה איך אויס עלטער ווי מיינע על־טערען אין די זעלבע יאהרען. די אורזאך פון מיינע צרות זיינען געווען „ימי שני מגורי", איך בין אומעטום תמיד געווען א פרעמדער, א גר, און דאס האט מיך גרוי געמאכט פאר דער צייט. „ויברך יעקב את פרעה", און יעקב זאגט: גע־בענשט ביסטו, פרעה, אז דו זיצסט אין דיין לאנד און ביסט ניט נע ונד.

די עגיפטער קומען צו יוסף'ן ער זאל זיי געבען מיט וואס צו פארזייען די פעלדער, וויל דער הונגער איז גרויס. און יוסף גיט זיי די תבואות — אויף א פראצענט־סיסטעם, אבער נעהמט איבער זייערע פעלדער פאר פרעה'ן, און צו־שיקט די עגיפטער אין אנדערע פלעצער, כדי זיי זאלען אויף די פריהערדיגע פעלדער ניט קאנען האבען קיין חזקה.

מיר געפעלט אבער וואס די גמרא זאגט אויף דעם:

יוסף האט ספעציעל איבערגעביטען די וואוינערטער פון די עגיפטער, כדי אז די וואס וועלען אנקומען קיין גושן, זאלען ניט קענען רופען יעקב'ס פאמיליע גרינע אימיגראנטען, וויל זיי וועלען שוין דא טרעפען די אימיגראנטען אלס ארויפ־געארבייטע בירגער.

און טאקע באלד ווי די תורה דערצעהלט אונז וועגען דעם „טראנספער" וואס יוסף האט געמאכט מיט די עגיפטער, קומט די בשורה אז ישראל האט זיך באזעצט אין מצרים, און „ויאחזו בה, ויפרו וירבו מאד", עס הייסט: זיי האבען זיך איינגעבירגערט, זיך געפרוכפערט און געמעהרט.

און פאסירט האט דאס אייגענע ווי אין יעדען גלות־לאנד — וואס דער אמת'ער גלות הויבט זיך אן ווען ישראל פארמעהרט זיך, ארבייט זיך ארויף און וויל זיך באנוצען מיט זיינע בירגערליכע רעכט. מען נעהמט דאן פיהלען דעם טעם פון גלות.

ויחי

רש"י פרעגט: פארוואס איז אין דער תורה ניט פאראן קיין הפסק צווישען די סדרה ויגש און ויחי. „למה פרשה זו סתומה?" און רש"י פארענטפערט, אז די פרשה איז א פארבלענדעטע, ווייל יעקב האט געוואלט אויסזאגען זיינע קינדער די צייט, ווען זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, איז עס פון איהם אבער פאר־בלענדעט געווארען.

עס הייסט: יעקב האט געזאלט זאגען זיינע קינדער די צייט, ווען זיי וועלען פון גלות אויסגעלייזט ווערען, איז ער אבער פארבלענדעט געווארען פון דעם לוק־סוס, אין וועלכען זיי האבען זיך געפונען אין די צייטען פון יוסף'ס ממשלה, ווען זיי האבען נאך ניט געוואוסט דעם טעם פון גלות.

היינט געה רעד פון א גלות אין א צייט וואס מ'לעבט אין לוקסוס. איז דאס מעגליך זיך צו פארשטעלען אז מיט יאהרען שפעטער וועט דאס זיין א שקלא־פעריי און מ'וועט לעכצען פאר אן ערלעזונג?

האבען די אידען אין דער גאלדענער שפאנישער פעריאדע אמאהל גע'חלומ'ט אז עס וועט קומען א צייט פון אן אינקוויזיציע אין אוטא־דע־פע?

ווייסען מיר היינט וואס וועט ווערען מיט א דור שפעטער אין דיעזע לענדער פון לוקסוס און כלומרש'טע פרייהייט?

יעקב זעהט, אז די צייט פון שטארבען דערנעהענטערט זיך, און ער לאזט רופען זיין זוהן יוסף און בעט איהם: „אל נא תקברני במצרים", באגראב מיך ניט אין מצרים, איך וויל ליגען מיט מיינע עלטערען. אויב ניט לעבען, איז כאטש נקבר ווערען אין אבות לאנד.

און יוסף זאגט: „אנכי אעשה כדבריך" — איך וועל אויך אזוי רעדען צו מיינע קינדער ווען מיין צייט וועט קומען. און אזוי האט ער טאקע געטאן, בע־טענדיג מיטצונעהמען זיינע ביינער קיין ארץ ישראל ווען גאט וועט זיי ארויסנע־מען פון מצרים.

יוסף האט דאמיט מקים געווען דאס, וואס פיעלע היינטיגע קינדער וואלטען אויך געטאן, כאטש, ניט מיט אזוי פיעל מסירת הנפש ווי יוסף האט עס געטאן.

היינטיגע קינדער מעגען זיי אפטמאל חוזק מאכען פון'ם אלטען טאטען, אבער ווען זיי האבען נור אין זיך א פונק פון דעם אמאליגען יוסף, לויפען זיי זאגען קדיש נאכ'ן טאטען, כאטש ביי זיין לעבען האבען זיי די שוהל אויסגעמידען און טוען

דאָס טאַקי ווייטער, ווען דער „קדיש טערמין״ ענדיגט זיך, ווערענד די עשו׳ס טוען אפילו אזוי פיעל אויך נית

יעקב ווערט קראַנק, און יוסף ווערט דערפון געוואויר, קומט ער מיט זיינע צוויי זיהן מנשה און אפרים דעם פאָטער מבקר חולה זיין און זיך מיט איהם געזעגענען.

ווען איך בין רש״י וואָלט איך געפרעגט : „ואסנת היכן היתה?״ וואו איז געווען יוסף׳ס ווייב?

און איך וואָלט, ווי רשי טהוט, געגעבען מיין אייגענעם ענטפער: דער עגיפּטישער אסנת איז נית אָנגעשטאָנען צו קומען אין דער אידישער געטהאָ אין גושן זיך צו זעהען מיט׳ן „אַלד דזשו״: אין דער אמת׳ן, ווי פּאַסט דאָס איהר טאַטען פּוטיפר דעם קצב, אַז זי זאָל קומען זעהן דעם אַלטען פאַטריאַרד?

און וויפיעל היינטיגע שנירען וועלכע האָבען נית קיין קצבים טאַטעס, נאָר בלויז אסימילאַטאָרישע אי״שישיקער דייטשען און זיי שעהמען זיך מיט׳ן „אַלד גרינהאָרן״, וואָס האָט פאַר זיי אויפגעהאָדעוועט א מאַן א לויער, א דאָקטאָר? אָבער אזוי ווי איך בין נית רש׳י וועל איך נית פרעגען, ערשטענס, מ׳זאָל מיך נית חושד זיין, אַז איך פרעג מיך נאָך אויף ווייבער, און צווייטענס, ווייל עס איז ביי אייך לעזער קיין נייעס נית, אויב איהר האָט דאָס נית געזעהען אין אייער פאַמיליע, האָט איהר דאָס מסתמא געהערט פון אייערע פריינד אָדער באַקאַנטע.

אַז יעקב דערזעהט די צוויי קינדער, מסתמא אָנגעטאָן ווי עגיפּטישע פרינצען, און אפשר, זעהט זיי יעקב אויך צום ערשטען מאָהל, — פרעגט ער: „מי אלה״? ווער זיינען די חברה? און יוסף ענטפערט איהם „בני הם״, דאָס זיינען מיינע קינדער און יעקב בענשט זיי. „ויקרא בהם שמי ושם אבותי״, זאָלען זיי נית ענדערען זייערע נעמען אויף עגיפּטישע, נור זאָלען זיי זיך רופען ווי איך מיט מיינע עלטערען האָבען זיך גערופען „וידגו לרוב הארץ״. וועלען זיי זיך מעהרען און ישראל וועט זיך מיט זיי בענשען.

דער ישראל הכללי, דער אלגעמיינער ישראל, בענשט זיך שטענדיג מיט די קינדער וואָס ענדערען נית זייערע נעמען, אפילו ווען זיי זיינען מיוחסים אין די עגיפּטישע הויפען, ווייל, נית ענדערען דעם נאָמען מיינט, זיך האַלטען מיט זיין פאָלק, און מיט זיין שפּראַך.

יעקב לעגט די הענד אויף זייערע קעפּ איבער געדרעהט די רעכטע האַנד צום לינקען זייט, און די לינקע זייט צום רעכטען קאָפּ. ער פיהלט, ווי א רעליגיעזער איד, וואָס שרייבט אום חול המועד. בדרך שינוי מיט דער לינקער האַנד.

מ׳דאַרף בענשען יוסף׳ס קינדער, נית אַכטענדיג וואָס זיי זעהען עפּעס נית אויס זעהר אידישלאַך. אָבער יעקב טהוט דאָס, ווי דער עהרליכער איד, וואָס שרייבט אום חול המועד. און צו באַוואָרענען אז זיי זאָלען בלייבען אידען, נעהמט זיי יעקב אריין אינ׳ם צאָהל פון די שבטים אויפ׳ן פּלאַץ פון פאָטער יוסף.

שפּעטער בענשט יעקב זיינע קינדער איינציגווייז :

„ראובן מיין עלטסטער זוהן, דו וואָלסט דאָך געדאַרפט אלס בכור, צו האָבען אלע אייגענשאַפטען פון דיין טאַטען, ביזטו אָבער אביסעל ווילד — פחז כמים — און עס געפעלט דיר נית ווי דער טאַטע ליגט, ווי ער געהט, „כי עלית משכבי אביך״, דעריבער פאַרדינסט דו נית דעם כבוד פון די בכורה.

שמעון און לוי זיינען קריגעריש געשטימט און איך וועל מיין נאמען ניט דערמאהנען מיט זיי; איך וועל זיי צוטהיילען צווישען יעקב און ישראל.

און זייט דאן געפינט מען די קריגערישע עלעמענטען צווישען אלע געצעלטען פון יעקב און ישראל, סיי אין שולען און סיי אין ארגאניזאציעס געפינט איהר זיי.

„יהודה, דיך וועלען דיינע ברידער לויבען, און עס וועלען זיך צו דיר בוקען דעם פאטער'ס קינדער. דאס מיינט אלע קלאסען אידען, ווייל ווען נור די מוטער'ס קינדער, וואלט עס געמיינט נור איין קלאס פון „יהודים", אבער לויט דער ברכה בוקען זיך נאך היינט פאר די „יהודים" אלע קלאסען אידען.

אדרבא, קומט אויף א מיטינג וואו עס געפינט זיך א יהודי, וועט איהר זעהן ווי אויפמערקזאם מ'הערט איהם אויס, און ווי אלע בוקען זיך פאר איהם, און אפילו די קריגערישע „שמעון ולוי'ס" האבען אויך פאר זיי דרך ארץ. און אזוי וועט דאס אנהאלטען, עד „כי יבא שילה"; ביז אין משיח'ס צייטען, ווייל נור דער ציוניסטישער אידעאל, האט אביסעל פארקלענערט די מאכט פון די „יהודים."

אזוי האט יעקב געמוסר'ט זיינע קינדער, און זיי געבענשט, און דאן זיי אנגעזאגט דאס נאך זיין טויט זאלען זיי איהם ברענגען צום לאנד כנען, און איהם מקבר זיין מיט זיינע עלטערען, און אט דאס איז דער סוד פון יעקב דעם אינדיווידואל און פון ישראל דעם אלגעמיינעם. דער סוד פון לעזען ישראל'ס פראבלעמען — קומען אין'ם אייגענעם לאנד און ניט באגראבען ווערען אין די גלות לענדער.

יעקב שטארבט, און זיינע קינדער פאלגען אויס זיין צוואה. יוסף מיט די ברידער פיהרען איהם אוועק צום לאנד כנען, צום לאנד וואס גאט האט פארשפראכען צו אברהם, יצחק און יעקב, זיי זאלען לעבען דארט און זיי שטרעבען כאטש דארט צו זיין נאכ'ן טויט.

און יוסף מיט די ברידער קומען צוריק קיין מצרים, יוסף גיט זיינע קינדער א אידישע ערציהונג, אזוי, אז ווען ער דערלעבט אייניקלאך פון מנשה מיט אפרים, האט ער שוין וועמען צו בעטען אז מ'זאל זיינע ביינער מיטנעהמען פון מצרים, ווען ישראל וועט אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

דאס צייגט, אז דער גלות האט זיך שוין אנגעהויבען צו וויזען, ווייל די מאגערע יאהרען פון מצרים זיינען שוין פאראיבער, טא צו וואס דארף מען שוין א יוסף'ן ? און יוסף שטארבט אין עלטער פון הונדערט מיט צעהן יאהר.

דער אלטער טאטע יעקב זאגט צו הונדערט מיט דרייסיג יאהר, אז ער איז ניט גראה פון עלטער נור פון שלעכטע יאהרען.

יוסף האט גוטע יאהרען, רייכטהום מיט כבוד, און שטארבט צו הונדערט מיט צעהן יאהר.

ווייל יוסף'ן האט שוין דער אנפאנג פון גלות דערנעהענטערט דער טויט...

שמות

שמות

דאָס זיינען די נעמען פון די בני ישראל, וואָס זיינען געקומען קיין מצרים און די זעלבע נעמען האָבען זיי נאָך היינט: ראובן, שמעון און אזוי ווייטער. נו, און יוסף? ער האָט דאָך יאָ געהאט א צווייטען נאָמען, וואָס פרעה האָט איהם געגעבען? איז דער תירוץ: ויוסף היה במצרים, יוסף איז דאָך עפּעס געווען א מצרים'דיגער!

יוסף, זיינע ברידער און דער גאנצער דור זיינען אויסגעשטאָרבען און די בני ישראל הויבט אָן געהן שלעכט, אָבער זיי מעהרען זיך, שטאַרקען זיך און באנוגע־נען זיך ניט מיט'ן לאַנד גושן, נאָר... „ותמלא הארץ אותם", זיי באזעצען זיך איבער'ן גאנצען לאנד. אפילו אין די לענדער, וואו מען זאָגט זיי בפירוש: „נא היבּרוס עלאוד" — אפילו אויך אהין שטופּען זיי זיך.

דער נייער קעניג ווייס ניט, אָדער וויל ניט וויסען פון יוסף'ן, וואָס האָט אמאָל געראטעוועט דאָס לאַנד פון אונטערגאנג און געמאכט דאָס לאנד מצרים פאר דער שפּייזערין פון דעם גאנצען אָריענט. דאָס וויל דער נייער פרעה גאָר ניט וויסען, נאָר ער העצט אויף די עגיפּטער, אז די בני ישראל ווערען רייכער און שטאַרקער פון זיי און אין צייט פון א מלחמה קאָנען זיי נאָך אויסלייען געלט דעם שונא און זיך אוועק פון לאנד מיט'ן רייכטום.

בויעט פרעה פּתם און רעמסס און לעגט גרויסע שטייערען אויף די בני ישראל און אז די לעצטע האָבען שוין ניט פון וואַנען צו צאָהלען, מוזען זיי זיך ווארפען צו דער ארבייט און ארבייטען שווער און ביטער פאר פּרעה'ן, אָבער ישראל מעהרט זיך אלץ און די עגיפּטער האָבען מורא, אז דער נייער דור קאָן נאָך רעוואָלטירען. אפילו די עגיפּטער האָבען שוין געוואוסט, אז אום צו פארניכטען א פאָלק מוז מען זיך נעהמען צו די קליינע קינדער.

פּרעה שיקט רופען די אידישע הייבּאמס און זאָגט זיי אָן, אז אויב עס ווערט געבוירען א אינגעל ביי די בני ישראל זאָלען זיי איהם טויטען און נאָר די מיידלאַך זאָלען זיי לאָזען לעבען. צו די אידישע מיידלאך האָבען די עגיפּטער דוקא חשק געהאט און זיי ניט געוואָלט פארניכטען.

די הייבּאמס האָבען אָבער ניט אויסגעפאָלגט פרעה'ס גזרה און — וייטב ד' אלוקים למילדות וירב העם, — דערמיט, וואָס די אידישע הייבאמס האָבען זייער אייגענעם לעבען געשטעלט אין סכנה און ניט געוואָלט ערמאָרדען אידישע קינדער, האָט זיי גאָט באצאָהלט מיט א סך ארבייט און זיי זיינען רייך געוואָרען...

פּרעה איז אָבער געבליבען אומצופרידען און ער האָט שוין איבערגעגעבען די מאָרד־אויפגאבע צו אמת'ע עגיפּטער און דער פארזאָג איז געווען, אז וואו נאָר זיי וועלען זיך דערוויסען, אז א אידיש אינגעל איז געבוירען געוואָרען, זאָלען זיי איהם דערטרינקען אין וואסער.

דער דערלייזער פון דעם אידישען פאָלק, דער געטליכער משה, דאַרף געבוירען

ווערען און דא וויל אונז די תורה באווארענען און דערצעהלט אונז, אז א מאן פון בית לוי האט גענומען א טאכטער פון שבט לוי און די פרוי איז מעוברת געווארען פון איהם און געבוירען א קינד. דעריבער טאמער זאגט מען אייך, אז א געטליך קינד קאן געבוירען ווערען אהן א מענשליכען טאטען, זאלט איהר וויסען, אז דאס איז ניט אמת.

די מוטער זעהט אז איהר קינד איז א גוטס, פארשטעהט זי אז זי וועט עס קאנען אויסבאהאלטען, ווייל אלס שפיאנאזש־מיטעל צו אויסגעפינען, אויב עס זיינען פאראן באהאלטענע קינדער אין אידישע הייזער, פלעגען עגיפטישע פרויען קומען אין אידישע הייזער, מיט זייערע קינדער און זיי שלאגען און מאכען זיי צום וויינען, בכדי די באהאלטענע אידישע קינדער זאלען עם דערהערען און מיטוויינען, ווי עס איז כאראקטעריסטיש פאר קינדער, אבער אזוי ווי משה איז געווען א גוט קינד און האט ניט געוויינט, האט זיין מוטער פארשטאנען, אז זי קאן איהם אויס־באהאלטען.

און ער איז געלעגען א באהאלטענער גאנצע דריי חדשים, אבער ניט מעהר, ווייל א משה קאן ניט צו לאנג ליגען א באהאלטענער... משה דער דערלייזער איז ניט באשאפען געווארען צו ליגען באהאלטען. זיין מוטער פארשטעהט דאס הפנים, ווייל זי מאכט פאר איהם א קעסטעל און לאזט איהם אויפ'ן וואסער.

א משה, וואס קאן שפאלטען דעם ים האט ניט וואס מורא צו האבען פאר דעם טייך נילוס, דאך ווען פרעה'ס טאכטער האט אויפגעמאכט דאס קעסטעל, האט משה דיקא יא געוויינט, אבער ניט אזוי געוויינט ווי א קינד, וואס וויל זויגען, ווייל ער האט ניט געוואלט זויגען ביי עגיפטישע פרויען, נאר געוויינט ווי א דערוואקסענער, ווי אין פסוק שטעהט: „נער בוכה". פרעה'ס טאכטער, די עגיפטישע פרינצעסין, האט פארשטאנען, אז נאר א אידיש קינד קאן אזוי ביטערליך וויינען, ווי א דער־וואקסענער. א אידיש קינד איז א איד גלייך, ווי ער ווערט נאר געבוירען. די אידישע צרות פארעלטערען שנעל דעם אידישען קינד און אפשר דעריבער טאקע זענען די אידישע קינדער בעסער אין די סקולס. זיי ווערען שנעל דערוואקסענע מענשען און זייער שכל איז מעהר ענטוויקעלט.

פרעה'ס טאכטער אדאפטירט איהם און ער ווערט אויפגעצויגען אין פרעה'ס הויף.

אבער משה רבנו רוהט ניט. ער געהט ארויס א קוק טאן וואס הערט זיך עפעס מיט זיינע ברידער, און ווי נאר ער דערזעהט אז א מצרי שלאגט א אידען, איינעם פון זיינע ברידער און ער וויים, אז קיין געזעץ איז פאר א אידען ניטא, ווייל מען קאן מיט זיין אלצדינג טאן, נעהמט ער דאס געזעץ אין די אייגענע הענט און דער־הרג'עט דעם מצרי און באהאלט איהם אין זאמד.

דעם צווייטען טאג זעהט משה, ווי צוויי אידען קריגען זיך און עס פארדריסט איהם. נאך ניט גענוג, וואס מען ווערט געשלאגען פון אויסערליכע שונאים דארף מען נאך האבען מחלוקות צווישען זיך? ער פרעגט דעריבער דעם אנגרייפער: „רשע, פארוואס שלאגסטו דיין חבר?"

אין א מחלוקה איז לייכט צו דערקענען ווער עס איז א רשע און ווער ניט. א סמן, אז דער, וועמען משה האט גערופען רשע איז עס טאקי געווען. א ראיה דערפון, וואס ער האט גענומען סטראשען משה'ן מיט א מסירה, אז ער האט דער'הרג'עט

דעם מצרי. דערהערענדיג דעם סטראשונאַק פון מסר'ן, זאָגט משה: אכן נודע הדבר, איצט איז מיר שוין באוואוסט פארוואס אידען אָרגאַניזירען זיך ניט אין אַן אַלגעמיינער רעוואָלוציע אנטקעגען דעם דעספּאָטישען פּרעה — די מוסרים דערלאָזען ניט.

און טאקע באלד האָט שוין פּרעה געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע און משה האָט געמוזט אנטלויפען קיין מדין.

און דאָ זעהט ער, ווי יתרו'ס זיבען טעכטער קומען אָנטרינקען די שאָף און ווערען פּארטריבען פון די פּאסטוכער.

קאָן משה ווייטער ניט פּארלייד'ען קיין עולה, פּארטרייבט ער די פּאסטוכער און העלפט יתרו'ס טעכטער אָנטרינקען די שאָף.

יתרו פארבעט משה'ן צו זיך אין הויז און גיט איהם זיין טאָכטער צפּורה פאַר אַ ווייב.

דערווייל ווערען אידען אין מצרים נאָך שטאַרקער אונטערדריקט. פּרעה ווערט קרעציג און זיינע דאָקטוירים ראטען אים זיך צו באָדען אין קינדערשע וואַרים בלוט. אידישע קינדער ווערען צעשטאָכטען אין די טויזענטער. און פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך מער ווי איין קעניג גערייניגט דורך אידיש בלוט, אָפּציענדיג די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע אונטערטאנען צו זיינע נגעים... און גאָט באַשליסט, אז עס איז געקומען די צייט זיי אויסצולעזען פון גלות מצרים.

און משה זעהט אַ דאָרען וואָס ברענט אין פייער און ווערט ניט פּארברענט, אַ סימן פאַר אַלע גלות'ן און ברענענדיגע צרות וועלכע אידען וועלען דורכמאכען און דאָך בלייבען אומבאַשעדיגט.

און די געטליכקייט רעדט צו משה'ן און זאָגט: „איך בין דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס האָב צוגעזאָגט צו ברענגען זייערע קינדער אין'ם לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, און יעצט, ווען זייער געשריי האָט מיך שוין דערגרייכט און פון די צרות, וואָס די עגיפּטער טוען זיי אָן, וויל איך דיר שיקען דו זאָלסט זיי פון דאָרטען ארויסנעהמען."

ווערט משה דערציטערט און ער פרעגט: „מי אנכי"? ווער בין איך, וואָס קאָן רעדען פון מיין „איך" מיט „אנכי"? וואו איז „אנכי ד' אלוקים"? עס הייסט: וואו ביזטו גרויסער גאָט? דו ווילסט, איך זאָל ארויסציהען די בני ישראל איך זאָל געהן צו פּרעהן, מילא, דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע, אָבער „וכי אוציא את בני ישראל," איך זאָל מיט די בני ישראל עפּעס קאָנען אויפטאָן. אָט בין איך אנטלאָפען פון מצרים טאקע צוליעב אַ ישראל, אַ מסור.

און גאָט זאָגט איהם: „איך וועל זיין מיט דיר, און אויב דו האָסט מורא פאַר די בני ישראל זאָג איך דיר, אז דאָ ביי דעם באַרג וועט דאָס גאַנצע פאָלק דיענען גאָט. מיט קיין איגנאָראנטען, אומוויסענדע מענשען, קאָנסטו ניט רעדען, אָבער אז זיי וועלען קריגען אַ תורה וועלען זיי ווערען גאַר אַנדערע מענשען. וואָס מען קען ערוואַרטען פון אן עם הארץ האָרף מען זיך ניט ריכטען פון אַ בן־תורה.

געהט אָקאָרשט דורך אַ „רעפאָרמאטאָרי", די סקול, וואו מען באַשטראָפט שלעכטע קינדער און איהר וועט אויסגעפונען, אז די קינדער, וואָס האָבען באַזוכט אַ תלמוד תורה געפינען זיך דאָרטען ניט. געהט אין די קינדער גערייכטען וועט איהר געפינען, אז נאָר די אידישע קינדער, וואָס באַזוכען ניט קיין תלמוד תורה

און האבען בכלל ניט געהאט קיין אידישע ערציהונג, ווערען אהין געבראכט אויף פארשידענע קלאגען.

אויב רשעים און מוסרים האבען זיך געפונען צווישען די בני ישראל אין מצרים, איז עס געווען איידער מען האט זיי געגעבען די תורה, די תורה האט אבער ערצויגען אזעלכע אידען, וואס האבען זיך געווארפען אין די שייטערהויפענס, אבי ניט צו פאראטען זייער גאט, תורה און פאלק.

און גאט גיט אונזער לעהרער משה דעם ערשטען סימן, ווי אזוי צו ערציהען א אידישען דור. ער פרעגט איהם: „וואס האסטו אין דער האנט?״ משה ענטפערט: „א שטעקען.״

— ווארף איהם אוועק פון זיך — זאגט דער וועלט־באשאפער און דער שטעקען ווערט אין א שלאנג פארוואנדעלט.

און גאט זאגט ווידער:

— נעהם דעם שטעקען צוריק אין דיין האנט.

און משה האט אזוי געטאן און דער שלאנג איז ווידער געווארען א שטעקען.

— אט האסטו א סמן, ווי אזוי צו ערציהען א פאלק. האלסטו עס אין האנט, איז עס געצוימט און געהארכזאם, ווארפסטו עס אוועק ווערט עס א שלאנג.

ווען עלטערען גיבען די קינדער א אידישע ערציהונג, דינען די קינדער זיי אלס א שטארקע שטיצע אויף די עלטערע יאהרען; טוען זיי דאס ניט, נאר שטויסען די קינדער אפ פון זיך, לאזען זיי וואקסען אהן תורה, ווערט פון זיי שלאנגען, וואס בייסען און פארגיפטען די עלטערען און זייער פאלק.

און נאך א סמן. גאט זאגט: „באריהר זיך מיט דיין האנט און דו וועסט אויסגעפינען, אז דו ביסט קרעציג; דאס זעלבע קענסטו טאן מיט׳ן וואסער. דאס זעלבע וואסער קאן דיר דינען אלס וואסער און אלס בלוט. דאס באווייזט, אז דאס זעלבע קינד קאן זיין אי גוט אי שלעכט. ס׳איז אלץ געווענדעט, וואס פאר אן ערציהונג דו גיסט דעם קינד.

און משה ענטפערט: יאמת, אבער בכדי צו דערקלעהרען די אלע זאכען דארף מען דאך זיין א רעדנער, אבער איך בין דאך א „כבד פה.״

און גאט זאגט צו משה׳ן: מי שם פה לאדם? ווער שאפט רעדנער, אויב ניט איך און מיין תורה? געה און דיין ברודער אהרן וועט מיט דיר מיטגעהן.

משה מיט אהרן קומען צו פרעה׳ן און זאגען איהם, אז זיי זיינען די געשליכטע שלוחים פאר די אידען, צו פועל׳ן, אז די אידען זאלען האבען עטליכע רוה־טעג כדי ארויסצוגיין אין מדבר און מקריב זיין קרבנות צו זייער גאט.

פרעה׳ן פארדריסט דאס: „פוילענצער — זאגט ער — רוהען ווילט זיך אייך?״

און ער פארזאגט זיינע שקלאפען טרייבער, אז מען זאל קיין שטרוי ניט געבען די אידען און דאך זאלען זיי די צאהל ציגעל האבען די זעלבע, ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי פוילע, איז א סמן, אז זיי קענען טאן מעהר ארבייט.

און משה קומט צו גאט און זאגט: „איך האב מיט מיין שליחות ניט נאר ניט גוט געמאכט, נאר איך האב עס נאך ערגער געמאכט.״

— אט דאס איז דער קריזיס — זאגט גאט — דו וועסט ערשט זעהען, וואס איך וועל טאן צו פרעה׳ן, אז ער וועט זיי אליין ארויסטרייבען פון לאנד.

* * *

עס ווערט געזאגט, אז אין דעם זכות פון די פרויען זיינען די אידען אויסגע־לעזט געווארען פון מצרים מיט הונדערט און נייניציג יאהר פאר דער באשטימטער צייט.

די פרויען האבען געבעטען ביי גאט ער זאל אויסלעזען די אידען און ווען גאט האט זיי געענטפערט, אז עס איז נאך ניט די ריכטיגע צייט, האבען די פרויען גע־זאגט: „גיב זיי אקארשט איבער צו אונז און מיר וועלען זיי שוין מאכען א גלות.״

און זייט דאן זיינען די מענער טאקע אין גלות ביי די ווייבער.

וארא

ווייסען מיר שוין פון דער פריהערדיגער סדרה, אז משה האט זיך געקלאגט פאר גאט און געזאגט: „מיט דיין שיקען מיר צו פרעה'ן האסטו נאך פארערגערט די אידישע לאגע, און די בני ישראל זאגען צו דיר מיט אהרנ'ען: משפט'ן זאל אייך גאט און ער זאל אייך דערפאר שטראפען. דאס מיינט דאך, אז זיי גלויבען אין דיר, אבער זיי דענקען אז מיר זענען גאר ניט געשיקט פון דיר".

זאגט דעריבער גאט צו משה'ן: „ווען איך האב מיך באוויזען צו זייערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב, האב איך צו זיי מיט מיין נאמען „יהוה" זיך ניט אנגערופען. איך האב זיי בלויז געזאגט, אז איך בין „אל שדי", דער אלמעכטיגער גאט, און איך וואלט מיין פארשפרעכען געהאלטען צו זיי אויך אונטער דיזען נאמען.

אבער איך האב געהערט דעם געשריי פון די בני ישראל און וויים, אז זיי גלויבען אין מיר און אז איך האב זיך צוגעהערט צו זייערע לייד־געשרייען, דעריבער אנטפלעק איך זיך צו זיי איצט אלס דער גאט, וואס וועט זיי ארויסציען פון מצרים מיט אן אויסגעשטרעקטען ארם.

פאר־וואס האט זיך עפעס גאט געדארפט אנדערש אנטפלעקען פאר דעם צוועק פון יציאת מצרים און ניט מיט דעם נאמען פאר די הייליגע אבות?

אין דעם נאמען „יהודה" געפינען זיך די ווערטער „היה", „הוה", „יהיה", דאס מיינט: ער איז געווען, ער איז דא און ער וועט זיין. די אבות האבען גע־וואוסט זיין „היה" פון געשיכטע, דעם „יהיה" פון הבטחה, אבער קיין „הוה" האבען זיי ניט געהאט; אלע דריי האבען געהאט די הבטחה אויף ארץ ישראל, און דאך האט אברהם געדארפט קויפען א קבר פאר זיין שרה'ן, יצחק האט געמוזט וואוינען אין פלשתים „ימים רבים", און יעקב — צו אנטלויפען פון דארט צוליב עשו'ן. צו זיי האב איך מיך אלזא ניט געקאנט לאזען דערקאנען מיט דעם נאמען, נאר מיט „אל שדי", וויל מיין אלמעכטיגקייט האבען זיי אויך געזעהן. איהר אבער קענט האבען דעם גאנצען נאמען; דעם „הוה" וועל איך באלד באווייזען, אויסליי־זענדיג אייך מיט דער זרוע הנטויה — פיזישע גבורה.

וויסען אבער זאלט איהר, אז דער סוד פון גבורה ליגט אין דער וועלט פון גייסט, און די ערשטע לעקציע וועגען דעם וועט איהר קריגען אויף דעם בארג סיני...

און פאר פרעה'ן אליין איז אודאי נויטיג געווען, מען זאל צו איהם ריידען א שפראך, וואס איז צוגענגליכער צו זיינע השגות, וויל דינענדיג צו בהמות און אנדערע אומווירדיגקייטען זענען די מצרים אליין פאר'בהמה'ט געווארען...

און משה, דערוויסענדיג זיך דערפון, זאגט צו גאט: ווארום ווילסטו שלעכטעס טאן צו אידען, ווארום האסטו מיך געשיקט זיי צו באפרייען? אט זע איך דאך,

אז דיין געמיינטע טובה איז גאר פאר זיי א רעה; דיין הצלה — א מפלה. די דתן'ן און אבירם'ס וועלען בעסער „דינען די מצרים", זיך באלעקען ארום סיר הבשר, זיך קוויקען מיט די ציבעלע און קנאבעל. פארשטייט דאס פאלק די וויכ־טיגקייט פון מיין שליחות?

דערויף ענטפערט איהם גאט: דאס פאלק וויל און געלוסט נאך א גאולה, נאר עס האט נעבאך קיין מויל ניט. די דתן'ס ריידען בלויז אין זייער נאמען, אבער ניט מיט זייער צושטימונג. אויב דו הערסט גארניט פון די „קוצר־רוח" און „עבודה־קשה" אידען — אבער איך הער זייער זיפצען. זיי קענען נעבאך ניט ריידען, אבער זיי מיינען א סך, און פיהלען נאכמער.

זאגט דעריבער גאט צו משה'ן, ער זאל געהן צו פרעה'ן און צו איהם ריידען אין נאמען פון א שטארקער האנט און אויסגעשטרעקטען ארם... דאס איז די איינציגע שפראך, וואס ער קאן פארשטעהן.

עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז פרעה האט מיט די דתן'ס געהאט א קאנפע־רענץ און באשטימט ניט צו הערען משה'ן.

און אז די דתן'ס ווילען ליעבער זיין פארשקלאפט, איידער זיך צוהערען צו א משה'ן, דאס זעהט מען דאך אפילו אין היינטיגען גלות.

יעצט, ווען משה מיט אהרנ'ען ווערען די אמת'ע פיהרער פון א נייגעבוירען און באפרייט פאלק, נעהמט די תורה אונז דערצעהלען דעם יחוס זייערען און פיהרט דורך א צענזוס אין דעם שבט לוי, כדי די שטענדיגע בעלי מחלוקת'ניקעס, די אייביגע דתנ'ס, וועלכע פרעגען ביי משה'ן: „מי שמך", זאלען וויסען, אז „הוא משה ואהרן, אשר אמר ד' להם" — וואס גאט אליין האט צו זיי גערעדט און זיי געשיקט ארויסצונעהמען די בני ישראל פון דעם לאנד מצרים און זיי האבען דאס רעכט צו רעדען סיי צו פרעה'ן און סיי צו די בני ישראל.

אויב א פיהרער קריגט נאר די הסכמה פון גאט, דארף ער שוין ניט די „וואוטס" פון די דתנ'ס.

משה מיט אהרנ'ען קומען צו פרעה'ן און ווייזען דארטען פארשידענע קונצען וואס די חרטומים ווילען נאכטאן און קענען ניט, און אויך דאס איז הפנים געווען נויטיג, צו אפשרעקען די מצרים, ווייל אהן קונצען האבען זיי זיך ניט געקאנט פארשטעלען קיין געטליכע קראפט...

און דאן הויבט אן פרעה פארזוכען דעם טעם פון „יד חזקה" און ער ווערט איבערצייגט. עס קומט א סדרה אמת'ע מכות, אבער פרעה איז נאך אלץ איינ־געשפארט, וואָרים ער טראכט זיך: ווי באלד, אז דאס האט צו טאן מיט פשוט'ער גבורה, טא ווי קאן ער, דער גרויסער פרעה, זיך אזוי שנעל אונטערגעבען? וואס פאר א פנים וועט ער האבען?

אבער וואס מעהר פרעה איז איינגעשפארט, אלץ מעהר מכות קריגט ער, און גאט אליין האט איהם געמאכט שווער זיין הארץ, מחמת ער האט געוואלט אז די בני ישראל זאלען נאך אביסעל זיין אין גלות, ווייל נאר אין ליידען ווערט מען געלייטערט און מען דערמאהנט זיך אן גאט...

אבער צו שטארק איז געווען די פייניגונג, וואס פרעה האט אנגעטאן די בני ישראל, און דעריבער זאגט דער אלמעכטיגער: „את צעקת פני ישראל שמעתי". איך האב געהערט דאס געשריי פון די קליינע קינדער, וואס ווערען דערטרונקען

אין נילוס און וואס מען פארמויערט אין די מויערען פון פתם און רעמסס, און אט פאר דעם מוז פרעה געשלאגען ווערען.

אז די פרעה'ס נעהמען פייניגען די קליינע קינדערלאך, די „יונקי שדים שלא חטאו", דאס קאן די השגחה מעהר ניט דולדען און די מפלה מוז קומען אויף די פייניגער.

אבער ווי נאר פרעה'ן ווערט אביסעלע פארגרינגערט, דאן „ויחזק את לב פרעה", קריגט ער שוין ווייטער א הארץ פון א שטיין, און אט די מידה איז נאך פארבליבען ביי פיעלע, וואס ווי נאר עס הויבט זיי אן געהן גוט, אזוי קריעגען זיי הערצער פון שטיינער און פארגעסען שוין זייער פארשפרעכען, אז זיי וועלען שוין גוט זיין.

פרעה'ס מכות מיט זיינע שטענדיגע חרטות קאנען אונז שטענדיג דינען אלס מוסר השכל.

מיר זעהען אפטמאל אזעלכע מענשען, וואס מיר קאנען מיט'ן שכל ניט פארשטעהן. למשל: מיר טרעפען אן מענשען, וואס זייערע הערצער זענען ביי זיי פארשטיינערט בנוגע יעדען לעבעדיגען און געפייניגטען. נאר ווי עס טרעפט עפעס א מכה אויף איהם אליין, ער ווערט קראנק, אדער עפעס אן אנדער צרה, אזוי זאגט ער: „רבונו של עולם, נעהם פון מיר ארונטער די קראנקהייט און איך וועל ווערען בעסער. איך וועל געבען צדקה און טאן אלץ, וואס גוט איז", אבער קוים ווערט ער נאר געזונט, ווערט דאס הארץ ווייטער ווי א שטיין און עס ריהרט איהם שוין ניט דאס געשריי פון דער אלמנה, דאס געוויין פון דעם יתום. דאס הארץ איז א שטיין.

יא, אונז וואונדערט, אבער מיר דארפען פארשטעהן, אז דאס ווערט אויך קאנטראלירט פון דער השגחה. אויב יענער איז א „דבר אחר", און זאגט נאר דעמאלט צו אז ער וועט שוין זיין א מענש, ווען דער חלף ליגט איהם אויף'ן האלז, טא זאל ער שטארבען א דבר אחר, „ויחזק את לבו", דאס הארץ ווערט פארשטיינערט און ער וויל ווייטער ניט געבען. און די שטראף איז: ווילסטו ניט געבען בעפאר די מכות, דאן איז איין מכה פאר דיר ווייניג, ביז עס קומט די לעצטע מכה פון „וימותו" — און דער קארגער שטארבט פונקט אזוי מיאוס, ווי ער האט געלעבט...

בא

צום זיבעטען מאל קריגט משה א באפעהל צו געהן צו פרעה'ן, און גאט זאגט צו איהם: איך האב שוין ווידער באשווערט זיין הארץ. איך וויל איהם נאך געבען עטליכע צייכענס, כדי דו זאלסט קענען דערצעהלען דיינע קינדער און קינד'ס קינדער דורך דיין תורה, תורת משה, אלסדינג וואס איך האב געטאן צו מצרים, און זאלען זיי וויסען אז איך בין גאט, וואס קען טאן גוטעס און שלעכטעס.

און אויב אימיצער וויל פאר א מינוט צווייפלען וואס פאר א גוטעס די ערצעה־לונג קען טאן פאר קינדער, איז גענוג זיך צו דערמאנען אז חדר, וועען דער רבי האט מיט אונז געלערענט די געשיכטע פון יציאת מצרים. און די וואונדער וואס משה מיט אהרן האבען דארט באוויזען לויט גאט'ס באפעהל, וואס פאר א ווירקונג עס האט געמאכט אויף אונזערע קינדישע מוחות, און ווי דאס שטיקעל אמונה פון קליינערהייט טליהעט זיך נאך אין אונזערע נשמות, ניט אכטענדיג די גלגולים וואס מיר האבען שוין פין דאן דורכגעמאכט. און די סיבות וואס האבען אונזער גלויבען אביסעל אפגעשוואכט — דאך האט די איינפלאנצונג פון קליינערהייט נאך אין אונז איבערגעלאזען א חלק פון יענער ריינער אמונה.

דעריבער האלטען מיר, אז תלמודי תורה פאר קינדער, איבערהויפט אין דיזע לענדער, איז דער איינציגער פונדאמענט אויף וועלכען מיר קענען בויען אונזער אידישע צוקונפט.

משה און אהרן קומען צו פרעה און האבען שוין אויף איהם רחמנות. פרעגען זיי איהם דעריבער: „עד מתי״, ביז ווי לאנג וועסטו זיין איינגעשפארט? אויב דו וועסט די אידען ניט ארויסשיקען, וועל איך מארגען ברענגען א היישעריק אין דיין לאנד, וואס וועט אלעס פארדארבען, וועט אנפילען דיינע הייזער און דארט אויפעסען אלעס וואס איהר האט באהאלטען.

און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, האבען זיי פארלאזען פרעה'ן.

דא זאגען שוין פרעה'ס קנעכט צו זייער הערשער: „שיק ארוים די לייטע, זאלען זיי געהן דינען זייער גאט!״ די עבדי פרעה האבען מורא געהאט צו רעדען וועגען א געצליכער באפרייאונג, רעדען זיי דעריבער נאר פון עטליכע טעג פייערונג. „זעהסטו דען ניט — זאגען זיי — אז מצרים געהט צו גרונד?״

שיקט פרעה צוריקרופען די צוויי שלוחים פון גאט, און זאגט זיי: „געהט אייך שוין דינען אייער גאט. אבער ווער וועלען זיין די געהערם? וועמען פון אייך ליגט דאס אין זינען צו דינען גאט?״

און משה ענטפערט: „אלט און יונג, טעכטער און זיהן, שאף און רינדער — אלע וועלען מיר געהן, ווייל עס איז א געטליכער יום טוב!״

דאס קען פרעה ווייטער ניט דולדען. מילא, די אלטווארג קען ער נאך באשטיין צו געהן בעטען גאט, אבער די קינדער — דאס ניט. דיעזע מוז פרעה האלטען

אונטער זיין איינפלוס און אין זיינע סקוהלס, זיין אטמאספערע, ווייל נאר דאס צוליעב, זעהט ער, „כי רעה נגד פניכם" — דא ליגט אייער גאנצער אומגליק. די גאנצע קראפט וואס די עגיפטער אדער סיי וועלכעם אנדער פאלק, האבען איבער אידען, זיינען די קליינע אידישע קינדער ווען זיי האלטען זיי אונטער זייער איינפלוס.

פרעה האט שוין מעהר ווי צוויי מכות ניט געדארפט קריגען נאך'ן היישעריק. אבער אז ער זעהט און ווייסט אין וואס עס ליגט דער אידישער גליק און אומגליק, דארף ער דעריבער די נעקסטע מכה קריגען חושך. פינסטערניש, זאל ער ניט צופיעל זעהן. און אז פרעה רופט שוין משה מיט אהרן און זאגט צו זיי: „געהט אייך מיט אייערע קינדער, נאר לאזט די שאף און רינדער צורוה, ווייל דאס זיינען דאך די געטער צו וועלכע די מצרים דינען גאר", ענטפערען זיי איהם: „ניין, ניט נאר וועלען מיר דאס מיטנעהמען, נאר דו וועסט אונז אויך געבען פון דיינע שאף און רינדער, ניט צו פארהייליגען זיי — נאר זיי צו שעכטען, זבחים לד' אלוקנו".

אט דאס קען פרעה שוין מעהר ניט פארטראגען, און ער זאגט צו משה'ן: „געה, זאלסט זיך מעהר ניט ווייזען פאר מיר!"

און גאט זאגט צו משה'ן: „שוין, נאך איין מכה וועל איך ברענגען אויף פרעה מיט די מצרים, און דאן וועט ער ניט נאר ארויסלאזען די אידען, נאר וועט זיי אפילו ארויסטרייבען."

„זאג דעם פאלק זיי זאלען זיך אויסבארגען איינער פון אנדערען גאלד און זילבער".

און די מצרים איז געפעלען געווארען דער נייער מנהג ביי אידען, וואס זיי בארגען זיך איינער פון אנדערע — ויתן את חן העם בעיני מצרים — זיי איז דאס געפעלען געווארען, און זיי האבען זיך געטראכט: „לאמיר זיי אויך בארגען, דאן וועלען מיר אויך מאכען אזא יום טוב פון בארגען, און מיר וועלען די אידען אויס־לעדיגען". אבער ביז דיעזען יום טוב האבען די מצרים זיך שוין ניט דערוווארט. נאך אין מארגענדיגען טאג האבען די אידען זיך פארפאקט און ארויס, לויט פרעה'ס באפעהל, אזוי אז זיי האבען אפילו ניט געקענט אומקעהרען די מצרים דאס גאלד און זילבער וואס זיי האבען זיך ביי זיי אנגעבארגט.

דער גאנצער נס פון יציאת מצרים און דער אנדענקונג צוליעב וועלכען מיר פייערען דעם יום טוב פסח — אלעס איז נאר פארבונדען מיט דעם „למען תספר" און „כי ישאלך", אלעס נאר פאר די קינדער, און דעריבער, ווען עס שטעלט זיך בעפאר אונז די פראבלעם: וואס טוט מען מיט אונזערע קינדער אין דיעזע לענדער פון גלות, וואו אונזערע שכנים גיבען דעם יונגען דור אזעלכע פרעכטיגע לערן־אנשטאלטען, און מיר זענען, ווי פרעה זאגט: „לכו נא הגברים כי אותה אתם מבקשים" — איהר מענער געהט אייך דינען גאט, מאכט אייך שעהנע שוהלען, כי אותה, נאר דאס זוכט איהר דאך, ווייל איהר זארגט דאך סיי ווי ניט פאר אייערע קינדער. וואו זענען אייערע שעהנע תלמודי תורה? וואו זענען אייערע בנינים פאר אייער קליינווארג? איז עס דאך ווירקליך א פראבלעם — ליגט אבער אין דער עצה פון „וישאלו", וואס גאט האט געגעבען צו משה די לעזונג פון אונזער פראבלעם.

באזארגט זיך גאלד און זילבער פון אייערע שכנים. און פארווענדעט דאס „על בניכם ובנותיכם ונצלתם את מצרים", גיט אוים גאלד און זילבער, מאכט פאר אייערע קינדער אזעלכע פראכטפולע געביידעס ווי די מצרים האבען, בארגט פון זיי די מעטאדע, און איהר וועט לעזען דעם פראבלעם, אייערע קינדער זאלען בלייבען אידען, „ונצלתם את מצרים", שעהנע בנינים און פארגעניגענדע פלעצער פאר אייערע קינדער וועט זיי ניט טרייבען צו די עגיפטער...

און די מכה פון בכורות האט אנגעהויבען בושעווען אין מצרים. דא זיינען די מצרים געלאפען צו די אידען און זיי פשוט ארויסגעיאגט, „לויפט", האבען זיי געשריען.

„סטייטש, מיר האבען דאך אייער גאלד און זילבער און מיר ווילען עס אייך צוריק אפגעבען"! „מוחל — האבען די מצרים געשריען — אבי אנטלויפט".

און מיט'ן פארזויערטע ניט געבאקענעם ברויט זיינען די אידען ארוים פון שקלאפען לאנד.

און דא זאגט זיי דער אייביגער באלד דעם ערשטען געבאט פון חג הפסח, אז א גר און בירגער זאלען האבען גלייכע רעכט. געדענקען אז א גר צו זיין איז ניט אנגענעהם, דעריבער טוט ניט צו קיין אנדערען דאס וואס אייך איז ניט ליעב.

און זאג דיינע קינדער, אז דאס איז אלעם געטאן געווארען זיי צוליעב, אלעם צוליעב דעם יונגען דור און זאלען זיי טראגען דעם סימן פון איין צייכען תפילין אויף די הענט, און א זכרון פון פיער פרשות צווישען די אויגען.

אט דאס מעגען די יונגע לייט קלארער פארשטיין, פארוואס זיינען אלע פרשיות צוזאמען אין תפילין של יד, און פיער באזונדערע פרשיות אין תפילין של ראש.

איהר, דענקענדע יונגע לייט, מיט'ן קאפ ערלויבט מען אייך צו טראכטען פארשידענע געדאנקען, איהר מעגט זיך ארומטראגען מיט פארשידענע אידעאלען און זיך טיילען אפילו אין 4 פראקציעס. אבער ווען ס'קומט צו דער האנט, די האנט וואס דארף העלפען דעם אידישען פאלק, די האנט וואס דארף זיך איינשטעלען מלחמה צו האלטען פאר זיין פאלק, און ביי האנט ארבייט פאר גאט און זיין פאלק, איז נאר ערלויבט איין ארט. אלע מוזען זיין ווי איינער, למען תהיה תורה ד' בפיך — כדי איהר זאלט קענען בלייבען אידען, זאלט איהר וויסען „כי ביד חזקה הוציאך ד' ממצרים — די האנט טאר ניט האבען קיין צווייערליי פרשיות, נאר איינע, און דאס איז „יד חזקה".

און וויל די האנט איז אזוי וויכטיג פאר'ן אידישען פאלק, האב איך דעריבער ניט ליעב די מענשען, וואס טראכטען מיט די קעפ, רעדען מיט די מיילער, נאר האלטען די הענט אין זייערע קעשענעס...

בשלח

„ויהי בשלח פרעה את העם". און עס איז געווען, ווען פרעה האט דאס פאלק ארויסגעשיקט.

עס ווייזט אויס, אז דער באפעהל איז געווען: „זאלען זיי אלע געהן", און דעריבער איז טאקע דער ערב רב אויך געווען געצוואונגען מיטצוגעהן — אט די מוסרים און אלרייטניקעס, וואס האבען געהאלפען פרעה'ן מיט עצות, ער זאל די בני ישראל ניט ארויסשיקען, זיינען נאך דעם באפעהל פון פרעה אלע ארויס.

דעריבער האט דער אויבערשטער שוין ניט געוואלט פיהרען דאס „פאלק" מיט'ן גלייכען וועג, ווייל זיי וואלטען געהארפט מיטמאכען א מלחמה מיט די פלשתים, און דער ערב־רב וואלט זיי אנגערעדט זיך צוריק צו קעהרען קיין מצרים.

ווען פרעה האט דערזעהן „כי ברח העם", — דאס גאנצע פאלק איז אנטלאפען, אפילו דער ערב־רב איז אויך מיטגעגאנגען, האט פרעה שוין חרטה געהאט אויף זיין באפעהל, און געזאגט „מה זאת עשינו"? — וואס האבען מיר געטהון? כי שלחנו את ישראל מעבדנו, מיר האבען דאך בלויז אוועקגעשיקט די בני ישראל, די ארבייטער, און דא זיינען מיטגעלאפען די אלרייטניקעס, מיט זייער גאנץ פארמעגען, מיט'ן כלי זיין... מסתמא האבען זיי מיטגענומען פון פרעה'ס געוועהר, ווייל וחמושים עלו, זיי זיינען אוועק אנגעלאדען פארטיג צו מלחמה, און דאס האט געמאכט אז פרעה זאל נאכיאגען די בני ישראל.

דער ערב רב דערזעהענדיג, אז פרעה יאגט זיי נאך האבען זיי שוין אנגעהויבען העצען, און זאגען צו משה'ן: הלא־זה, אט האבען מיר דאך דיר געזאגט אין מצרים, „חדל ממנו", לאז אונז צורוה, מיר ווילען בעסער דינען די מצרים.

און משה זאגט זיי. אה, איהר ערב רב, איהר מיינט, דאס איהר וועט זיך דא צוריק באהעפטען מיט די מצרים, אבער איהר האט א טעות, ווייל גאט וועט שוין באווייזען א וואונדער, דאס איהר זאלט די מצרים מעהר ניט זעהען, איהר ווילט דאך מיט זיי ניט מלחמה האלטען, אבער גאט וועט די מלחמה אנפיהרען, אהן אייך: „ד' ילחם לכם, ואתם תחרישון" — ער וועט פיהרען די מלחמה און איהר דארפט נאר שווייגען, האלטען די מיילער געשלאסען.

און משה שרייט צו גאט: וואס טהוט מען מיט דעם ערב רב? קריגט ער אז ענטפער: שריי ניט צו מיר, זאג די בני ישראל אז זיי זאלען געהן און די חברה וועלען שוין נאכלויפען, ווייל איך וועל די מצרים ווייזען, ווער איך בין.

און א מזרח ווינד האט געבושעוועט א גאנצע נאכט און אויסגעטרוקענט דעם

ים. „ויבקעו המים“ און די וואסערען האבען זיך געשפאלטען. זאגט רש״י, אז די וואסערען פון דער גאנצער וועלט האבען זיך דאן געשפאלטען.

צו וואס איז דאס נויטיג געווען, ווען דער ים איז שוין געווען טרוקען? איז פשוט, עס זאלען ניט אנלויפען קיין וואסערען פון ערגעץ אנדערש, ווען דער ים סוף אז טרוקען געווארען.

דער עמוד הענן אז געגאנגען צווישען די בני ישראל און די מצרים, כדי דער ערב רב זאל מיט זיי ניט האבען קיין געהיימע פארבינדונגען.

און ווען עס איז געקומען צו זינגען שירה, נאכדעם ווי די מצרים זיינען דער־טרונקען געווארען, האבען די בני ישראל געזונגען, דאס ערב רב האט ניט מיט־געזונגען.

מרים, ווען זי האט דערזעהן אז דאס פאלק, דער ערב רב זינגט ניט, „ותען להם“, האט זי „אפגעענטפערט“ זיי, דער ערב רב, ווייל ווען זי וואלט געריעדט צו די ווייבער, וואלט געשטאנען „ותען להן“, מיט א „נון“, און זי זאגט: שירו לד׳, זינגט צו גאט, ווייל פרעה מיט זיינע חילות זיינען שוין דערטרונקען, איהר האט שוין ניט צו ווערען צו טרייבען אייערע מסירות.

אבער דריי טעג האבען זיי קיין וואסער ניט געהאט, און ווידער „וילנו העם“, די מצרים׳דיגע פאטריאטען מאכען שוין ווייטער רכילות, דאס וואסער איז זיי ביטער, און גאט ווייזט משה׳ן א שטעקען. אט מיט דעם שטעקען וועסטו זיי זיס מאכען דאס וואסער. א פנים פאר די מוכרים און פארעטער צווישען די אידען איז א שטעקען די בעסטע רפואה, און דעריבער ווען דער המון איז שטיל געווארען זאגט גאט: אט זעהסטו כי אני ד׳ רופאך. איך האב א רפואה צו אלעמען.

אבער די ערשטע טראגעדיע קומט, ווען אלע בני ישראל דערזעהן, אז די שפייז געהט זיי אויס, און דא האבען זיי נאך א היבשען מהלך, און זיי, די בני ישראל ווייזען שוין אויך אומצופרידענהייט און מורא. ווארט שוין דער אייביגער ניט ביז משה וועט ברענגען זייערע טענות, ווייל משה וועט ניט זאגען, אז די בני ישראל זיינען ניט צופרידען, און דער אייביגער זאגט צו משה׳ן: כאטש זיי האבען גענוג בהמות, אום צו קענען עסען פלייש, זאג זיי, אז איך וועל זיי שיקען פלייש פון הימעל יעדען אבענד, און ברויט יעדען מארגען, זיי זיינען אויף מיינע קעסט, און זיי דארפען ניט שחט׳ן זייערע בהמות.

און דער „שלו“ איז טאקי געקומען אין אוונט אזא מין געשמאקער פויגעל און מן יעדען פריה מארגען.

משה זאגט זיי אז די ערשטע מצוה פון שבת, געהט ניט קלויבען קיין מן אום שבת, נור קלויבט פרייטאג פאר צוויי טעג, ווייל שבת וועט קיין מן ניט פאלען, דאן זיינען די פאלק׳ס לייטע דער ערב רב ארויס שבת קלויבען און ניט געפונען. „יצאו מן העם ולא מצאו“.

זיי האבען דאך געוואוסט, אז שבת וועט דער מן ניט פאלען, וואס זיינען זיי געגאנגען קלויבען? ווייזט אויס, אז די ערב רב האבען פרייטאג נאכט ארויסגע־ווארפען זייער שבתדיגע פארציע, און אין זינען געהאט שבת פריה צו ווייזען אז משה האט ניט געזאגט דעם אמת, אז שבת וועט דער מן ניט פאלען. האבען אבער די פויגעלאך אויפגעגעסען איבערנאכט דעם מן. און זיי האבען אין דער פריה גארניט

געפונען, און אפשר צוליעב דעם, ווערט שבת־שירה אין די שטעדטלאך פון דער אלטער היים געווארפען עסענווארג פאר די פויגעלאך.

עמלק קומט מלחמה האלטען מיט די אידען. און משה וויל ווייזען די אידען אויף ווייטער, ווי אזוי צו פיהרען מלחמה מיט די עמלקים מדור דור, אין יעדען דור; און ער ווייזט א סימן. „והיה כאשר ירים משה ידו", אז משה הויבט אויף די הענט, אז ער טהוט עפעס, איז וגבר ישראל, קען דער איד אויספיהרען. „וכאשר יניח ידו", אז ער זיצט מיט פארלעגטע „הענט" און טהוט גארניט, איז עס א זיכערע זאך אז: „וגבר עמלק", עמלק איז דאן דער זיעגער.

און די מלחמה לד' בעמלק, אין דיעזע מלחמה איבער געטליכקייט, וואס זיי ווילען אסימילירען און פארשלינגען דעם פאלק ישראל, דאס פאסירט אין יעדען דור, ווען דער פראבלעם דערפון ליגט אין משה'ס סימן: טוסטו עפעס דאגעגען, וועסטו גובר זיין, און האבען די אויבערהאנד; וועסטו ליגען מיט פארלייגטע הענד וועט עמלק איבער דיר געוועלטיגען, און ער וועט האבען די אויבערהאנד.

* * *

משה, זייענדיג א שטאמעלדיגער, אז ער האט אפילו ניט געקאנט רעדען צו פרעה, איז דאך געווארען א חזן אזוי שנעל, ווי ער איז נאר אריבער דעם ים... ווארים עס שטעהט דאן: „אז ישיר משה"...

זייט דאן, וועלכער שטומער עס שפרייזט נאר אריבער דיזען ים, לאזט זיך באלד אדווערטייזען פאר'ן גרעסטען חזן...

יתרו

יתרו, דער פריעסט פון מדין, הערט פון אלעס וואס גאט האט געטאן צו משה'ן און צו זיין פאלק, נעהמט יתרו זיין טאכטער צפורה, משה'ס ווייב, און די צוויי קינדער, גרשון און אליעזר, און דערמאהנט דערביי די אורזאכען, פארוואס משה האט זיי געדופען מיט דיעזע נעמען, און לאזט זיך געהן מיט זיי אין מדבר אריין, אויך צו טרעפען זיך מיט משה'ן.

רש"י באנוגענט זיך נית מיט די אנגעגעבענע אורזאכען, נאר פרעגט: וואס האט ער אזוינס געהערט? און פארענטפערט: ער האט געהערט די נסים פון קריעת ים סוף און די מעשה מיט עמלק'ן.

יתרו'ן איז געוועזן געפעלען די מעשה פון ים סוף, ווייל נאך דער מלחמה פון עמלק, האט ער פארשטאנען אז משה האט געקענט גאר פשוט מלחמה האלטען מיט די מצרים, ווי ער האט געטאן מיט עמלק, אבער ער האט דאס נית געטאן, ווייל ער אליין איז אויפגעצויגען געווארען אין מצרים און האט מיט אייגענע הענט נית געוואלט הרג'ענען זיינע אמאליגע בעלי טובה. אויב אזוי — זאגט יתרו — וועל איך איהם געהן זעהן, און ער וועט מיך זיכער אויפנעהמען, ווי רש"י זאגט: אויב נית אין מיין זכות, איז אין דעם זכות פון זיין ווייב אדער זיינע קינדער, ווייל זייערע נעמען צייגען, אז ער איז צו אונז אנגעקומען ווען ער איז געווען אויף צרות, און דעריבער דארף ער אויך נית פארגעסען אונז, זיינע וואלטעטער.

ווען משה דערצעהלט זיין שווער וואס עס האט פאסירט ביז יעצט, דאן זאגט יתרו, אז איצט זעהט ער, דאס משה'ס גאט איז גרעסער פון אלע געטער, „כי בדבר אשר זדו עליהם", ווייל מיט דעם טויט וואס די וואס גלויבען אין אנדערע געטער, האבען גע'עצה'ט פרעה'ן צו פארטיליגען די אידען — דורך דערטרינקען די קליינע קינדער אין וואסער — דורך דעם זעלבען טויט זענען די מצרים אומגעקומען.

יתרו'ן געפעלט נית דער סיסטעם פון משפט, און ער ראטה משה'ן, אז ער זאל אויסקלייבען פון גאנצען פאלק עהרליכע, נית קיין געלט־גייציגע לייטע, און זאל פון זיי מאכען ריכטער.

משה טוט טאקע אזוי, אבער ער קלייבט נית פון'ם פאלק, צווישען וועלכע עס געפינט זיך דער ערב־רב, נאר בלויז פון די בני ישראל.

און דאס דארף זיין א לעהרע אין אלע קהל'שע אנשטאלטען, נית צו קלויבען קיין באאמטע פון'ם ערב־רב, נאר אמת'ע אידען, נית קיין קריגערישע, וואס זוכען נאר אויסצונוצען זייערע עמטער פאר אייגעננוציגע צוועקען.

אינטערעסאנט צו באמערקען, אז אויף יתרו'ס פארשלאג צו משה'ן: אויס־

צוויילען „אנשי חיל, יראי ה', אנשי אמת, שונאי בצע", זאגט די תורה „וישמע משה לקול חותנו ויעש כל אשר אמר, ויבחר משה אנשי חיל". ער האט געפאלגט יתרו'ן און דאך האט ער ניט נאכגעזוכט די איבעריגע מעלות, נאר אנשי חיל. אבער משה האט געוואוסט אז יתרו רעדט פון ערפאהרונג אלס ניט־איד, וועמעס ריכטער מען קאן חושד זיין אין אלע פריהערדערמאהנטע חסרונות. די אידישע רבנים אבער קען מען קיינמאל ניט חושד זיין אין נעמען כאבאר א.ד.ג. נאר אין ניט האבען גענוג שטארקייט צו ווארפען אז אמת דעם תקיף אין פנים, דערפאר האט משה געזוכט נאר אנשי חיל, מוטיגע שופטים, זייענדיג זיכער צו געפינען אין זיי יתרו'ס אויסגערעכענטע אנדערע מעלות.

דאן קומען מיר צום העכסטען פונקט — דאס פאלק קומט צום בארג סיני און מען דארף זיי געבען א תורה, זיי דארפען ניט נאר ווערען אוים שקלאפען, נאר די פאקעל־טרעגער פאר דער גאנצער וועלט, און דאס ערשטע וואס מען זאגט זיי אז איז: „לא תגע בו יד", רירט זיך ניט צו מיט די הענט. דער פלאץ וואו די תורה ווערט געגעבען איז דורכאוים ניט פאר די, וואס ווילען באנוצען די הענט די ידי עשו, און דעריבער ווען איהר זעהט אין א תורה פלאץ — אין שוהל אדער בית המדרש אזעלכע, וואס פאר יעדען שטיקעל כבוד אדער אמביציע, באנוצען זיי די הענט, זאלט איהר וויסען, אז ניט זיי האט מען געגעבען די תורה, זיי זיינען פון'ם ערב רב, ניט פון די אמת'ע בני ישראל, „אם בהמה אם איש", אט אזעלכע מענשען האבען דעם דין פון א בהמה און פארדינען צו פארשטיינערט ווערען.

צווישען די צעהן געבאט וואס עס איז געגעבען געווארען אויף'ן בארג סיני, וועלכע זענען אנגענומען ווערען ביי אלע פעלקער, איז דא א ספּעציעלער פאר אידען, און דאס איז: „לא תשא את שם אלקיך לשוא", באנוץ זיך ניט מיט גאט'ס נאמען צו באלשקייט, מאך ניט קיין כשר'ע סטעמפּס צו פארקויפען טריפה פלייש, דרש'ן ניט אלס רב, טוענדיג אלדאס ביין. די מצוה פון באשטראפען אזעלכע באלאנגט צו אלעמען, ווייל „לא ינקה ד' את אשר ישא שמו לשוא", די וואס באנוצען גאט'ס נאמען צו אלע פאלשקייטען, מאכט גאט ניט ריין, און דאס באשטראפען אזעלכע איז דעריבער אלעמענס אויפגאבע.

און ווען די עשרת הדברות זיינען געגעבען געווארען און די קולות וברקים האבען אויפגעהערט, איז די ערשטע אויסטייטשונג פון די עשרת הדברות געווען, כאטש שוין דערמאהנט אין די צעהן געבאט, „לא תעשו" — מאכט זיך ניט קיין גאט פון גאלד און זילבער, זאל גאלד און זילבער ניט זיין אייער גאט. אויב איהר קענט ניט בייקומען אייער שטארקען לוסט צו גאלד און זילבער, האב איך פאר אייך אן עצה: „מזבח אדמה תעשו לי" — מאכט פאר מיר א מזבח פון פראסטע ערד, און דאס וועט אייך דינען; ערשטענס וועט איהר דערמיט ברענגען א קרבן און דערמאנען מיין נאמען, אז גאט וואס האט די גאנצע גאלד און זילבער, באנוגענט זיך מיט א מזבח פון ערד, און צווייטענס וועט עס אייך דערמאהנען כי עפר אתה, אז איהר זענט ערד און אט באלד דארפט איהר זיך אומקעהרען צו דער ערד.

אויב אזוי. צו וואס זאמלען גאלד און זילבער, און דאס פשוט פארגעטערען, ווען מ'קען דערמיט טאהן אזוי פיעל גוטעס וואס זאל צופרידענשטעלען גאט און מענשען?

האסט אפשר מורא, אז דו וועסט ניט האבען גענוג פאר זיך זעלבסט? אז דו וועסט אבער טאן ווי איך זאג דיר, וועל איך דיך בענשען פון איבעראל — בכל המקום, אין יעדען פלאץ וואו דו וועסט דערמאהנען מיין נאמען אלס גאט, ניט דיין געלד און זילבער.וועל איך קומען דיך בענשען, און עס וועט דיר גארניט פעהלען.

וואס מעהר א מענש גיט אוועק פאר וואוילטעטיגע צוועקען, מעהר ווערט ער געבענשט, און וואס מעהר א מענש פארגרעסערט זיין פארמעגען און וויל ניט לאזען אנדערע דערפון צו געניסען, מעהר פארשאלטען ווערט ער, סיי פון גאט און סיי פון מענשען.

און איהר וועט ביי מיר זיין א געליבט פאלק און פריסטער פאלק, אויב איהר וועט מיך פאלגען, ווען ניט, דאן זייט וויסען, „כי לי כל הארץ", אז די גאנצע וועלט באלאנגט צו מיר, און איך קען מיר אויסקלויבען א בעסער פאלק פאר זיך.

ואם מזבח אבנים תעשה לי, אויב איהר וועט מיר בויען א שטיינערנעם מזבח, איהר וועט בויען פראכטפולע שטיינערנע שוהלען און ישיבות, בויעט עס ניט מיט קלאפען שטיינער, ווייל מיט ארומשלאגען זיך פארשוועכט איהר מיין מזבח און מיין נאמען.

און בויעט ניט אזעלכע שוהלען אדער מזבחות בלויז ווייל אימיצער פון אייך וויל קריגען א נאמען, ער וויל ארויפשטייגען אויף הויכע שטאפלען, ווייל ווען ער וועט דאס טאן, וועט זיין שאנדע אנגעזעהן ווערען.

אזעלכע וואס כאפען זיך צו אידישקייט צו בויען שוהלען אדער תלמודי תורות כדי זייער נאמען זאל שטייגען, זיי זאלען דערביי פראפיטירען, אט דאס זענען די יעניגע, וואס זייער שאנדע וועט גלייך אנגעזעהן ווערען — תגלה ערותך.

איהר טרעפט אפטמאל, דאס ווען א ניט-ווירדיגער מענש נעהמט זיך צוליעב כבוד צו אזעלכע ארבייטען, רעכענט מען איהם באלד אויס זיין יחוס, אזוי אז די שאנדע זיינע וואס איז ביז יעצט געווען פארדעקט, ווערט אויפגעדעקט.

דעריבער איז ריכטיג דאס ווערטעל, אז מען מאכט ניט קיין פרנס איבער צבור, סיידען קופת שרצים העגגען איהם נאך פון הינטען.

דאס מיינט אייגענטליך, אויב מען מאכט א פרנס, וואס האט הינטער זיך עפעס אן עברה — איין שרץ הענגט איהם נאך פון הינטען — הענגט איהם שוין דאן דער עולם אן גאנצע קופת שרצים.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס — מ'קען ניט אויפגענומען ווערען אלס פיהרער ביי אידען, מ'זאל איהם אין צייט פון די וואהלען ניט ארומהענגען פעק מיט עבירות...

משפטים

ארויס נאר וואס פון קנעכטשאפט, און די ערשטע דינים וואס מען לערענט זיי, זיינען וועגען קנעכטשאפט.

„מעהר ווי זיבען יאהר זאלסטו קיין אידישען קנעכט ניט האלטען, כאטש ער האט איהם געקויפט א באשטימטען טערמין".

ווען דער קנעכט איז צו דיר געקומען מיט א ווייב, זאל זי מיט איהם ארויס־געהן צוזאמען. (וועט ער ממילא בלייבען אן אייביגער קנעכט).

ווער עס וויל ניט פריי ווערען, ווער עס האט ליעב קנעכטשאפט, אט דער וועט מסתמא זאגען: „איך האב ליעב מיין הער, מיר איז אנגענעם די שקלאפישע אטמאספערע, איך זוך ניט קיין פרייהייט". אט דער חברה מאן איז אן עם הארץ, אן איגנאראנט, און מען דארף איהם לערנען, בויערען איהם דעם אויער, כדי ער זאל קענען הערען און פארשטעהן, ווייזט איהם די טיר, א סימן אז מען וויל איהם דא ניט, און אויב דער שקלאף פארשטעהט דאס אלעס ניט, אדער וויל עס ניט פארשטעהן, טא זאל ער בלייבען א קנעכט ביז יובל.

די אסימילירטע גלות קנעכט ווייסען און פארשטעהען אפילו ניט ווען מען ווייזט זיי איבעראל די טיר. זייערע אויערען זיינען פארשטאפט פאר אלע באפרייאונגס ווערטער; זיי איז דא גוט, זאגען זיי, די ווייבער האבען זיי ליעב, און די קינדער ארבייטען זיך דא ארויף, און ווילען פון קיין פרייהייט ניט וויסען. אזעלכע פארבלייבען שטענדיגע קנעכט.

אן אויג פאר אן אויג, און א צאהן פאר א צאהן זענען די סמנים פון א פאלק וואס שטרעבט צו פרייהייט, און שפייען אננעהמען פאר רעגען, איז א סימן פון א שקלאף.

שטעלט ניט ארויס די צווייטע באק, ווען מען פאטשט אייך אין דער ערש־טער, ווייל דאס איז אויך א סמן פון שקלאפעריי און פון א פאלשען גלויבען. עס איז ניט נאטירליך, ניט מענשליך, און קיינער גלויבט אין דעם ניט.

על כל דבר פשע — איבער יעדער אומרעכט פון איינעם צום צווייטען, געהט צו א רב זיך אויסגלייכען „ואשר ירשיעון". ווען דער רב איז ניט עהרליך, ישלם שנים, זאלט איהר בעסער באצאהלען צוויי מאהל אזוי פיעל און ניט געהן צו אזא רב...

קיין יתום און אלמנה זאלט איהר ניט פייניגען, און דא ווערט באלד דער־מאהנט די שטראף דערפאר. אויב איהר וועט זיי יא פייניגען, וועלען אייערע קינ־דער זיין יתומים און אייערע פרויען אלמנות.

עס ווערט צוויי מאל געווארענט נים צו פייניגען א יתום און אן אלמנה: „לא תענון" און „אם ענה תענה", ווייל נים נאר דארפט איהר זיי נים פייניגען קער־פערליך, נאר אפילו גייסטיג.

איך זעה אפטמאהל אין א בית יתומים ווי מ'פארלאנגט א צו שטרענגע דיסציפלין פון די יתומים, אדער מען הייסט זיי טאן אזעלכע זאכען, וואס דער אנשטאלט זאל דערביי פראפיטירען, און דערווייל קרענקט דאס גייסטיג די יתומים. אט דאס הייסט אויך א פייניגונג, פאר וועלכען די אנפיהרער פון א בית יתומים ווערען געשטעלט פאראנטווארטליך.

און ווען איהר גיט שטיצע צו די אלמנות, און זיי דארפען שטעהן און ווארטען אין דער רייהע ביז זיי קריגען זייער הילף — אט דאס הייסט געפייניגט גייסטיג, און די אויסטיילער פון צדקה דארפען דאס אין זינען האבען, אויב זיי ווילען זייערע פרויען און קינדער זאלען נים שפירען דעם טעם פון אן אלמנה, וואס דארף נעבעך קומען נאך הילף.

ווען איהר בארגט געלט, מעג עס אפילו זיין א אידישער לאון סינדיקייט, אדער אפילו א פריוואט פערזאן, זאל ביי אייך דער פראצענט נים זיין דער עיקר, ווייל דער וואס בארגט ביי אייך, איז אן ארימאן, און אויב ער קען נים באצאהלען צו דער מינוט, גיט איהם נים באלד איבער צום געריכט, כי עני הוא, ער איז דאך אן ארימאן, און נים נאר מאכט איהר איהם אומזיסטע אויסגאבען, נאר איהר שאדעט אויך זיין ווייטערען קרעדיט. האט דאס אין זינען, אפיסערס פון לאון סינדיקייטס.

„ובשר בשדה טרפה לא תאכלו", און קיין טריפה זאלט איהר נים עסען. און אויב איהר געפינט אויס אז אייער בוטשער האט אייך אפגענארט, ער האט גע־האנדעלט ווי א הונט, דעריבער ווארפט איהם צוריק דאס פלייש, „לכלב תשליכון אותו".

און אז דער טרפניאק וויל נאך איינרעדען, אז מ'וויל אויף אייך מאכען א טראסט, דעריבער זאגט מען אז ביי איהם איז טריפה, לערענט אונז באלד דער צווייטער פסוק „לא תשא שמע שוא," הערט זיך נים צו צו די ליגענס, ווייל דערמיט העלפט איהר דעם רשע און איהר ווערט פאלשע עדות, איהר העלפט איהם ארויסלאזען דעם פאלשען קלאנג, און ווערט א העלפער צו מחלוקת, און דאס וואס דער בוטשער איז אן ארימאן, דארפט איהר אין אזא פאל נים נעהמען אין אמבאטראכט.

„ושוחד לא תקח", לאזט זיך נים איינרעדען מיט שוחד, וואס באשטעהט אין א סענט ביליגער, א טרפה ביין, אדער א שטיק לעבער, ווייל דער שוחד מאכט דאן בלינד די אויגען פון די רבנים וואס ווילען נים און קענען נים מעהר אכטונג געבען אויף כשרות, און איהר העלפט דעם בוטשער פארדרעהען די רייד פון די גערעכטע רבנים...

זאל זיך ביי אייך נים געפינען קיין משכלה און אן עקרה. די תורה זאגט דאס אן די ווייבלאך, וועלכע טוען פעולות כדי צו מפיל זיין, אדער אין גאנצען נים מעוברת צו ווערען. דאס איז א פארברעכען וואס פארקירצט די יאהרען. און די תורה זאגט דעריבער, אויב איהר וועט דאס נים טאן, „את מספר ימיך אמלא", וועט איהר אויסלעבען אייערע יאהרען; ווילט איהר אבער מיט דיעזע

פארברעכענס האבען פרייע יאהרען, וועלען זיי זיין קורצע און וועט זיך טאקע אין דער אמת'ן פון זיי באפרייען. היט זיך דעריבער דערפון.

ווען דו ווייסט האלטען ביי ערווערבען דיין אייגען לאנד, דענק ניט אז דאס קען געמאן ווערען אין איין יאהר. איך וועל דיין פיינד פון דארטען ארויס־טרייבען צוביסלאך, כדי די אנדערע פעלקער ווי פעלד־חיות זאלען אייך ניט באפאלען. צוביסלאך וועל איך זיי פון אייך צוטרייבען, ביז איהר וועט זיך דארט מעהרען, און וועט אויך אן אמת ירש'ענען דאס לאנד.

און אז איהר וועט שוין האבען זיך פארמעהרט, וועל איך דאן באשטימען אייערע גרעניצען.

אט דאס זענען היינט כמעט די טענות פון די געגנער פון ציון, וואס פרעגען: „וואו האט איהר א לאנד? די אראבער זענען דארט אין מאיאריטעט, און אז איהר וועט שוין יא ווערען די מאיאריטעט — איז דאך דאס לאנד צו קליין פאר אייך"

און די ציונים ענטפערען: „לאמיר נאר ביסלאכווייז זיך דארט פארמעהרען. עס קען ניט געמאן ווערען אין א יאהר און ניט אין צוויי. ניט אזוי שנעל ערווערבט מען א לאנד. און וואס אמבאלאנגט צו די גרעניצען, דאס האבען מיר צייט צו דענקען, ווען מיר וועלען דארט זיין די מאיאריטעט".

אט אזוי ווייזט אונז אן משה אין זיין תורה, און איהר מוזט דערינען גלויבען. אז ניט, וואס פאר א מחותנים זענט איהר מיט ארץ ישראל? וואו געפינט איהר דען דעם זכות פאר'ן מאנדאט, אז ניט אין תורת משה?

און אט דעם סיסטעם האבען די פיהרער פון דעם נאציאנאלען געדאנק אנ־גענומען, אז געלאסען, מיט גוטע ארבייט און מיט צייט, וועלען מיר האבען אונזער לאנד, און דאן וועלען מ י ר שוין מאכען די גרענעצען.

משה, אהרן אין נדב ואביהוא און זיבעציג פון די עלטסטע פון פאלק, האבען די דינים אנגענומען פון גאט, און משה האט דאן דאס אנגעשריבען, און דאס פאלק האט געענטפערט: אלעס וואס ער האט געזאגט, וועלען מיר טאן.

האט משה ארויסגעשיקט צום יונגוואַרג הערען וואס זיי האבען צו זאגען. האט זיך דאס יונגווארג דערפרעהט, און באלד געבראכט עולות, אן אנווייזונג, אז זיי, די יונגע חברה, זענען פארטיג צו ברענגען קרבנות פאר זייער פאלק, פאר זייער לאנד און פאר זייער גאט.

ווען די עלטערען האבען דערזעהן דעם ענטוזיאזם פון די יונגע קינדער, האבען זיי ערשט נאכאמאל ארויסגעשריען אלע מיט איין קול:

„אלעס וואס גאט האט געזאגט וועלען מיר טאן, און אויך הערען — נעשה ונשמע".

ווען מיר וואלטען אויפגעצויגען דעם היינטיגען יונגען דור אין גייסט פון קבלת התורה, וואלטען מיר געהאט די זעלבע רעזולטאטען.

אנדערש, איז אבער פארקעהרט. זיי טוען וואס זיי ווילען, און נאכהער הערען זיי אונז ניט.

און דעריבער הערען מיר גראדע יא אלע רעדנער, אבער ווען עס קומט צו טאן, איז ניטא ווער...

תרומה

גאָט זאָגט צו משה'ן: רעד צו די אידען „ויקחו לי תרומה", זיי זאָלען נעהמען פאַר מיר תרומה.

רשי זאָגט „ויקחו לי", מיינט מען „לשמי". פאַר מיין נאָמען וועגען.

אין דער סדרה נשא וואו עס שטעהט די פּרשה פון קרבנות צוזאַמען מיט דער פּרשה פון א סוטה. זאָגט רש"י, די סמיכות פוןביידע ענינים מיינט אונז צו זאָגען: אויב איהר וועט ניט געבען דעם כהן די תרומה מיט די מעשרות, וועט דער סוף זיין, דאָס איהר וועט איהם מוזען פאַרגיטיגען ווען איהר וועט בעפאַר איהם ברענגען אייער ווייב אלס א סוטה.

און אזוי ווי אין פּ' סוטה האט מען אויפגעשריבען אויף'ן פאַרמעט דעם שם, זאָגט דאָ דעריבער רש"י, גיט תרומה פאַר מיין נאָמען וועגען, כדי איהר זאָלט ניט דאַרפען ברייגנען צום כהן א סוטה און דאָרט אָפּמעקען מיין נאָמען (לי—לשמי).

מילא, איך וואָלט דאָ דעם דרש ניט געזאָגט, ווייל ניט דאָס בין איך אויסען מיט מיינע סדרות, אבער איך האָב זיך דאָ יא באַנוצט מיט דעם דרש, צוליעב דעם מוסר השכל וואָס איך וועל ארויס נעהמען פאַר די לעזער און דאָס איז:

ערשטענס, אז עס לוינט זיך ניט צו זיין קיין קאַרגער און שפּאָרען פון אלעמען, ווייל מיר האָבען שוין געזעהן אָזעלכען, פון וועמען מען דאַרף מיט געוואַלד ארויסרייסען א דאָלער, סיי אויף צדקה, און סיי אויף א קלייד פאַר זיין פרוי. אָט אָזעלכען געהט ניט אָפּ גלאַטיג, און אָפּטמאָל, דורך זיין קאַרגשאַפט, קען ער די קינדער מאַכען פאַר גנבים, און זיין ווייב פאַר א סוטה. קאַרגשאַפט ווערט שטאַרק באַשטראָפט, סיי פון דער געזעלשאַפט און סיי צווישען דער אייגענער פאַמיליע.

און אז מען דאַרף פון איינעם נעהמען א דאָלער מיט געוואַלד, איז עס גאַנץ מעגליך, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, אז זיין ווייב זאָל ווערען א סוטה.

נעהמט תרומה, אפילו פון די גוט האַרציגע זאָלט איהר אויך ניט וואַרטען ביז זיי וועלען געבען; דאַן ווען איהר דאַרפט „זהב כסף ונחושת" קענען אפילו די גוט האַרציגע אייך אמאָל געבען א קופּער-שטיקעל, ווען איהר דאַרפט א זילבערנע מטבע, און א זילבערנע מטבע, ווען איהר דאַרפט גאָר נעהמען גאָלד. „זה יתנו" — דאָס זאָלען זיי אליין געבען, ווען עס האַנדעלט זיך ביי א מחצית השקל, אבער ווען עס רעדט זיך פון א גרויסע, אונטערנעהמונג, וואו מ'דאַרף גאָלד און זילבער, זאָלט איהר ניט וואַרטען ביז זיי וועלען אליין געבען, נאָר איהר זאָלט ביי זיי נעהמען, עס

הייסט אפילו ביי א נדבן מוזט איהר אויך נעהמען און זיך ניט פארלאזען אויף זיין געבען.

מיר האבען בייגעוואהנט פיעלע קאמפיינס פאר גרויסע אונטערנעהמונגען סיי פאר צדקה און סיי פאר קולטורעלע אדער נאציאנאלע צוועקען, און האבען אלע־מאל אויסגעפינען, אז מיר האבען גענוג געבער, ווען מיר וואלטען נאר געהאט גענוג נעמערס. ביי יעדען קאמפיין האט אונז נאר געפעהלט צו דער קוואטא, ווייל אונז האט געפעהלט קענוועסערס, אדער די קענוועסערס האבען זיך אונטערגעפוילט. דאס נעהמען, דער „ויקחו לי תרומה" שטעהט העכער פון דעם געבען. פון דעם „זה יתנו", ווייל ווען מ'פארלאזט זיך אויפ'ן געבער וועט ער אימער געבען א מחצית השקל, ווען מען דארף גאר געבען גאלד און זילבער. און דעריבער איז „גדל המעשה יותר מן העושה" — דער וואס מאכט צו געבען, שטעהט העכער פון דעם געבער.

און גאט זאגט אן משה'ן, ווי אזוי דער משכן זאל געמאכט ווערען פון גאלד, זילבער, קופער, פארשיידענע שטאפען, פון פארשיידענע קאלירען, פארשיידענע עדעל־שטיינער, קאלירטע בריליאנטען, אין משה בלייבט שטעהן מיט א פראגע:

ווי אזוי געהט מען יעצט צו די געוועזענע שקלאפען און מען הייסט זיי געבען אזעלכע טייערע חפצים פאר מאכען א משכן? ערשט, האבען זיי געמורמעלט, אז זיי ווילען פלייש, און האבען זיך ניט פארגונען צו קוילענע א טייל פון זייערע בהמות, און דא זאג זיי צו געבען גאלד, זילבער און טייערע חפצים פאר א משכן.

דער בורא זעהט משה'ס פארלעגענהייט, און ער זאגט איהם דעריבער, וואס ער זאל טאהן:

— דו משה געה ניט צו די אויסגערעכנטע קאפ לייטע, געה ניט צו די אלרייט־ניקעס, וואס ווייסען ניט פון קיין סענטימענטען, נאר פון טרוקענע ציפערען. זיי, את די חברה וועלען פרעגען קשיות: צו וואס אזא קאסטבארע געביידע? מיר זאלען מו־זען אייך אוועקגעבען אונזער גאנצע גאלד און זילבער, וואס מיר דארפען זיך איינצו־ארדענען אינ'ם נייעם לאנד, מיט זיי, מיט די קאפ־מענשען וועסטו קיין משכן ניט אויפבויען. זיי וועלען דיר לעגען שטיינער אין וועג און וועלען האלטען אין איין אפלעגען.

— וואס דען זאל איך טאהן? — פרעגט משה.

— את וועל איך דיר זאגען וואס דו זאלסט טאהן: אנשטאט ביי די רייכע, ביי די קאפ־מענשען זאלסטו אנפאנגען דיין קאמפיין ביי די „כל נדיבי לב", ביי די האר־ציגע מענשען, ביי די מענשען וואס לאזען זיך ניט רעגירען פון די קעפ, נאר פון די הערצער — את די סענטימענטאלע, זיי וועלען דיר געבען און וועלען קיין קשיות ניט פרעגען, און יענע וועלען זיך דאן שעמען און וועלען מוזען נאכקומען.

און אזוי איז טאקי געווען: משה האט זיך געווענדעט ניט צו די אלרייטניקעס, נאר צו די הארציגע, די נדיבי לב. און זיי האבען טאקי געגעבען און די קארציגע פרויען, אויך ניט די רייכע, נאר די ארימע, האבען צוגעשטעלט געשפינעכטס און געוועבס, וכל אשת חכמת לב בידיה טוו, און יעדע הארציגע פרוי האט געברענגט, אזוי ביז משה האט געמוזט פארזאגען, דאס זיי זאלען מעהר ניט ברענגען, ווייל די רייכע, די קאפ־מענשען הויבען אויך אן צו ברענגען, און עס וועט שוין זיין צופיעל.

און דאָס דארף דינען אלס א מוסר השכל, ביי יעדען מענשען, וואס אז מען געהט בויען, סיי וועלכען עס איז משכן פאר דער געטליכקייט, ווי תלמודי תורה, סיי א משכן פאר זקנים, אדער פאר יתומים, סיי א משכן פאר קראנקע און שוואכע דארף מען זיך ערשטענס ווענדען, ניט צו די קאָפּ־מענשען, ניט צו די לייטע, וואָס ווייסען נאָר טרוקענע חשבונות און „סטאק עקסטשיינדזש״, וואו מען צאָהלט ניט צו שנעל דעם „מארדזשין״, פארלירט מען, אָט מיט אזוינע לייטע זאָלט איהר ניט „אָנפאנגען״.

ווענדעט זיך ערשטענס צו די חכמי־לב, ביי יענע וואו די חכמה ליגט ניט אין די קעפּ, נאָר אין די הערצער, צו די סענטימענטאַלע, פון וועלכע די קאָפּ־מענשען לאַכען אָבּט, און אָט אז דיזע וועלען אָהנע העכענונגען אָנפאנגען, וועלען די קאָפּ־מענשען ממילא קומען. א ברירה וועלען זיי האָבען? זיי ווילען דאָך זיין די קעפּ אי־בעראַל, וועלען זיי שוין קומען, אָבער אָנפאנגען זאָלט איהר אימער מיט די הארץ־הערצער.

און דאָס זיינען אפילו די קעפּ מענשען אויך מודה, אז ארימע לייט האָבען גוטע מענשען.

אָט צוליעב דעם מוסר השכל האָב איך דאָ געמוזט זאָגען א שטיקעל דרוש.

תצוה

אין דער דאזיגער סדרה ווערט געגעבען א לעהרע צו אלע קהלות, ווי אזוי זיך אויפצופיהרען מיט זייערע רבנים און מנהיגים.

און אט דא האט דער בורא ניט גענוצט דעם „דבר אל בני ישראל", אדער „אמור אליהם", נאר בלשון „צו" — אן אנזאג.

„ואתה תצוה", דו זאלסט אנזאגען די בני ישראל, זיי זאלען אנגרייטען „שמן זית", בוימעל, כדי אהרן זאל האבען מיט וואס אנצוצינדען די מנורה און זאל זיך דערמיט באשעפטיגען מיט זיינע קינדער „מערב עד בוקר", פון אינדערפריה ביז בייגאכט, לפני ד', נאר מיט געטליכער ארבייט. זאלסט מאכען פאר אהרן מיט זיינע קינדער בגדי קודש, הייליגע און טייערע קליידער, זיי זאלען זיין „לכבוד ולתפארת", א פראכט און א שעהנקייט.

אין די ווייטערע סדרות ווערט אויך אנגעוויזען, ווי דער כהן, דער גייסטיגער פיהרער, דארף באזארגט ווערען מיט די בעסטע חלקים פלייש און מיט אלעם גוטען, כדי זיי, די כהנים, זאלען קענען טאן זייער מלאכת הקודש, און ניט דארפען טראכטען וועגען פרנסה.

און די תורה האט עס אזוי באזארגט, אז אויב א טאכטער פון א כהן ווערט אפגע'גט פון איהר מאן, אדער זי ווערט אן אלמנה, קומט זי צוריק אין פאטער'ס הויז און מעג עסען תרומה, וואס קיין פרעמדער טאר ניט. דערמיט האט די תורה באזארגט אפילו די קינדער וואס וועלען נאך זייער חתונה דארפען צוריקקומען צו די עלטערען, אבי דער כהן, דער וואס דארף טאן די מלאכת הקודש, זאל ניט דארפען אין זינען האבען קיין פרנסה, אפילו ווען זיין פאמיליע פארמעהרט זיך.

און דא קומען מיר צום מוסר השכל: אויב איהר ווילט אז אייער רב זאל אייך שאפען תלמודי תורה, מוזט איהר איהם געבען, ערשטענס, דעם בוימעל ער זאל האבען מיט וואס צו באלייכטען די מנורה. צווייטענס, ער אליין זאל האבען פרנסה בכבוד.

וויפיעל פון אונז זאגען אפטמאל: די תלמודי תורה זענען ניט אין קיין גוטען צושטאנד, וואס טוען דען אונזערע רבנים?

און דער ענטפער איז: האט איהר געגעבען גענוג בוימעל אום דער כהן זאל האבען מיט וואס צו אנצינדען די מנורה?

אייך פארדריסט וואס דער רב דארף טאן זייטיגע ארבייט, ווי למשל געבען הכשרים, גט'ן און פארקויפען אתרוגים, אדער סיי וואס ער טוט; איהר ווילט אז

מערב עד בוקר זאל ער זיין פארנומען בלויז מיט רבנישע אנגעלעגענהייטען, פאר וועלכע מ'צאהלט איהם ניט.

אבער ווי קענט איהר דאס ערווארטען, אז איהר האט דאך איהם ניט באזארגט פון וואנען צו לעבען? ווי קענט איהר פארלאנגען, אז ער זאל זיצען און לערנען, באזוכען די תלמודי תורה, וויזיטירען אייערע קראנקע, אז איהר האט ניט באזארגט קיין מלבוש פאר איהם אנצוטאן און קיין הויז צו וואהנען, און וואס צו עסען פאר זיין פרוי מיט די קינדער?

אט דאס זאגט דער אייביגער זאלסטו אנזאגען די בני ישראל:

זאלען זיי נעהמען דעם בעסטען בוימעל און געבען צו אהרן מיט זיינע קינדער כדי ער זאל האבען, ערשטענס, מיט וואס אנצוצינדען די מנורה. און כדי ער זאל קענען זיין פארנומען מיט זיינע קינדער ביי דער הייליגער ארבייט פון פריה ביז נאכט, און ניט זיין זינען האבען צו זוכען פרנסה, מוזט איהר איהם באזארגען מיט די שעהנסטע קליידער וואס זאלען זיין לכבוד.

איהר דארפט איהם, דעם גייסטיגען פיהרער, באזארגען מיט אלעם גוטען פאר'ן גאנצען הויז־געזינד, נאר דאן קענט איהר ערווארטען אז ער זאל זיין פארנומען מיט דער הייליגער ארבייט א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט.

יא, פאר אמעריקאנער רבנים איז צו קורץ דער טאג, אויב זיי ווילען און קענען טאן די אמת'ע ארבייט פון א רעליגיעזען פיהרער, אויב דער טאג דארף אוועקגעגעבען ווערען צו ערציהונג, צו דין תורה'ס און אזוי ווייטער, איז אפילו די נאכט אויך ניט זייערע, ווייל זיי דארפען גאר היטען בייניאכט, אויב א כשר בוטשער האט ניט אריינגענומען א זייטעל טרפה פלייש. עס איז פאראן ארבייט פאר א רב דעם גאנצען מעת לעת, אבער ווי קען מען דאס פון איהם ערווארטען, אז ער דארף דאך אויסער זיינע פליכטען אויך האבען א פליכט צו באזארגען זיין פאמיליע מיט חיונה; ווענינגסטענס אויב מיר גיבען זיי ניט דאס, צו וועלכע זיי זיינען בארעכטיגט, לאמיר כאטש ניט האבען קיין טענות, אז זיי טוען ניט זייער פליכט.

אבער דאס ערגסטע דערביי איז, וואס די, וועלכע האבען נאך קיינמאל ניט געגעבען א רב א גראשען, זיינען גראדע די יעניגע וואס זוכען אלע חסרונות אויף די רבנים, פאר ניט טאן זייער פליכט אלס אזעלכע.

ווייטער זאגט דער אייביגער צו משה, ער זאל מאכען א „חושן משפט" פון פארשידענע טייערע שטיינער, און אויף דיזע שטיינער זאלען זיין אויסגעקריצט די נעמען פון די צוועלף שבטים, און אהרן זאל דאס טראגען אויפ'ן הארצען ווען ער וועט אריינקומען אין קדשי קדשים פון משכן אדער מקדש. דאס וועט זיין פאר א זכרון, פאר אן אנדענקונג, שטענדיג פאר גאט.

און פון אהרן'ס טראגען דעם משפט בני ישראל אויף'ן הארצען, ווען ער וועט קומען פאר דער געטליכקייט, און פון דיזען „חושן משפט" קענען מיר אויך נעה־מען א מאראל פאר היינטיגע צייטען.

די אידען האבען נאר וואס געדארפט געבען נדבות און טאקע גרויסע נדבות פאר'ן אויפבויען א משכן, און עס פארשטעהט זיך, אז כמעט אלע ערוואקסענע מענשען, מענער ווי פרויען, האבען בייגעשטייערט, און ווי עס פיהרט זיך היינט, וואלט יעדער געוואלט זיין נאמען זאל דערמאהנט ווערען, אז ער, יעקב בן טודרוס,

האט געגעבען אזוי פיעל און אזוי פיעל, און חנה בת גרונם האט געגעבען אט אזוי פיעל, ווי עס פאסירט יעצט אין יעדער אידישער אינסטיטוציע, וואו די ווענט זיינען אויסגעפילט מיט שטיינער אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די מנדבים, מיט טאבלעטס, אז דער האט אזוי פיעל געגעבען און דער האט אזוי פיעל געגעבען. דאס זענען אלץ שטיינער „אין מעמאריום", אדער לזכרון.

אבער דער אייביגער זאגט צו משה'ן, אז דאס זענען ניט קיין נדבות געגעבען מיט'ן גאנצען הארצען, לשמה; דעריבער זאלען דיזע, וואס האבען געגעבען נדבות צום משכן, ניט האבען יעדער זיין נאמען, נאר איין זכרון שטיין זאל גע־מאכט ווערען מיט די נעמען פון די שבטים, אט דאס וועט הייסען נדבה —, נדבות געגעבען מיט'ן גאנצען הארצען, א סימן, אהרן וועט דאס טראגען אויף'ן הארצען, אלס א זכרון אז דאס איז געגעבען געווארען לשמה, פאר גאט'ס וועגען, וועט זיין — „ונשמע קולו", וועט זיין קול דערהערט ווערען, און ער וועט אריינגעהן בעטען פאר אייך, און ווען ער וועט ארויסגעהן „ולא ימות", און דער נדבן וועט ניט דארפען שטארבען כדי נאך זיך איבערצולאזען א זכרון אויף א שטיין, אין דער אינסטי־טוציע, אדער לאזען אויסקריצען דעם נאמען פון זיין פארשטארבענעם טאטען, אדער מאמען.

ניט איהר פאר וועלכער ניט איז אינסטיטוציע, זוכט ניט אז מען זאל אייך מאכען „מי שברך'ס", אדער אויסקריצען אייער נאמען אויף'ן שטיין, גיט דאס מיט'ן גאנצען הארצען, לשמה, און איהר וועט דאן וויסען אז איהר האט פאר צדקה ניט געקראגען באצאהלט מיט פובליסיטי.

אט דאס, דענק איך, איז איינע פון די כונות ביים „חושן משפט", וואס דער כהן האט געדארפט טראגען אויף'ן הארץ בלויז מיט די נעמען פון די שבטים, און ניט מיט יעדען מנדב באזונדער.

כי תשא

ווען דו וועסט צעהלען די בני ישראל, זאלסטו האבען דעם צייכען פון „ונתנו", וויל נאר די וואס גיבען, קאנסטו צעהלען פאר אידען.

„תשא" איז אויך אויפהויבען, אז דו וועסט דערהויבען א אידען, זאלסטו עס טאן לויט דער מדרגה פון „ונתנו", לויט וויפיעל ער גיט, אזוי הויך איז ער ווערטה דערהויבען צו ווערען.

און כאטש אז מ'פארלאזט זיך אויף זייער געבען, מוז מען דאס מאכען קליין ווי מעגליך — א האלבען שקל -- וועסטו אבער דערמיט אויך וויסען, ווער עס איז א איד, וויל אנדערע וועלען ליבער געבען א האלבען שקל פאר א מואווינג פיקטשור, און ווייזען זייער ארימקייט ווען עס קומט צו א צדקה זאך.

„כל העובר על הפקודים"... עס איז מערקווירדיג, וואס דער „זה יתנו" — דער באשטימטער פארפליכטענדער מינימום — ווערט אנגעווענדעט אויף די „עובר על הפקודים" — די דורכשניט-מענשען פון דער מאסע, וואס אויף אנדערע רינים זענען זיי גאר ניט אזוי מקפיד, אבער דערפאר אז ס'באריהרט זיי אליין, ווען מען זאגט זיי, אז דאס איז „לכפר על נפשתיכם" — א כפרה אויף אייגענע זינד און אז דאס מיינט אייגענע אויסלעזונג — אט דעמאלט גיבען זיי. . .

„העשיר לא ירבה", דער רייכער גיט קיינמאל ניט צופיעל, „והדל לא ימעיט", און דער ארימאן גיט קיינמאל ניט צו ווייניג; די מוזסט אבער געדענקען דאס געלט וואס דו נעהמסט אלס „כסף הכפרים" זאלסטו נאר געבען צו דער ארבייט פאר'ן „אוהל מועד", ניט משנה זיין פון צדקה צו אנדערע צדקה.

און צו די אידען זאלסטו זאגען, אז דער בוימאויל פאר דער מנורה מוז זיין הייליגער און קיין פראסטער מענש זאל זיך דערמיט ניט באנוצען. וואס מיינט, אז פראסטאקעס זאלען זיך ניט באנוצען מיט הייליגקייטען און זיך דערמיט שמי־רען, אום דערפון פעט צו ווערען...

יעצט, משה, זאלסטו וויסען — זאגט דער אייביגער — האב איך באשטימט א מאן מיט'ן נאמען בצלאל פון שבט יהודה, וועלכער באזיצט חכמה, בינה און דעת אין אלע סארטען ארבייט, און האב איהם צוגעגעבען א געהילף, אהליאב, פון שבט דן. אויסער זייערע קלוגע קעפ, האב איך זיי אויך געגעבען גוטע הערצער. זיי זאלען טאן וואס איך זאג דיר אן.

ווען זיי זאלען ניט האבען די גוטע הערצער, נאר זיין בלויז קאפ-מענשען, וואלטען זיי זיך ניט געלאזט זאגען קיין דעה אין דער ארבייט, אדער זיי וואלטען גאר די ארבייט ניט אונטערגענומען, איידער זיי האבען ניט געמאכט פארשי־דענע פלענער און מאדעלען.

כאטש זיי דארפען טאן הייליגע ארבייט, זאלסטו זיי אבער אנזאגען „את שבתי תשמרו", שבת זאלען זיי היטען, ווייל דאס איז מיין צייכען צווישען מיר און די אידען, וועלכע איך, גאט, וויל זיי מאכען פאר א הייליג פאלק.

מילא, איך וויל דא ניט רעדען פון שמירת שבת אין אלגעמיין, נאר עס איז ווערטה צו דערמאהנען אז אפטמאל ווען מ'זעהט, אז ביי בויען א אידישע שוהל ארבייט מען אום שבת, איז עס דאן א סימן אז די באאמטע פון יענער שוהל האבען ניט די מידות פון חכמה, בינה ודעת.

די גרעסטע טראגעדיע פון'ם אידישען פאלק הויבט זיך ערשט אן, ווען משה פארזאמט זיך אויף'ן בארג, און זיי, די געוועזענע שקלאפען, דענקען נאך, אז א גאט קען מען זיך מאכען. און זיי קומען צו אהרן און זאגען איהם: קום מאך אונז א גאט, וועלכער זאל פאר אונז געהן, ווייל דער מענש משה וואס האט אונז ארויסגעבראכט פון מצרים, איז ערגעץ פארשוואונדען געווארען.

ווי שנעל ביי אונזערע ערב־רב'ניקעס ווערט א פיהרער ארונטערגעריסען, און ווי לייכט זיי נעהמען אויסטייטשען זיינע געדאנקען אויף זייער אייגענעם שטייגער! און עס איז ביי זיי רעכט, אז דער אוניווערסאלער גאט פון וועלכען משה האט צו זיי גערעדט, קאן פארביטען ווערען אויף אן עגל הזהב!

אהרן וויל זעהן ווי ווייט ערנסט זיי זיינען דעריז, און ער זאגט: גיט מיר די ציערונג, די רינגען פון די אויערען פון אייערע ווייבער און קינדער — פון די אויערען וואס האבען געהערט דעם „אנכי" — אט פון יענע אויערען רייסט אראפ די ציערונג...

און דער מאב, דער המון, ברענגט דאס ציערונג, און אהרן ווייזט זיי אז דאס איז א קאלב, אבער דער המון באטראכט אפילו א קאלב — אויב נאר מיט גאלד — פאר א גאט. און אהרן זאגט זיי: ווארט, איך וועל אייך שוין מארגען מאכען א יום טוב, חג לד' מחר. גאט וועט אייך שוין מאכען א יום טוב, ווען משה וועט מארגען ארונטערקומען... אבער דער ערב רב קומט מארגען פריה און מאכט א הוליאנקע — א מין חוזק מאכען פון אלץ און אלעמען. ווי דער פסוק זאגט: „ויקמו לצחק"...

און גאט זאגט צו משה'ן: אט האסטו, איך האב דיר געזאגט זאלסט בלויז ארויסנעהמען פון גלות די בני ישראל, און דו האסט מיטגענומען דעם ערב־רב, דאן געה, דיין פאלק האט שוין געמאכט אן עגל, זיי בוקען זיך צו איהם, און זיי זאגען, אז דאס איז דער גאט, וואס האט זיי ארויסגעצויגען פון מצרים!

דאס מיינט אייגענטליך, אז זיי האבען פשוט, ווי די היינטיגע קאמוניסטען, געמאכט א משפט איבער גאט, אוועקגעשטעלט א קאלב און געזאגט: „דאס איז דער גאט וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים", און געהאלטען אין שפעטען און חוזק מאכען.

משה טענה'עט: ערשטענס האסטו פארשפראכען אברהם, יצחק און יעקב אז דו וועסט זיי מעהרען ווי די שטערען אין הימעל, טא צו וואס זיי פארטיליגען? און צווייטענס — גיב ניט קיין געלעגענהייט די מצרים אז זיי זאלען קענען זאגען, אז זיי האבען פריהער געוואוסט, און געווארענט די אידען: „כי רעה נגד פניכם", און יעצט וועלען זיי זאגען: „כי ברעה" — מיט דעם וואס איז א „רע", האט ער זיי ארויסגענומען, און איך זוך דאך גאר צו ווייזען, אז דו ביסט דער איינציגער גאט, אזוי ווי דו ביסט געוועזען באקענט צו אברהם, יצחק און יעקב.

און די געטליכקייט האט נאכגעגעבן משה'ן און איהם ארונטערגעשיקט מיט צוויי לוחות וואס גאט האט זעלבסט געמאכט.

יהושע וועלכער האט געווארט אויף משה'ן אונטער'ן בארג, הערט עפעס א גערודער אין דער מחנה, און ער זאגט צו משה: עפעס רודערט זיך דארט צוויי־שען פאלק. זאל עס זיין א מלחמה — הער איך ניט קיין קול פון זיעג אדער דורכ־פאל. וואס זשע זאל דאס זיין?

דער צוקונפטיגער פיהרער ווייזט אויס, האט יא עפעס געוואוסט, נאר אזוי ווי ער האט געהערט אז מ'בונטעוועט זיך עפעס, האט ער מורא געהאט דער המון זאל ניט קומען צו איהם און זאגען: נעהם איבער דאס פיהרערשאפט! האט ער זיך באהאלטען, אבער וואס די ענדע איז דארט געווארען האט ער ניט געוואוסט ביז ער מיט משה'ן האבען דערזעהן דעם קאלב, פאר וועלכען דאס פאלק האט געקראגען „קעלבערנע התפעלות". אט דאס האט משה'ן ערשט באדרהאסען און ער האט די לוחות צובראכען און פארברענט דעם קאלב, עס צומאהלען דין און עס געווארפען אין וואסער אריין.

אהרן פארטיידיגט זיך: זיי זיינען געקומען צו מיר — זאגט ער צו משה'ן און געזאגט: „מאך אונז א גאט, ווייל מיר ווייסען ניט וואו דער מענש משה איז אהינגעקומען", און איך האב זיי געזאגט: „גיט מיר אייער גאלד", צו זעהן וואס שטעהט ביי זיי העכער, אבער דער פייער פון מחלוקת האט ביי זיי געברענט, אז זיי האבען אפילו דאס גאלד געברענט. איך האב דאס גאלד געווארפען אין פייער. עס האט אבער ניט געהאלפען, זיי האבען געמוזט האבען א קאלב — א גאט אויף דער לינקער זייט . . .

משה הייסט מאכען א שטיקעל איבערפאל איבער די הערצער, כדי צו באווייזען גאט, אז ער דארף זיי שוין ניט שטראפען, זיי האבען שוין געקראגען זייער שטראף, און טאקע די עהרליכע פון צווישען זיך האבען זיי באשטראפט.

די וואס זענען געבליבען לעבען, האבען פאר חרפה ניט אנגעטאן זייער צירונג. „ולא שתו איש עדיו" די רייכע זיינען הפנים געווען די העצער פאר'ן עגל, און זיי האבען זיך נאכהער געשעהמט אנצוטאן זייער ציערונג, מ'זאל ניט וויסען ווער די רייכע זענען, כדי די בני לוי זאלען זיך אז זיי נים נוקם זיין.

דער אייביגער לאזט זיך איבערבעטען פון משה'ן און הייסט איהם אנטאן א מאסקע — מכוה — ווייל ווען ער קומט אן צו גאט, איז ער שטאל און אייזען, פאר די אידען. דערפאר ווען ער קומט צו די אידען, שטראפט ער זיי, און כדי צו ווייזען די אידען, אז ווען ער קומט צו גאט, טענה'ט ער גאר אנדערש, האט ער דעריבער אנגעטאן און אויסגעטאן די „מסוה" און דערמיט געקראגען א ליכטיג פנים ביי די בני ישראל, „וראו בני ישראל את פני משה כי קרן עור פני משה".

אונזערע היינטיגע פיהרער טראגען אויך אפטמאל מאסקעס, אבער ליידער אויף דער לינקער זייט...

ויקהל

ווי עס ווייזט אויס, איז די שבת רוה געווען דאס גרעסטע פראבלעם זייט די אידען האבען גענומען די תורה, ווייל משה פארפעהלט ניט ביי יעדער געלעגענהייט צו ווארנען געגען חלול שבת.

אין דיעזער סדרה בארעהמט אויך שבת דעם ערשטען פלאץ.

משה האט געלאזט וויסען, אז זיין היינטיגע טהעמע וועט האבען צו טאן מיט „שבת" האט דער עולם מסתמא ניט קיין חשק געהאט צו קומען, דעריבער פאנגט זיך אן די סדרה, מיט „ויקהל", מ'האט די אידען געדארפט צוזאמענקלויבען, איינזאמלען, אום צו הערען דיעזע רעדע פון'ם געזעץ־געבער, און דאן זיינען נור געקומען די בני ישראל און ניט דער ערב רב, ווייל די תורה דערצעהלט אונז טאקי, „ויקהל משה את כל עדת בני ישראל."

משה וויל ווייזען, אז די שבת רוה איז פונקט אזוי וויכטיג ווי די זעקס ארבייטס טעג, און אז די ארבייטס טעג זיינען אזוי וויכטיג ווי דער רוה טאג, און משה פאנגט דעריבער אן מיט „ששת ימים תעשה מלאכה — זעקס טעג זאל געטאן ווערען ארבייט, ניט ארומגעהן לעדיג. דער חוב פון ארבייטען איז פונקט אזא געבאט, ווי דער חוב פון רוהען אום שבת.

איהר מוזט טאן זעקס טעג פיזישע ארבייט, כדי איהר זאלט פארשטעהן דעם פארגעניגען פון זיבעטען טאג רוה, און איהם געברויכען פאר בלויז גייסטיגע צוועקען. „שבת שבתון לד'" — דער טאג דארף זיין א טאג פאר רוה און גייסטיגען פארגעניגען. „כל העשה בו מלאכה", ווער עס טהוט דיעזען טאג א פיזישע ארבייט, „יומת", איז ער ניט בעסער פון א טויטען...

אין דער אמת'ן ווער עס קען ניט באזארגען זיין קערפער מיט זעקס טעג ארבייט, איז גלייכט א טויטען בעסער פאר איהם, ווייל זיין גייסט איז שוין טויט ביי איהם אפילו אויף איין טאג אין דער וואך.

צינדט ניט אן קיין פייער אין אייערע הייזער אין'ם טאג פון שבת.

צוליעב דעם שבת ווערען פיעלע פייערען אנגעצינדען אין אידישע הייזער, צווישען נייעם און אלטען דור.

און די תורה ווענדעט זיך דעריבער צו די ארבייטער מעהרסטענס, און זאגט זיי אן: איהר ארבייט זעקס טעג, רוהט דעם שבת טאג, און צינדט ניט אן קיין

פייער אין אייער הויז. זאָל ביי אייך זיין די אמת'ע מנוחה ושמחה, א גייסטיגער טאָג.

ווערענד ביז איצט האָט גאָט אָנגעזאָגט, ווי אזוי מ'זאָל מאכען דעם משכּן און וואָס די אידען דאַרפען געבען צו דיזען בנין, דארף יעצט משה דאָס איבערגעבען די בני ישראל, עס הייסט יעצט פאנגט זיך אָן דער קאמפּיין פאַר'ן משכן, און אפשר, צוליעב דעם האָט מען געדארפט דעם עולם איינזאמלען, ווייל זיי האָבען ניט קיין גרויסען חשק געהאט צו געבען.

משה פאנגט אָן דעם קאמפּיין און זאָגט: „אָט אזוי האָט גאָט געזאָגט — „קחו מאתכם תרומה לד'", נעהמט פון זיך זעלבסט תרומה פאר גאָט." ערשטענס, זאָל מען פון אייך ניט דארפען נעמען, נאר גיט אליין, נעמט ניט קיינע ביישפּילען פון דעם וואָס יענער גיט, זאָגט ניט: „איך וויל זעהן וואָס יענער רייכער מאן וועט געבען", נאר „קחו מאתכם", נעהמט פון זיך זעלבסט. גיט וואָס איהר קענט, און ניט וואָס יענער קען מעהר געבען, ווייל מיין אפיעל איז ניט צו די רייכע קאָפּ־מענ־שען, נור צו די נדיב לב, צו וואָלטהעטיגע הערצער, „כל נדיב לב" איטלאכער מיט זיין אייגען גוט הארץ זאָל ברענגען תרומת, לויט ווי ער קען — זהב, וכסף, ונחשת. ווער עס קען געבען גאָלד זאָל עס טהון, און ווער עס קען געבען זילבער, אָדער אפילו קופּער זאָל עס טהון, ניט פארקוקענדיג זיך אויף יענעם.

מיר וועלען אויך צונעהמען תכלת, ארגמן און אפילו תולעת שני, רויטער פאַר־דים איז אויך א נדבה פון דעם, וואָס האָט ניט קיין כסף וזהב, און דער וואָס האָט דאָס אויך ניט, איז פעלעבלאך, בוימעל, בשמים, שטיינער. ניט נור איז דאָס געבען דער עיקר, דער וואָס האָט גארניט צו געבען און האָט דאך א „חכם לב", האָט דאך דעם גוטען ווילען און א גוט הארץ „יבאו ויעשו", זאָלען קומען געבען א טאָג ארבייט.

עס איז דאָ ארבייט פאַר אַלעמען, ביים משכן: דער דאך, ברעטער, ריגלען, שוועלען, שווערע און גראָבע ארבייט, אויך עדלע און קינסטלערישע ארבייט. שניי־דערס פאר קליידער וואָס אהרן מיט די קינדער דארפען אָנטהון, א. אז. וו.

און די בני ישראל זיינען אוועק פון משה'ס רעדע.

און יעדער מענש מיט א גוט הארץ האָט אָנגעהויבען ברענגען סיי גאָלד, זיל־בער, ציערונגען; און יעדער מאן, אָדער פרוי, מיט א גוט הארץ זיינען געקומען סיי מיט ארטיקלען און סיי פארטיג צו דער ארבייט — „להביא לכל המלאכה", אזוי ווי גאָט האָט טאקי פריהער געזאָגט צו משה'ן.

יעצט אז עס איז שוין פאראן מאטעריאל, און אויך מענשען צו דער ארבייט, דערצעהלט משה די אידען, אז זיי דארפען ניט קיין מורא האָבען פאר דעם וואָס זיי זיינען ניט קיין ספּעציאליסטען ווייל גאָט האָט אויסגעוועהלט בצלאל, א פערזאָן וואָס באזיצט חכמה, בינה און דעת אין אַלע ארטיסטישע ארבייטען, סיי אין גאָלד־ארבייט, שטיין ארבייט אָדער האָלץ ארבייט.

זיין ארויסהעלפער אהליאב באזיצט אפילו די קראפט פון „ולהורות נתן בלבו" — צו לערנען אנדערע די פארשידענע ארבייטען, און גאָט האָט זיי ביידע געגעבען די „חכמת לב", אז זיי זאָלען וועלען טהון די הייליגע ארבייט. כאָטש זיי האָבען אויך קעפּ אויף „לחשב מחשבות."

די מעהרסטע קינסטלער, וואָס קענען בלויז ארבייטען מיט די קעפּ, וואָס קע־

בען אלעם פון טהעארעטישען שטאנדפונקט, צו מאכען די פלענער און אזוי ווייטער קענען זיי אבער ניט די פראקטישע ארבייט. בצלאל און זיין ארויסהעלפער באזיצען אלע מעלות: קאפ־מענשען, הארציגע מענשען, ווייסען און ווילען טהון די היליגע ארבייט טהעארעטיש און פראקטיש.

משה האט דאן איין אנוועזענהייט פון אלע איבערגעגעבען בצלאל'ן מיט אלע זיינע ארויסהעלפער דאס גאנצע מאטעריאל, וואס די אידען האבען געברענגט, און בצלאל האט איינגעטהיילט די ארבייט, און באלד איז געקומען א ערקלעהרונג, אז דער מאטעריאל איז גענוג און נאך איבעריג און משה האט געלאזט אויסרופען פאר'ן גאנצען פאלק — מעהר ניט צו ברענגען „ויכלא העם מהביא".

אויפהערען צו ברענגען האט דאס גאנצע פאלק אויסגעפאלגט מאמענטאל.

און ביי יעדער אונטערנעהמונג, ווען די פארלאנגטע סומע ווערט ניט דער־גרייכט, דאך איז גענוג אז איינער זאל זאגען: „גיט ניט, מ'דארף קיין געלד ניט האבען", און איהר וועט זעהן, ווי שנעל די ניט געבערס וועלען דעם אויפרוף אננעה־מען און איהם פראפאגאנדירען פאר אלעמען.

אויף ניט געבען איז ניט נויטיג קיין גרויסע „פובליסיטי," ווייל איין ניט געבער, קען אלע לאזען וויסען, אז מ'דארף ניט געבען.

אבער אויף יא געבען, דארף מען אפטמאל אויסגעבען מעהר אויף פובליסיטי וויפיעל די גאנצע איינגאהמע קען באטרעפען.

יא, אויף ניט געבען, איז נאך היינט אויך פאראן די מאיאריטעט, וואס וועט שנעל אויספאלגען. מעג זיין פאר וואס א תירוץ עס איז, און אלע ניט געבערס פאלגען דאס, און בארימען זיך נאך, אז זיי טוען א גרעסערע זאך מיט ניט געבען, ווי די אנדערע מיט יא געבען.

אט דאס זיינען די אור־אייניקלאך פון'ם ערב רב, וואס זיינען צוגעשטאנען צו די אידען, נור מיט דעם צוועק קאליע צו מאכען אלעם, וואס איז היליג און טייער...

פקודי

די ארבייט פון משכן איז אנגעגאנגען ווי געהעריג, אבער דאס האט ניט געשמעקט דעם ערב רב, פונקט ווי ביי יעדע גוטע ארבייט קען דער ערב רב ניט פארליידען וואס א קהל'שע ארבייט געהט אן גוט, און זיי, די ערב רב מענשען זענען ניט די פיהרער.

וואס טוען די חברה, אום צו שטערען די ארבייט? מען הויבט אן אונטערמורמלען אויף די פיהרערס, אויף די ארבייטער, מ'הויבט אן זוכען חסרונות, און אז מ'געפינט ניט אן וואס זיך אנצוכאפען, איז דאן די לייכטסטע און גרינגסטע ארבייט פון די צושטערער ארויסצולאזען א קלאנג, אז מ'גנב'עט. צוערשט מורמעלט מען. מ'גיט בלויז אנצוהערען, אז דער אדער יענער פיהרער איז עפעס פלוצים רייך געווארען, יענער וואהנט אין א צו שעהנער וואהנונג. יענעמ'ס ווייב קויפט גוטע עופות, דערמיט וויל מען בלויז אנווייזען, אז עפעס געהט ניט אן די ארבייט עהרליך, און אזוי ווי ערב רב איז פאראן גאר א היבשע צאהל אין יעדער געמיינדע, און זייער ארבייט איז צו זוכען אזעלכע סענסאציעס, אום צו שטערען די הייליגע ארבייט, מורמעלט מען אזוי לאנג, ביז אז איינער זאגט: „יענעמ'ס ווייב האט געקויפט אן עוף", זאגט א צווייטער: „זי האט געקויפט אן ענדיק". דער דריטער זאגט שוין, אז דאס איז גאר א „דיימאנד רינג", ביז... ביז מ'זאגט שוין אפען, אז יענער האט בא'גנב'עט דעם משכן, און דאמאלס איז די בעסטע זאך פאר די פיהרער ארויסצוקומען מיט אן עפענטליכען חשבון.

און דער גרעסטער אונגליק אין געוויסע קהל'שע ארבייטען איז: וואס מען איגנארירט די פארשיידענע קלאנגען, און מ'פיהרט ניט קיין גענויע ביכער פון די איינגאהמען און אויסגאבען, אדער מ'פארלאזט זיך אין קהל'שע ארבייטען אויף געדונגענע מענשען, באצאהלטע, ניט וויסענדיג פריהער זייער כאראקטער, און ווען מ'דארף געבען א חשבון, זיינען די ביכער צודרעהט, עס פעהלען קוויטירונגען, און מעהר דארף שוין דער ערב רב ניט. דאמאלס, ווערען די וואס האבען אוועקגעגעבען זייער צייט, מיה און געלד פאר א וויכטיגען צוועק, גאר געשטעמפעלט פאר גנבים און רויבער. און דער ערב רב האט אויסגעפיהרט זיין טייפלישע ארבייט.

דער משכן איז דא פארטיג געווארען, און קלאנגען זיינען שוין פון ערב רב פארשפרייט געווארען, לויט דער מדרש דערצעהלט אונז, אז זיי האבען אפילו געזאגט דאס משה האט זיך אויסגעפאשעט דעם קארק פון די אידישע נדבות. משה'ס זיהן ווערען אין אלגעמיין ניט דערמאהנט ביי דער גאנצער ארבייט, אפנים משה האט ניט געוואלט זיינע קינדער זאלען זיך מישען ביים קאמפיין, כדי מ'זאל אויף

זיי ניט האבען וואס צו זאגען, כאטש, קרח מיט זיינע ערב רב'ניקעס האבען סיי ווי געזאגט, אז משה מיט זיין פאמיליע האבען פארנומען דעם גאנצען כבוד פאר זיך זעלבסט.

און אז משה האט שוין געזעהן די ארבייט פארטיג, האט ער באלד אנגעהויבען צו מאכען דעם חשבון.

און די סדרה פאנגט זיך אן מיט „אלה פקודי המשכן" — דאס איז דער רעכענונג פון משכן, ניט בלויז אן אייגענעם רעכענונג, נור א רעכענונג דורך עדות. דורך א קאמיטע פון די לוים מיט ־ער פארזיצערשאפט פון איתמר, דער זוהן פון אהרן הכהן.

בצלאל איז ניט געווען אין דער „אודיטינג קאמיטע", ווייל, בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה עשה את כל אשר צוה ד' את משה, ווייל בצלאל האט אויס־געפאלגט אלעס וואס משה האט איהם געהייסען. האט דאך דער ערב רב געקאנט זאגען אז ער איז א שותף מיט משה'ן איז ער דעריבער ניט אריינגענומען געווארען אין דער „אודיטינג קאמיטע."

אהליאב, דער ארויסהעלפער פון בצלאל, האט אויך ניט געקענט אריינגענו־מען ווערען אין ־ער „אודיטינג קאמיטע", ווייל ער איז געווען דער אנפיהרער פון דער ארבייט פון די געוועבטע ארטיקלען.

און די „אודיטינג קאמיטע" האט ערשטענס ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג וועגען דער איינבאהמע, אזוי פיעל און אזוי פיעל איז אריינגעקומען פון איינצעלנע מנדבים, אזוי פיעל איז געווען „כסף פקודי העדה" די קהלה געלדער, א מחצית השקל פון יעדען האט באטראפען אזוי פיעל, האט עס געמאכט די סומע פון אזוי פיעל, נאר זיי האבען ניט געקענט אויסגעפינען א קליינע סומע וואס דערמיט איז געטאן געווארען, ביז משה האט זיי דערמאהנט מיט או אויסגעשריי „ואת האלף". וואס האט לויט'ן טראפ ניגון אן אויסגעשריי צייכען. דאס איז געלט וואס דערמיט איז געמאכט געווארען העקלעך אין אלע שוועלען צום משכן.

דאן האט משה מיט זיין קאמיטע אפגעגעבען רעכנונג פון „תכלת, ארגמן און תולעת השני" — אלעס וואס איז געטהון געווארען און אז דער רעכענונג איז פארטיג געווארען דערצעהלט אונז ווייטער די תורה.

וירא משה את כל המלאכה, משה האט געוויזען יעדעס ארטיקעל פון דער ארבייט, והנה עשו אותה, אז עס איז געמאכט פונקט אזוי ווי גאט האט געהייסען, האט משה דאן פארענדיגט זיין חשבון מיט די אידען און זיי געזאגט: איך בין אייך מוחל פאר אייערע אלע חשרים. „ויברך אתם משה". און משה האט זיי געבענשט, זיי זאלען ניט באשטראפט ווערען פאר זייער לשון הרע...

און אזוי דארף טהוען יעדער פיהרער פון א געמיינדע, ווען ער נעהמט איבער א וויכטיגע ארבייט, זאל ער ערשטענס, ניט אכטען וואס מ'זאגט אויף איהם, אבער ווען די ארבייט איז פארטיג זאל ער אפגעבען א רעכנונג דורך אן אומפארטייאישע קאמיטע און זאל ער איבערצייגען דעם עולם, אז אלעס איז צוגעגאנגען עהרליך און ראיעל, דאן זאל ער האלטען א רעדע, און ערקלעהרען אז ער איז מוחל אלע וואס האבען אויף איהם גערעדט לשון הרע, און זיי גאר געבען א ברכה.

ווייל ־ער ניט־ערנסטער כלל ארבייטער ווערט ברוגז און אנטלויפט פון דער

אינסטיטוציע, אדער ער טאדעלט זיינע באליידיגער, אזוי אז ער ווערט מיט דעם צייט ארויסגעווארפען און ווערט א שונא דער אינסטיטוציע.

אט דאס איז משה׳ס לעקציע צו אונז, און ער הייסט דעריבער אויף אייביג „רבנו״, ווייל מיר דארפען ביי יעדע געלעגענהייט זיך באנוצען מיט זיינע לעהרען.

אפגעטהון די ארבייט, געוויזען אז אלעס איז געווען עהרליך און לשמה „כאשר צוה ד׳״, ווי גאט האט געהייסען, דאן בענשען אלע באליידיגער אז זיי זאלען ניט געשטראפט ווערען פאר זייער רכילות׳ן. אט דאס זיינען די לעהרען פון משה רבנו.

און אז דער חשבון איז געגעבען געווארען און יעדעס ארטיקעל באזונדער געוויזען, האט דאן משה געהייסען אז דער משכן און אהל מועד זאלען אויפגעשטעלט ווערען, און די וויטערע אידישע רייזעס זאלען רעגולירט ווערען דורך דעם משכן.

דערמיט ענדיגט זיך דער עהשטער געלונגענער קאמפיין מיט׳ן אויפבוי פון דער ערשטער הייליגער געביידע — הלואי ניט ערגער אין אונזערע קאמפיינס...

ויקרא

ויקרא

„ויקרא אל משה" — און ער האט גערופען צו משה'ן. עס ווערט ניט דערמאהנט ווער עס האט גערופען, אבער אזוי ווי די „א" פון ויקרא איז א זעהר קליינע, איז דאס מסתמא אן אנווייזונג, אז מען זאל ניט דערמאהנען גאט'ס נאמען ביי יעדער קליניגקייט.

אויב איהר געהט אנטייל נעהמען אין דער מצוה פון קרבנות, זאלט איהר ערשטענס זעהן אז איהר אליין זאלט פריהער אייער אייגענעם קרבן מקריב זיין. ווייל דער וואס וויל עפעס שאפען פאר גאט'ס וועגען, אדער וויל פאר וועלכע ס'איז צדקה, מוז ערשטענס טאן זיין פליכט. „תקריבו את קרבנכם", זייט פריהער מקריב אייער אייגענעם קרבן.

מיר זעהען אפט מאהל ווי א פארזיצער פון א קאמפעין מיטינג, ווען ער גיט ניט די ערשטע נדבה אלס זיינעם א קרבן, שאדעט עס נאך דעם גאנצען קאמפעין. און דער וואס גיט שוין יא דעם ערשטען קרבן לד' סלת יהיה קרבנו, מוז זיין קרבן זיין פון סלת, ניט פון קיין קלייען.

פילע באקלאגען זיך אפטמאל אויף די אויסגאבען פון געוויסע אינסטיטוציעס, און האבען דעריבער א תירוץ אויף ניט געבען. און די תורה באווארענט עס מיט זאגען, אז אהרן מיט זיינע קינדער, די וואס ארבייטען ביי דער היילינגער ארבייט, דארפען דערפון געניסען, ווייל אהן זיי קענט איהר די אינסטיטוציע ניט אויפהאלטען. דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערען ביי נאציאנאלער ארבייט, וואו מ'דארף האלטען באאמטע, רעדנער און פיהרער. איהר מוזט זיי האלטען, אהן זיי קען די באוועגונג ניט אנגעהן. אבער זיי, די באאמטע, דארפען ניט צונעהמען די מעהרסטע און ערשטע געלדער. נאר „והנותרת מן המנחה יאכלו אהרן ובניו", דאס וואס עס בלייבט איבער פון דעם הויפט צוועק, פאר וועלכען דער פאנד איז געשאפען געווארען, און ניט אויפעסען דעם גרעסטען חלק.

און איהר, געבער, מאכט קאליע דאס וואס איהר גיט, אז איהר רעדט אויס די באאמטע אז זיי נעהמען צופיעל, ווייל דאס שאדעט יעדע אינסטיטוציע. איהר גיט געלט, און מאכט עס קאליע, און דאס זאגט אונז די תורה, כי כל שאר וכל דבש לא תקטירו — מאכט ניט פון אייער האניג קיין עסיג, וויילביידע צוזאמען הארמאנירען ניט.

כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה' — ניט צו זיס און ניט

זוייער זאל ארייננקומען אין מיין קרבן. אזוי ווי עס טויג ניט קיין צופיל גראמבלעניש אין קריטיק, אין כלל ארבייט, ווייל דאס שאדט אומצוטרוי און אפהענטיגקייט צווישען די טהוער און די געבער, אזוי טויג אויך ניט צו זיס, צו גוט, צופיעל ליבען, דאס ניט צולאזען קיין קריטיק „כדי עס זאל ניט שאדען צום קאלעקשאן״.ביידע עקסטרימען זיינען שעדליך פאר א קהל׳שע אינסטיטוציע און ביידע שאפען דעם זעלבען אומצוטרוי.

„אם הכהן המשיח יחטא״, אויב אייער כהן, אייער רב, זינדיגט, זאלט איהר פריהער זעהן אויב עס איז ניט לאשמת העם, אויב דאס פאלק איז אין דעם גאר ניט דער שולדיגער.

אויב א שוהל אדער סתם אידען ווערען אפט ברוגז אויף א רב פאר געבען א הכשר, ווייל ער פארדינט דערביי עטליכע דאלער. דארפט איהר זעהן, אויב דאס איז ניט אייער שולד, ווייל איהר גיט איהם ניט גענוג פרנסה אז ער זאל ניט דארפען זו־כען א זייטיגען פארדינסטעל, און ווען דער כהן זינדיגט געגען פאלק ניט טוענדיג זיין פליכט, דארף ער אויך ברענגען א קרבן און איהר מוזט איהם מוחל זיין. אייער רב איז א יחיד, קאן ער האבען א טעות, ווייל עס טרעפט אויך אז „כל עדת ישראל ישגו״, א גאנצע געמיינדע מאכט אויך א טעות און אפשר טאקע זענט איהר אליין שולדיג אין דעם טעות פון אייער רב. דאס איז אלץ ווען עס רעדט זיך ביי א קליינעם חטא, וואס ברענגט ניט קיין חילול השם.

אבער ווי איז „אשר נשיא יחטא״ ווען אייער ערוועהלטער רב זינדיגט טאקע, דורך געהן געגען שלחן־ערוך — ווי עס האט זיך פארלאפען אין אונזער אייגענער קהלה — אט אזא רב מוז זיך מתודה זיין און ברענגען א קרבן.

עס פארשטעהט זיך, אז א רב וועט דאך אזא זאך ניט טאן אין זיין שטאדט, טוט ער עס ערגעץ אין דער ברעמד, איז דעריבער דער חוב פון יענעם וואס האט דאס געהערט, אדער געזעהן, „והוא עד״, ער קען עדות זאגען, „עם לא יגיד״, ווען ער זאגט ניט אויס „ונשא עונו״, טראגט ער אויף זיך זיין (יענעמס) זינד.

ליידער טרעפען זיך אין אמעריקע אזעלכע וואס פארטרעטען דא רבנות־שטעלעס, און זיינען גאר פון דער היים געוועזען אלעס אין דער וועלט, אבער ניט קיין רבנים, און ווען די לאנדסלייט זייערע דערקענען איהם דא און מאכען זיך ניט־וויסענדיג, איז דער חטא אויף זיי, אויף די לאנדסלייט.

קרבן ראשית תקריבו אותם לה׳״ — דאס ערשטע פון אלסדינג דארף געהן צו גאט פאר א קרבן:

דאס ערשטע פון די קינדערשע יאהרען מוזען זיין געווידמעט צו דער תורה. די ערשטע ווערטער ביים עפענען די אויגען אינדערפריה, דארפען זיין „מודה אני״; די ערשטע באשעפטיגונג פון׳ם טאג — דאווענען; די ערשטע פארדינסטען — אויף צדקה; די ערשטע לעהרע־שטונדען דארפען געהן פאר תורה.

ליידער געהט ביי אונז אלץ פארקעהרט, אפילו אין חנוך. די ערשטע בעסטע

שטונדען פון גאט געהן אוועק פאר סקוהל און פאר'ן חדר בלייבען די לעצטע עטליכע שטונדען.

און כביכול באקלאגט זיך: אני ראשון — איך האב געדארפט זיין ערשט אין אלסדינג, אבער „ואני אחרון" — איך בין צולעצט אין אלעם.

* * *

נפש כי תחטא ומעלה מעל ב"ה וכחש בעמיתו.

באריהמט זיך א יונגערמאן: איך בין ניט קיין גלויביגער אבער מיין ווארט איז א ווארט; ניט אפגעהיט אין מצוות פון מענשען צו גאט, אבער אפגעהיט און עהרליך אין מיינע האנדלונגען מיט מענשען.

— גלויבט איהם ניט — זאגט דער פסוק: ווארום דער נסיון צו זיין עהרליך איז זייער גרויס, דער עקאנאמישער קאמפף איז א שווערער. מענשען וואס גלויבען אין באלוינונג און שטראף אויף יענער וועלט ווערען אויך דאס רוב באזיגט, א פשיטא שוין יענער וואס גלויבט דערין ניט. ער האט חאך אפילו ניט די דאזיגע וואפען מיט וואס זיך צו פארטיידיגען געגען דעם אנפאל פון יצר הרע.

נפש כי תחטא ומעלה מעל בה" — א פערזאן וואס זינדיגט און ווערט אומטריי גאט, וכחש בעמיתו, וועט ער אין זיין חבר אויך לייקענען — איהם באטרוגען און באשווינדלען ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט.

שלעכט צו גאט שלעכט צו לייטען.

צו

צו את אהרן ואת בניו לאמר: זאת תורת העולה: היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבוקר, ואש מזבח תוקד בו.

דער קרבן — דאס איז דער נשמה־אויסדרוק, די נשמה־שפראך צו איהר באשעפער; עס זאגט אונגעפעהר — כאטש אהן ווערטער — אזוי: הימעלשער באשעפער! איך געהער צו דיר! איך — מיט מיין גייסט און קערפער; איך — מיט מיין געזונד און פארשטאנד; איך — מיט מיין גאנצען פארמעגען — אלעס, אלעס איז דיינס.

און ווען דו זאלסט פאדערען פון מיר, איך זאל זיך זעלבסט מקריב זיין אויפ'ן מזבח פאר דיר, וואלט איך דאס אויך גערען געטאהן, דו פארלאנגסט עס אבער נים.

דארום, נעהם כאטש אן דעם קרבן, דאס שעהנסטע, דאס ערשטע, דאס טייערסטע פון מיין הארעוואניע און פארמעגען און באטראכט עס אלס א טייל פון מיין אייגענעם „איך".

דער קרבן קומט אין פארשידענע פארמען:

א) אויב א יחיד אדער א קהל האט געזינדיגט ווילענדיג אדער אומגערן, און זיי האבען חרטה אויף וויערע זינד — דארפען זיי בריינגען, אין ערשטען פאל — א קרבן אשם, אין צווייטען פאל — א חטאת.

ב) אין א שמחה צייט, ער איז באגליקט געווארען, רייך געווארען, אדער פון א צרה, א געפאהר ניצול געווארען; זיין הארץ ווערט אנגעפיהלט מיט פרייד און דאנקבארקייט צו זיין באשעפער — דאן ברענגט ער א „קרבן תורה".

ג) ווען דער מענש פייערט זיין שבת, זיינע נאציאנאלע ימים טובים, וועלכע דערמאהנען איהם, אדער פון זיין רייכע, אין ניסים, פארגאנגענהייט, אדער ביים ענדע פון א גוטען סעזאן, ווען ער האט פארענדיגט „איינזאמלען אין שייער אלע תבואות פון דעם פעלד" — דאן ברענגט ער דעם קרבן שבת, אדער די קרבנות יום טוב.

4) צוויי קרבנות טעגליך: איין שעפס אין דער פריה, דאס צווייטע פאר־נאכט — דאס רופט זיך „קרבן תמיד".

מאנכע קרבנות, ווי „מנחה" און „חטאת" זיינען ניט אלע מאל גלייך; דער רייכער ברענגט א טייערען קרבן דער ארימאן — א קלענערען. אבער עס איז גלייך דער ארימאן, וואס ברענגט ווייניג מיט דעם גביר, וואס ברענגט א סך — אויב ער גיט דאס פון גאט'ס וועגען מיט א ריינע מחשבה.

אויך ווערען די קרבנות איינגעטיילט אין צוויי טייל: דער קרבן וואס ווערט אינגאנצען פארברענט אויפ'ן מזבח, און דער צווייטער, פון וועמען מ'נעמט אראפ „מתנות כהונה", דעם חלק, וואס גאט האט עס אוועקגעגעבען צו אהרן און זיינע קינדער, ווי ער זאגט: „אלעס, וואס ווערט ניט פארברענט פון די קרבנות, האב איך אפגעגעבען צו דיר, צו דיינע זיהן און דיינע טעכטער. דאס איז א ברית-מלה, א אייביגער אפמאך צווישען מיר און צווישען דיינע קינדער".

מיר האבען יעצט ניט קיין משכן און ניט קיין בית המקדש, מיר קענען ניט מקיים זיין די מצוה פון קרבנות ברענגען, לויט דעם נוסח פון דער תורה.

אבער קרבנות ברענגען מיר, אומעטום וואו מיר זענען; וואו מיר וואוינען, זענען מיר מקריב קרבנות — מאדערנע קרבנות, גלות-קרבנות.

און דאס רוב קאסטען אונז די מאדערנע קרבנות פיעל טייערער ווי די ריכטיגע וואס מיר האבען אמאל מקריב געווען.

ארבע מיתות בטלו — דין ארבע מיתות לא בטלו.

דער מזבח איז בטל געווארען — דער דין פון אונזערע קרבנות איז אבער ניט בטל געווארען.

און אידען ברענגען נאך היינט די אלע קרבנות.

ווען זיי פארזינדיגען זיך געגען דער תורה און געגען נאציאן: ווען זיי פארלאזען די וועגען פון גאט און חנ'דלען זיך צו די בעלי בתים פון לאנד; ווען זיי בייטען איבער זייער הייליגע שפראך אויף די לאנדס-שפראך; זייער אלטע ליטעראטור אויף די ניי-מאדנע אלוועלטליכע; ווען זיי שאפען אפ דאס אידישע אלטע, אידעאלע פאמיליען-ריינקייט; ווען זיי בייטען אוים אונזערע שעהנע שבתים און ימים טובים אויף זייערע זונטאגס און חגאות; ווען זיי שאפען אפ דעם אידישען חנוך און לערנען דאס קינד אלעס וואס ס'איז ניט אידיש — און זיי מיינען, אז דורך אסימילאציע וועלען זיי פארלאזען זייער אידישען פנים און מען וועט זיי מעהר ניט דערקאנען אלס אידען. זיי וועלען ווערען לאמיר זאגען „מאדיארען", ווי עס חלומ'ען די אסימילירטע אידען פון אונגארן: אבער ווער נאך ווי זיי ווייסען בעסער פון דער סדרה קרבנות וואס מען ברענגט דערפאר?

די אידישע געשיכטע האט אנצוצייגען אונצעהליגע מאל, וואס אידען האבען צופיעל געזינדיגט און נאכהער פאר דעם באצאהלט מיט רדיפות און גירושים.

און דאס איז דער מאדערנער קרבן אשם.

דער איד איז פון נאטור ווייכהערציג. מיט דעם נאמען א „אידישער גזלן" ווערט באצייכענט דער יעניגער, וואס קען קיינעם קיין שלעכטס ניט טאהן.

און כל זמן דער איד האט געלעבט נארמאל, האט געצויגען זיין השפעה פון דער תורה און פון די אידישע סביבה — איז איהם איינגאנצען פרעמד געווען די עבירות פון „שפיכות דמים" און „רציחה", לויט ווי די גוים פארשטעהען עס; ענטזאגען אן ארימאן פון צו געבען א נדבה — האט געהייסען ביי אידען „א רציחה"; אויפרופען א שעהנעם בעל הבית איינם פאר „אחרון", ווייל ער איז א „יורד" געווארען, דאס האט געהייסען: איהם „שופך דם" געווען.

באזוכט אידישע צדקה חברות, וועט איהר זיך איבערצייגען ווי דאס געפיהל פון רחמנות איז נאך שטארק אפילו ביי די יעניגע וואס זיינען שוין היבש ווייט אוועקגעגאנגען פון דער טראדיציאנעלער אידישקייט.

באטראכט אין א שוהל ביים „אויפרופען דעם חתן" אדער א „בר מצוה" שבת ווי שנדר'ם פאלען פינפער און צעהנער דאלארם פאר פארשידענע אינסטי־טוציעס, פאר פארשיידענע פערזאנען. קאלעקטארם ווייסען, אז ביי א ברית־מילה, אויף א חתונה — דארט איז דער בעסטער פלאץ צו מאכען געלד, עס איז גוט אויפ'ן הארצען — דאנקט מען אפ גאט דערמיט, וואס גיט געלד אויף הייליגע צוועקען.

דאס זענען די „קרבנות תורה" די מאדערנע.

שטעהט א איד אין א סטאר, קוקט אוים פאר א קאסטימער — קיינער קומט ניט אריין. נויטיג דארף ער געלד: א גרויסער סטאק, טערמינען לויפען אן, מ'דארף צאהלען, אבער קיינער קויפט ניט.

ער טרייסט זיך: קיינער לייזט ניט.

עס קומט שבת, די סטאר איז פארמאכט. ער זעהט אלע סטארם זיינען פול, מען לייזט געלד. ער ווייסט, אז ביי איהם אין סטאר וואלטען אויך קאס־טימערם געווען, ער וואלט אויך געלד געלייזט און דאס וואלט האד איהם פשוט געראטעוועט — ווייל ער אבער ניט מחלל שבת זיין...

און וויפיעל געהען ארוים פון ביזנעס, ווייל זיי קענען שבת ניט האלטען אפען?

שווערע קרסנות, טייערע קרבנות, איז ער מקריב פאר זיין תורה.

דיזע קרבנות — דאס זענען דער מאדערנער „קרבן שבת" און דער „קרבן יום טוב."

און דאס אידישע בלוט גיסט זיך ווי וואסער. אומעטום, וואו ער זאל ניט וואנדערען, ווערט ער געפייניגט. ער ווערט פאגראמירט אין די פינסטערע ניט ענט־וויקעלטע מדינות און אויך אין די ליכטיגע, ציוויליזירטע מדינות — אומעטום ווערט ער געבראטען אויף דעם פייער, וואס רופט זיך „אידענהאס", אט דאס איז דער „קרבן תמיד", דער יעצטיגער, דער מאדערנער.

און גאט זאגט: זאג אז אהרן: אט דאס איז די תורה פונ'ם אידען. אט דיזע עולה וועט זיך שטענדיג ברענען, דער פייער פון מזבח וועט איהם שטענדיג ברענען און בראטען די גאנצע נאכט, די גאנצע צייט פון דעם פינסטערען גלות, ביז ער וועט דערציהען צו דער צייט פון דער אמת'ער גאולה...

כל הלילה עד הבוקר.

זה קרבן אהרן, דא לערענט אונז די תורה, אז א כהן, היינטיגע צייטען א רב, וועמען דאס פאלק דארף אויסהאלטען — אט אפילו אזא רב איז אויך ניט פטור פון געבען, וויל עס איז אויך פאראן א דין — „זה קרבן אהרן" — אהרן דארף אויך מקריב זיין א קרבן פאר זיך און זיין פאמיליע, אויך כהנים זיינען ניט פטור פון געבען.

כל חלב שור וכשב לא תאכלו — עסט ניט קיין חלב אפילו פון א כשר'ע בהמה, איבערהויפט פון א טריפה בהמה.

וויל פאר עסען טריפה און חלב, וואס קצבים פארקויפען אפטמאל פאר כשר — אט פאר אזא חטא קומט כרת, אבגעשניטענע יאהרען.

ווייסען דאס די טריפ'ניאקעס אז מיט דעם שטיקעל טריפה שמאלץ מיט וועלכעם זיי ווילען צוציהען א קאסטאמער, ברענגען זיי אויף זיך אפגעשניטענע יאהרען, אויב דער קאסטאמער ווייסט דאס ניט; און אויב דער לעצטער ווייסט אז ער קויפט ביי א טריפ'ניאק און דאך עסט ער זיין „כשר'ן" חלק, קומט איהם לויט דיזען דין אויך כרת...

דאס זעלבע ווערט געזאגט וועגען עסען בלוט. אונזערע שונאים זאגען, אז

אידען נוצען בלוט פאר רעליגיעזע צוועקען, בעת אונזער תורה פסק'ענט גאר כרת פאר סיי וועלכען בלוט עסען.

שמיני

קרב אל המזבח — זאגט משה צו זיין ברודער אהרן — געה צום מזבח און מאך פריהער דיין קרבן חטאת און קרבן עולה. דערמיט וועסטו מכפר זיין פאר דיר און פאר די אידען, וויל דער וואס וויל יענעם זאגען מוסר, דארף פריהער אליין זיין פריי פון זינד. נאכהער קענסטו מאכען דעם עולת העם און עס וועט ווירקען, לכפר בעדם, זיי זאלען דיך פאלגען און טאקע בעסער ווערען.

* * *

אלעס איז שוין פארטיג אפגעטאן: דער משכן אויפגעבויט, דער מזבח געהייליגט, אהרן דארף אינסטאלירט ווערען אלס א כהן גדול און משה — אלס דער מנהיג הדור. דאס פאלק דארף נאך זיין קרבן ברענגען, די מאראלישע השפעה אויף דעם כלל ישראל דארף קומען פון דעם איינציגען צענטער — פון'ם משכן.

דער משכן גופא ציהט זיין יניקה פונ'ם אידישען אחדות, די שכינה רוהט נאר דארט, וואו די משה'ס, די אהרנ'ס זענען פאראייניגט מיט די אידישע פאר־שטעהער — די זקני ישראל. אלע צוזאמען פארמירען די איינהייט, וואס עס מאכט ראוי „עס זאל זיך אויף זיי באווייזען דער כבוד פון גאט".

יעצט איז געקומען די צייט זיך מכין צו זיין אין וועג צו ארץ ישראל, דאס לאנד, וועלכע איז צוגעזאגט געווארען צו די אבות. דאס פאלק האט שוין איהר גייסטיגען צענטער, וואס איז באליעבט און געהייליגט ביי אלעמען: עס האט גוטע פעהיגע פאלקס־פארטרעטער, באשטימט פון גאט אויף זיך, וואס לעבען צווישען זיך ווי ברידער, גוט פריינדליך, יעצט פעהלט קיין זאך ניט, ווי נאר צו געהן און „איינגעהמען" דאס צוגעזאגט לאנד און זיך באזעצען רוהיג איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו.

אזוי האט געדענקט משה, אזוי האט געדענקט אהרן, אזוי האבען אויך גע־דענקט אלע אידען.

נדב ואביהו — יונגע מענשען, פול מיט ענערגיע און קדושה האבען געפיהלט אין זיך גענוג מוט און אונטערנעהמונגס־גייסט צו זיין די מנהיגי הדור.

אין אלגעמיין איז אזא וועלען צו ארבייטען פאר'ן פאלק — געווים א הייליגע און א נוצליכע זאך, און ניט וועלען, נאר מען דארף טאקע ארבייטען מיט אן אמת און מיט אלע כוחות דערפאר.

געוועזען אמאל צייטען וואס אידען האבען געגלויבט אז נאר דורך תורה לערנען

וועט מען ערא'בערען דאס לאנד, פאראן נאך היינט אויך א סך אזעלכע: אבער די מעהרערע יונגעליים האלטען פון'ם מדרש וואס זאגט „ויקץ יעקב משנתו — ממשנתו, ד.ה. יעקב האט אמאל געדארפט זיך אויפכאפען פון'ם שלאף און ווערען אקטיוו, באנוצען די פיס צום געהן און די הענט ארונטערצוקייקלען די שווערע שטיינער פון'ם ברונים. מיט גאט'ס הבטחה אין קאפ און מוטה אין הארצען קען מען די שווערסטע שטיינער באזייטיגען. ווען דער אלטער יעקב טוט אזוי און איז מצליח שרייט ער אוים פארוואונדערט: „אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי" — איך האב ביז איצט גאר ניט געוואוסט אז אויך אין דעם וועג איז פאראן גאט.

אז די ערהאבערונגס ארבייט קען געטאן ווערען דורך פארשיידענע מעטאדען ווייזט די הנהגה פון יהושע. דער זעלבער וואס האט געקעמפט מיט'ן שווערד אקעגען די 31 מלכים האט געשלאסען שלום מיט די גבעונים, מאכענדיג זיי דערמיט האלצהעקער און וואסער־שעפער פאר אידען...

ווי געזאגט: עס איז קיין עבירה ניט, ווען יונגע, פעהיגע מענשען וואס ארבייטען פאר'ן פאלק, ווילען זיין מנהיגים — ווען דאס וואלט געטאן געווארען על טהרת הקודש.

עס ווערט אבער שעדליך ווען דיזע יונגעליים פאנגען באלד אן צו טראכטען: מתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה ננהיג את הדור — ווען וועלען שוין די צוויי זקנים שטארבען אום איך און דו זאלען ווערען די פאלקס־פיהרער.

לויט די רייד פון מדרש ווערען זיי אויך נכשל אין אלגעמעם: נכנסו לפני ולפנים, הקריבו קרבן שלא נצטוו. לא נטלו עצה זה מזה. אש זרה מבית כירים הכניסו.

מערקט אייך גוט. די בני אהרן האבען געזיים געזינדיגט אין אזעלכע קליינע עבירות, וואס פאר אונז וואלטען זיי נאך קיין עבירות ניט געווען. מיט צדיקים איז הקב"ה מדקדק כחוט השערה.

אבער א תוכחה לדורות איז פון דעם פאר אונז געבליבען. ניט איין שמחת־המשפט ווערט פארשמיצט. ניט איין נאציאנאלער בנין ווערט דורך דעם רואינירט.

אונזערע „בנים", וואס זיינען זיך מתקנא אין די „זקנים", ווען זיי האפען און שטרעבען און ווארטען, ווען וועלען שוין שטארבען דיזע זקנים", וואס נאך זייער מיינונג שטעהען זיי אין וועג. און ניט קענענדיג דערווארטען זיך הויבט מען אן אינטריגירען הינטען ארום מיט שטילע פאליטיקס — „לפני ולפנים" ארבייט. דאן ווערט מען פלוצלינג פרום, צו פרום, מ'איז זיך כלומרשט מקריב „לטובת היהדות". א אפערציע — די זקנים קימערט דאס ניט — קרבן שלא נצטוו, קרבנות, וואס קיינער פארלאנגט פון זיי ניט. דאן פאלגט דאס מאכען פון א באזונדער קלייזעל פאר זיך אליין ניט קוקענדיג אויף די שעדליכע רעזולטאטען — ולא נטלו עצה זה מזה. און דאס פאלק פאנגט אן צו פארשטיין, אז דיזער פייער קומט ניט פון הימעל. דער ברען איז ניט פון דעם מקור הקדושה, דער פייער איז — אש זרה מבית כירים הכניסו — א פרעמדער, נידעריג ענגא־

איסטישער פייער, וואס קומט פון „קיר", וואס איינער איז מקנא דעם צווייטענס „קיר", דעם צווייטענס פרנסה.

און דיזער „פרעמדער פייער" שאדעט דאס רוב, ניט דעם „משכן", נאר די פייער ברענגער זעלבסט — זיי אליין ווערען פארברענט.

און גאט זאגט צו אהרן און צו זיינע קינדער: ראשיכם אל תפרעו ובגדיכם לא תפרמו — איהר דארפט אויף נדב ואביהו ניט פיהרען קיין אבילות, זיי זיינען געווים הייליגע און זייער עבירה איז אויך זעהר קליין און עדעל, אבער ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה — פאר אידען וועט דאס זיין א בכיה לדורות, אויף שטענדיג.

דיזער פייער וועט האלטען אין איין ברענען און וועט פאראורזאכען חורבונות און פארוויסטונג אינ'ם אידישען פאלק.

א פייער, א ברען אין אידישקייט איז גוט און נוציך — אבער דאס זאל זיין אן אש של מעלה!

נדב און אביהוא, אהרנ'ס צוויי קינדער, ווילען נאכמאן דעם טאטען, און זענען מקריב קרבנות וואס מ'הייסט זיי ניט, „אשר לא צוה אתם", און ברענגען אריין אין אוהל מועד אש זרה, פרעמדע פייערען, און פיעלע קינדער פון פיינע עלטערען טוען זיי היינט נאך. אנשטאט צו ברענען חנוכה ליכט, ברענען זיי גאר קריסט־מעס בוימער, „אש זרה" — פרעמדע פייערען.

ניט קיין קרבנות ברענגען דיזע קינדער, זיי ווילען פאר זייערס א פארגע־ניגען מקריב זיין די עלטערען מיט זייער גאט. אבער זיי ווילען ניט געבען א קרבן פון טאלעראנץ, פון דרך ארץ. ניין, קיין קרבנות ברענגען זיי ניט, נאר זיי ברענגען גאר „אש זרה" — פרעמד פייער, פרעמדע מנהגים, פרעמדע טראדיציעס, פרעמדע גלויבענס, צום פייער פון געטליכקייט קומען זיי ניט צו, וויט פון אלע, וואס שמעקט נאר מיט געטליכקייט, האבען זיי מורא ווי פאר פייער, אבער פאר דעם „אש זרה" האבען זיי דוקא קיין מורא ניט. אדרבא, זיי שפרינגען אהין פריי־וויליג.

פון פרעמדע יום טובים קומען פרעמדע זיטען, פרעמדע געמישטע הייראטען, און דער אש זרה פארצעהרט אלץ מעהר און מעהר פון אונזער יוגענד.

משה זאגט דאן צו אלצפן און מישאל, די קינדער פון עזיאל: טראגט ארויס אייערע ברידער פון'ם הייליגען פלאץ אויסער דער מחנה ישראל, האט ניט קיין פארקעהר מיט יענע, וואס ברענגען אין אונזער מחנה פרעמדע פייערען.

און דו, אהרן, און דיינע קינדער, „הנותרים", די איבערגעבליבענע, רייסט זיך ניט די האר און מאכט זיך ניט דעם טויט, „ראשכם אל תפרעו ולא תמתו", ווייל ווען איהר וועט דאס טאן, קען זיין, אז „ואחיכם כל בית ישראל יבכו", אלע אידען וועלען האבען טענות צו גאט, דאס הייסט זיי וועלען גאר סימפאטיזירען מיט די פארברענטע, און דאס וועט ברענגען דאס „ועל כל העדה יקצוף", גאט וועט ברוגז ווערען אויף דער גאנצער עדה. טו דאס ניט, ווייל פון דיר, פון א אי...

דישען פיהרער, ווערט ערוואַרטעט אַז „בקרבי אקדש" — דורך אייך דאַרף איך, גאָט, פאַרהייליגט ווערען.

צו פאַרהיטען מ'זאָל אויף אייך קיין טרויער ניט זעהן, געהט ניט אַרויס פון „אוהל מועד", און פאַרגעסט ניט אַז איהר זענט גאָט'ס געזאַלבטע, „כי שמן משחת ד' עליכם".

און אהרן מיט זיינע קינדער האָבען אויסגעפאָלגט.

„את זאת תאכלו". די תורה רעכענט דאָן אויס אַלע כשר'ע און טמא בהמות, חיות, עופות און פיש וועלכע מיר מעגען און וועלכע מיר טאָרען ניט עסען, און אפילו אָזעלכע וואָס מ'טאָר ניט אַנריהרען.

די סמנים זיינען ביי בהמות — מעלה גרה, די וואָס קייען איבער עטליכע מאָל, און געשפּאָלטענע קלועז. אָט די זענען כשר, און די וועלכע עס האָבען ניט דיעזע סמנים אָדער בלויז איינעם פון זיי, זענען טמא. מיר טאָרען עס ניט עסען; נאָר אַ חזיר טאָר מען אפילו ניט אַנריהרען. פון די טמאים וואָס האָבען נאָר איין סימן, איז דער חזיר דער איינציגער, וואָס האָט בלויז געשפּאָלטענע קלוען, כדי ער זאָל קענען וויַיזען אַז ער איז כשר (רעפאָרמער גלויבען איהם טאַקע).

אָבער אַ „מעלה גרה" קען קיין חזיר ניט זיין, וויַיל אַ „דבר אחר" פאַרגינט זיך אפילו דאָס עסען אויך ניט, און ווייל נאָך ווייזען אַז ער איז גערעכט, אַז ער איז כשר. אַנדערע בהמות נעהמען דעם קריסטליכען האַטעל־קיפּער'ס וואָרט דאַפיר, ווען עס קומט צו אַ „העם סענדוויטש"...

תזריע־מצורע

די תורה איז אן אייביגע, ווי איהר באשעפער, און דערפאר ווערען איהרע געזעצען קיינמאל ניט בטל. אויב זיי פארלירען זייער באדייטונג מיט'ן אנקום פון נייע צייטען, געפינט מען אין זיי א באהאלטענעם פשט, און אזוי ארום ווערען זיי צוגעפאסט אויך צו דער נייער צייט.

די דינים פון נגעים זענען היינט בטל, אבער זייער באדייטונג עקזיסטירען נאך היינט אויך אזוי גוט ווי דאן.

די סימנים פון טומאה זענען געווען: ווייסע האר, פארגרעסערונג און א טיפקייט אין פלייש. נגעים האבען געקענט זיין אין קאפ, אויף'ן לייב, אין בגדים און אין הייזער.

מיר האבען היינט אויך נגעים, וויטאגען: ווער אויף'ן לייב — געקומען פון סעקסועלער פארהארבענקייט; נגעים אין קאפ — פון שעדליכע דעות, פאלשע לערעס, און נגעים אין בגדים — איבערהויפט ביים פרויען־מין; נגעי בתים — הויז־צרות, צווישטיגקייטען צווישען זון און פאטער, מוטער און טאכטער.

בדרך כלל אבער דארף דער כהן — היינט, דער פיהרער — באטראכטען דעם נגע און מאכען זיין ריכטיגען דיאגנאז. א נגע וואס קומט פון לייכטזיניגקייט, פון „סטייל״, פון אויבערפלעכליכקייט אין לעזען — איז נאך ניט אזוי געפערליך. מ'קען נאך האפען, אז אין די מיטעל־יאהרען, ווערענדיג געזעצט, אפגעקיהלט, וועט דער נגע פארשווינדען. אבער די נגע פון דעם דאזיגען סארט דארף וואס א יאר שפעטער אלץ קלענער ווערען. אויס עס ווערט גאר פארגרעסערט, איז א סימן, אז די נגע איז אריין „טיף״ אין לייב און די קוראציע איז שוין ניט אזוי זיכער. ווער שמועסט אז עס באווייזען זיך שוין „ווייסע האר״, דער מנוגע שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, און דאך איז ער נאך דער זעלבער, אזעלכע מעג שוין דער כהן אויפגעבען — ער פארבלייבט א טמא אויף שטענדיג.

וטמא, טמא יקרא — דאס איז א נייער סארט נגע: אויסצוקוקען און אויסצו־נישטערען פרעמדע עבירות, ארויסטראגען זיי אין דער עפענטליכקייט און יענעם באהרעדען און באשמוצען — וויסענדיג בעת מעשה, אז ער, דער באריידער אליין, איז ניט ריין פון יענע נגעים. אט אזא טמא שרייט כסדר „טמא״, אום קיינער זאל ז י י ן טומאה ניט באמערקען.

זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן: פאראן א סך מענשען וואס ווייסען פונ'ם כהן און ווילען ניט וויסען פון וואנען ער לעבט, צי האט ער פרנסה, צי ליידעט ער ניט פון הונגער. ערשט דאן הויבט ער אן צו

זוכען דעם כהן, ווען ער ווערט געשטראָפט מיט אַ נגע, אַ „טראָבעל" הן אין פינאַנציעלע הן אין פאַמיליע אַנגעלעגענהייטען — ערשט דאַן קומט ער צום כהן, איבערגעוואַלד קומט ער!

* * *

תזריע און מצורע געהען צוזאַמען, ווען עס איז ניט קיין עיבור־יאָהר.

די אורזאַכע מוז זיין, ווייל „תזריע" האָט מעהרסטענס צו טאָן מיט „טהרת המשפחה", און די אורזאַכען אָדער פאָלגען פון ניט אָפּהיטען, ליגט מעהרסטענס אין די קליידער, וואָס זענען מיט נגעים, אָדער די הייזער, וואָס דאָרט ליגט די מכה, אָדער נגע פון ניט אָפּהיטען טהרת המשפחה, און אַ געלעהרטער, אַ כהן, דאַרף קומען און אונטערזוכען דאָס הויז און קליידונג.

קומט די צווייטע סדרה — מצורע — און דערצעהלט אונז פון די לייטע, וואָס ווערען מצורע, מיט באַהאַלטענע און אָפענע מכות, מיט נגעים פאַר ניט אָפּהיטען די טהרת המשפחה. ניט איינער פון אונזערע מאָדערנע יונגע לייט פאַרשמוצט זיין הויז פון ניט אָפּהיטען די פאַמיליע ריינליכקייט.

יאָ, עס איז מעגליך, אַז די קליידונג האָט פיעל צו טאָן מיט אריינבּרענגען מענער צו פאַרברעכען געגען דער טהרת המשפחה. דאָס הויז איז זיכער אַ מעקלער דערביי: ווי אַזוי איהר האַלט אייער הויז, אַזוי קענט איהר ערוואַרטען עס זאָל האָבען אַ ווירקונג אויף אייערע קינדער.

דאָס זענען ווערטער, אין וועלכע יעדע פאַמיליע מעג זיך אריינטראַכטען.

יאָ, דיביידע סדרות פון תזריע און מצורע געהען האַנט אין האַנט, און זענען טאַקע באַרעכטיגט צו געהן צוזאַמען.

איי פאַר וואָס זיינען זיי צוטיילט אין אַ שנת מעוברת?

ווייל דאָ, וואו מען דענקט פון „מע ובּרת" קומט ניט צו דער סדרה פון מצורע . . . . . .

אחרי־מות

נאָכדעם ווי אהרן'ס צוויי קינדער זיינען געשטאָרבען פאַר'ן ברענגען „אש זרה" צום מזבח, זאָגט גאָט צו משה'ן:

— זאָג דיין ברודער אהרן, „ואל יבוא בכל עת אל הקודש", ער זאָל ניט פאַרברענגען זיין גאַנצע צייט ביים „קודש" „ולא ימות", כדי ער זאָל ניט זיין ווי אַן אָפּגעשטאָרבענער.

א רעליגיעזער פיהרער האָט ניט קיין רעכט צו דענקען אַז זיין צייט מוז פאַרבראַכט ווערען אין שוהל אָדער ביי א פּרק משניות, אין דעם דאַרף ניט באַשטעהן זיין גאַנצע „עבודה". א רעליגיעזער פיהרער דאַרף זיך פאַרנעהמען מיט קהלה אַרבייט, און איבערהויפּט מיט אידישע קינדער ערציהונג, כדי די קינדער זאָלען ניט ברענגען „אש זרה" צום אידישען מזבח.

„כי בענן אראה על הכפורת" מיט אַזאַ האַנדלונג ווערט דאָס הייליגקייט פאַרוואָלקענט, די ערציהונג ווערט פאַרנאַכלעסיגט.

ואל יבא עת אל הקודש מבית לפרוכת. — אויף די פאַרצייטיגע רבנים ווערט דערציילט: ווען אַ פרוי איז געקומען פרעגען א שאלה אויף אַ טעפּעל אָדער אַ לעפעל, פלעגט געדויערען אַ לאַנגע צייט איידער זי האָט אַן ענטפער באַקומען. דער רב פלעגט דורכבלעטערען פיעל ספרים איידער ער האָט דעם ענטפער אַרויסגעזאָגט. דאָס גלייכען ווען מען פלעגט דאַרפען אַ שטאָדט מגיד זאָל זאָגען ערגעץ־וואו, פלעגט מען איהם אַנזאָגען מיט עטליכע טעג פריהער, כדי ער זאָל האָבען צייט זיך „מכין" צו זיין.

היינט זענען די מאָדעס אויסגעגאַנגען. דער וואָרט „כשר" אָדער „טריף" ווערט אַרויסגעזאָגט מיט איין אָטעם, אָהן ישוב הדעת, אָהן איבערלייגונג. דאָס גלייכען די פּאָלקס רעדנער, זענען פאַרטיג צו „דעליווערען אַ ספּיטש" צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגענהייט. אין־איין־און־דעם־זעלבען טאָג זאָגט ער אַ הספד, זאָגט ער אונטער א חופּה, אַדרעסירט ער אַ מיטינג און „רעדט" אויף אַ גאָלדענער חתונה. ער איז שטענדיג „רעדי", ער דאַרף ניט קיין הכנות....

זאָגט די תורה: ואל יבא בכל עת אל הקודם, צו הייליגקייט קאָנסטו ניט קומען אומגעריכט צו יעדער צייט. אויב דאָס הייסט ביי דיר אַ הייליגע עבודה, דאַרפסטו האָבען הכנות, ישוב הדעת און כונות: אויב דו קומסט אָבער אַריין אין דעם הייליגטום צו יעדער צייט, איז אַ סמן, אַז דו פיהלסט גאַרניט, דו לעבסט ניט איבער די זאַך, דו רעדסט נאָר דיינע ווערטער מן השפה ולחוץ, אָהן געפיהל און אָהן לעבען — דו ביזט אַ געשטאָרבענער.

ואל יבא בכל עת אל הקודש. — אנגעוואונקען אויף פארשידענע מענשען. וואס ווילען זיך אונטערפוילען ארויסצונעהמען א דאלער פון קעשענע אויף צדקה אונטער'ן אויסרייד: „איך האב מיינע אייגענע צרות". ער וועט אייך טאקע באלד אויסרעכענען א גאנצען צעטעל מיט אריםע קרובים, וועלכע ער זאל האבען כלומרשט אונטערשטיצט. מאנכע ווילען אפילו אזוי ווייט אויך ניט גיין. זיי זאגען פשוט, אז זיי האבען צו „סופארטען" א פרוי און קינדער און דאס איז גענוג. ער וועט נאך ברענגען א ראיה פון דער גמרא אין כתובות, וואס זאגט אויף'ן פסוק „עושה צדקה בכל עת", זה המפרנס בניו ובנותיו שהם קטנים.

זאגט אן די תורה: דער תירוץ „עושה צדקה בכל עת", איז ניט קיין ריכ־טיגער. ואל יבא „בכל עת" אל הקודש, מיט דיזען תירוץ „בכל עת" זאל ער ניט קומען צו דער הייליגקייט, אזא „עקסקיוז" איז ווייט, זייער ווייט פון קדושה...

כי בענן אראה על הכפורת. א תלמיד חכם דארף האבען אביסעל גאוה אין זיך: ניט כדי צו שטאלצירען נעגען דעם פראסטען מענשען, נאר אום זיך ניט צו צייגען קליינליך, נידעריג, פאר'ן פשוט'ן עולם. האבענדיג די גאוה, וועט ער זיך ניט ערלויבען צו צייגען מיט זיינע שוואכקייטען פאר'ן המון. און דאס וועט איהם האלטען אויף א געהעריגער הויכקייט: זיין מויל זאל זיין ריין פון שקרים און פון פאלשקייט; דאס וועט איהם אפהאלטען פון צו באגעהן עולות פאר געלט א.ד.ג.

און זאגאר דער, וואס איז אינגאנצען ריין פון חסרונות, מוז אויך זיין פאר־דעקט פון'ם המון'ס אויגען, ווייל דער המון פארהייליגט דאס, וואס ער זעהט ניט. זעהט ער עס יא, ווערט ער דערמיט איינגעוואוינט און הערט אויף צו רעספעקטירען.

דער געדאנק ווערט אויסגעדריקט אין שופטים ביים מנוח'ן, אין די ווערטער „ולא יסף מלאך ה' להראות אל מנוח ואל אשתו, אז ידעו כי מלאך ה' הוא", דאס מיינט: כל זמן דער מלאך האט גערעדט מיט זיי, איז געשטאנען נאהענט צו זיי, האבען זיי איהם באטראכט בלויז פאר א גרויסען מענשען; אבער ווען ער האט זיך שוין מעהר ניט באוויזען צו מנוח'ן און זיין פרוי — ערשט דאן האבען זיי איהם אנגעפאנגען באטראכטען פאר א מלאך.

דער בורא ברוך הוא איז אן עניו און איז בתכלית השלמות — און דאך איז ער פארבארגען, קיין מענש קען איהם ניט זעהן. כי לא יראני האדם וחי — זאגט דער בורא, כאטש אלס באשעפער האט ער דאך געקענט באשאפען דעם מענשען מיט דער נאטור ער זאל אים יא קאנען זעהן? נאר אנצעווייזען, אז אזוי איז שוין דער מענש: צו רעספעקטירען און טייער האלטען דאס, וואס עס איז פאר־דעקט פאר איהם.

און אויב ביים בורא, וואס האט ניט קיין שוואכקייטען חס ושלום, איז אזוי — אפשיטא שוין ביי א תלמיד חכם, וואס האט יא חסרונות, אז ער טאר ניט זיין צופיל צוגעלאזט צום פשוט'ען מענשען.

און אום אנצעצייגען דעם מנהיג הדור ווי ער זאל זיך פיהרען, האט אהרן באקומען די אזהרה „ואל יבא בכל עת אל הקודש", ניט צו יעדער צייט קאנסטו אריינקומען אין קודש הקדשים, עס מוז זיין א מחיצה פון מדרגה ביז מדרגה, כי בענן אראה על הכפורת, ווייל איך בין פארשטעלט און פארדעקט אין א וואלקען.

וואו קיין מענשליך אויג קאן ניט אריינדריינגען, כאטש קיין חסרנות איז ביי מיר ניט פאראן. אזוי זאלסטו אויך טאן.

בזאת יבא אהרן אל הקודש. — אויף די ווערטער „ותשובה ותפלה וצדקה" איז אנגעשריבען מיט קליינע אותיות „צום, קול, ממון". יעדער ווארט באטרעפט 136. אלע צוזאמען — 408, אזוי ווי עס באטרעפט דער ווארט „זאת".

דאס צייגט, אז מיט „צום" אליין קען מען קיין גוט יאהר ניט אויסבעטען פאר זיך און אויך ניט מיט „תפלה", וואס איז באצייכענט מיט'ן ווארט „קול", און אפשיטא ניט מיט צדקה אליין, וואס איז באצייכענט מיט'ן ווארט „ממון", נאר מיט אלע דריי זאכען צוזאמען ווען מען קומט פאר'ן יום הדין, קען מען האפען צו פועל'ן עטוואס.

זאגען אידען אין „לדוד אורי": אם תקום עלי מלחמה, ווען עס שטעהט אויף א מלחמה קעגען מיר, „בזאת אני בוטח", האב איך בטחון, אז מיט די אלע דריי זאכען, וואס זענען אריינגענומען אין'ם ווארט „זאת" — 408 — וועל איך וואס אויסבעטען.

און דאס איז וואס די תורה זאגט: „בזאת" יבא אהרן אל הקודש.

(חנוכת התורה).

וכל אדם לא יהיה באוהל מועד בבאו לכפר בקודש. — נאכמעהר ווי מ'האט די הזהרה געדארפט צו האבען דאן, דארף מען עס האבען איצט.

וויל דער רב פון שוהל היינט רעדען מכח חילול שבת — קען ער ניט, ווייל קעגען איהם זיצען שעהנע בעלי בתים, זיינע ברויט-געבער, און וועמען ער איז אפהענגיג, און זיי זיינען מחללי שבתות. וואלט ער וועלען רעדען מכח די קארגע, וואס לאזען זיך ניט קאסטען אויף צדקה, זעהט ער פאר זיך מענשען, וואס וועלען געטראפען ווערען פון זיינע רייד — און איהם וועט שוין קיין צרות ניט פעהלען... אין קורצען: וואס ער וויל רעדען, ווארפט ער א בליק אויפ'ן עולם — און ער מוז שווייגען. מוז ער רעדען „פארעווע" רייד, וואס מיינען גאר ניט און באדייטען גאר ניט. זעלבסטפארשטענדליך, אז אזא דרשה איז גאר ניט...

זאגט די תורה צו אהרן און מיינט אלע מנהיגים בכלל: וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש, זאל קיינער ניט עקזיסטירען ווען ער שטעהט דארט לעבען דער הייליגקייט. קוק ניט ווער עס זיצט אין שוהל אויף די „סיטס", שטעל זיך פאר, אז קיין מענש איז ניטא, דו רעדסט צום בורא אליין, דאן וועלען דיינע דרשות האבען א לעבעדיגען אינהאלט...

דער רעליגיעזער פיהרער דארף אויך וויסען אפצוטהיילען, ווער עס איז אן אמת'ער איד, און ווער עס איז א טריפה'ניאק, דעם ערשטען „ערקלעהרען לד'", פאר גאט און דעם טריפה'ניאק אבטהיילען „לעזאזל המדברה".

* * *

פיעלע ברענגען זיך קשיות, אין באצוג צו קרבנות, און דענקען אז דאס איז ניט קיין אידישע מידה, ווייל מיר, וואס גלויבען אין דער אמת'ער געטליכקייט, מוזען וויסען, אז גאט דארף ניט קיין קרבנות, „למה לי רוב זבחיכם יאמר ד'", איך דארף ניט אייערע קרבנות, זאגט גאט דורך זיין נביא. טא צו וואס די אלע דינים וועגען קרבנות?

און אט איז דער ענטפער:

ווער עס דארף קוילענען מוז עס ברענגען „אל פתח אהל מועד״. נור ביים אוהל מועד מעג שחט׳ן, כדי „ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זונים אחריהם.״

כדי זיי זאלען ווייטער נים שחט׳ן און מקריב זיין קרבנות צום „טייפעל״ וואס דער צוועק איז נור זנות.

עס ווייזט אויס, אז דאס פאלק האט זיך נים געקענט אפגעוואהנען פון דעם וואס זיי האבען געלערנט ביי אנדערע פעלקער צו ברענגען קרבנות, און מ׳האט זיי געמוזט שאפען א גאנצען ספר מיט דינים איבער קרבנות, און פארבאטען צו קוי־לענען א בהמה אויסער דעם אוהל מועד, כדי זיי זאלען ווייטער נים פרובירען נאכ־טהון די געצענדינער, וועלכע האבען נים נור מקריב געווען בהמות, נור אפילו אייגענע קינדער און עלטערען.

א צווייטע כונה: אז אידישע קרבנות — אט יענע מענשליכע קרבנות, מיט וועלכע אונזער היסטאריע איז פול — דארפען געבראכט ווערען נאר אויפ׳ן מזבח פון אידישער טראדיציע, איינהייט און כלל.

יעדעס לאנד האט איצט אידען וואס זיינען זיך מקריב פאר א געוויסען אידעאל; אין רוסלאנד ווי אין פראנקרייך און אומעטום האבען אידישע יונגע־לייט געשמירט די רעוואלוציע־רעדער מיט זייער בלוט. אבער יענע קרבנות זיינען „שחוטי חוץ״ — געשאכטען ווייט פון אידישען אוהל מועד, געשאכטען און מקריב געווען פאר פרעמדע טייוואלים, (שעירים) און אויף זיי זאגט די תורה: זיי זאלט איהר זאגען, אז יעדער מענש פון די בני ישראל וואס וועט מקריב זיין א קרבן און איהם נים ברייננגען צום טהיר פון אהל מועד — האט ער בלויז בלוט פארגאסען, זיין נאמען וועט נים ערשיינען אין דער היסטאריע צווישען די קדושים, פארקערט, „ונכרתה הנפש ההיא מקרב עמיה״, ער ווערט גאר אן אפגעריי־סענער פון זיין פאלק... איך זאג דיר דאס אן, כדי אידען זאלען מעהר זייער בלוט נים מקריב זיין פאר פרעמדע „שעירים״ נאר פאר׳ן אייגען פאלק און אייגענע כלל אינטערעסען.

* * *

פיהרט זיך נים אזוי ווי די מצרים, און טהוט נים נאך זייערע שמוציגע מעשים, זייט נים קיין נואפים ווי זיי.

און דא פאלגט א צעטעל פון נאהענטע קרובים מיט וועלכע עס איז פארבא־טען צו לעבען אלס מאן און פרוי.

איהר זענט ארויס פון מצרים, דארט האט איהר נאכגעטהון וואס איהר האט געזעהן ביי די „תועבת מצרים״ אבער יעצט האט איהר א תורה, דארום „אל תטמאו בכל אלה״, פאראומרייניגט אייך נים מיט זייערע מעשים, ווייל אזוי פיהרען זיך די פעלקער וועלכע איך פארטרייב צוליעב אייך פון׳ם לאנד, זעהט אז דאס לאנד אין וועלכען איהר קומט, זאל אייך אויך נים אויסשפייען ווי עס האט געטהון מיט יענע פעלקער.

„ושמרתם את משמרתי״ — היט אפ אלעס וואס איז געשאפען געווארען מיט׳ן צוועק אייך אפצוהיטען, פיעלע געבאטען און אפשר אויך די קרבנות זיינען געשא־פען געווארען כדי זיי זאלען אייך אפהיטען פון פארברעכערישע טהאטען. די אלע פארבאטען זיינען א „משמרת למשמרת״.

היט דעריבער אלע חוקים, וועט איהר אייך נים מטמא זיין, און איך וועל קענען זיין אייער גאט.

קדושים

קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם, איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו. אין דעם מענשענ'ס באשאפונג האבען זיך באטייליגט דריי שותפים: גאט, פאטער און מוטער, און יעדער האט אין איהם איבערגעלאזען זיין כאראקטעריסטיק: דער פאטער, זיין פראקטישקייט, דעם ווילען צו ארבייטען, פארדינען און שפארען. פון דער מוטער האט דער מענש גע'ירשנ'ט סענטימענטאליטעט און קלות הדעת — ספעציפיש פרויענשע אייגענשאפטען. דערפון שטאמט די נטיה זיך אויסצורימען, אויסצופיינען און זיך וועלען אויסגרויסען קעגען אנדערע. פון גאט'ס טייל האט ער באקומען זיין פארשטאנד, דענקונג'ס קראפט, ענטציקונג פאר שעהנקייט, קונסט, פרייד פון טאהן גוטס און געוויסענסביסע אפטהוענדיג א פארברעכען.

זאל דער מענש האבען נאר דעם חלק פון גאט וואלט ער געווען מיט גאלע מעלות, א מלאך. די איינגעבוירענע חסרונות קומען פון די איבעריגע 2 חלקים.

ווינקט עס אן די תורה אין די אויבענגעבראכטע פסוקים: קדושים תהיו, איהר דארפט זיין הייליג, כי קדוש אני ה' אלקיכם, ווייל איך בין אויך הייליג — דער חלק באזיצט די זעלבע אייגענשאפט ווי דאס גאנצע אבער „איש", דו אלס מענש, „אמו ואביו תראו" דארפסט מורא האבען פאר'ן חלק פון טאטע מאמע, ווייל נאר צו זייער צד זיינען די גורמים פון די נאטירליכע פעלערען.

איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו — א געזונטער מענש הייסט יענער וואס איז געזונט אויף אלע גלידער, אויפ'ן הארץ ווי אויף די הענט. א געפעלערטער איז יענער ווענען עס פעלט אדער איז קראנק אויף איין איבר — מעג ער זיין געזונט אויף אלע איבעריגע גליבער.

מיר האבען האנט־אידען און הארץ־אידען. די ערשטע זענען יענע וואס גיבען צדקה, און די צווייטע, וואס האבען „גאט אין הארצען". די ערשטע מיינען, אז מיט'ן געבען זענען זיי שוין יוצא פאר גאט, און די צווייטע, אז מיט'ן גלויבען האבען זיי שוין אפגעטאן זייער חוב צו דער תורה.

זאגט דער פסוק צו די ערשטע: פתח תפתח את ידך — עפען דיין האנט צו געבען צדקה, אבער „ואל ירע לבבך בתתך לו", זאל דיין הארץ ניט ווערען שלעכט, מיינענדיג אז נאר אין גוטע הענט ליגט אידישקייט. דער אמת איז,

אז א ריכטיגער איד מוז האבעןביידע מעלות: אז אפענע האנט און ניט קיין שלעכט הארץ.

און דאס ווינקט אויך דא אן די תורה, זאגענדיג: איש, אמו ואביו תיראו — דאס איז דער צייכען פון גוטסקייט צווישען מענש און מענשען: אבער ואת שבתותי תשמרו, אויך די שבתים זאלט איר היטען, וואס צו גאט און וואס צו לייטען — ערשט דאן וועט איר ווערט זיין צום טיטול קדושים".

* * *

און גאט זאגט צו משה'ן, ער זאל רעדען צו די בני ישראל און זיי זאגען אז זיי זאלען זיין הייליג, ווייל גאט איז אויך הייליג.

ווי אזוי קען מען ווערען הייליג?

האט מורא פאר אייער מוטער און פאטער און היט אפ דעם שבת.

מאכט זיך ניט קיין געטשקעס, פון אלעם וואס קומט אייך צו האנד.

און ווען איהר שח'ט שלמים טהוט דאס צו אייער ווילען, און דענקט ניט אז איך דארף דאס — דאס איז נור ווייל „לרצנכם תזבחהו" — איהר ווילט דאס...

צווישען זיך האט רחמנות אויפ'ן ארימאן, ווען איהר שניידט אפ די תבואה פון אייערע פעלדער, לאזט איבער פאר'ן ארימען און פרעמדען.

גנב'עט ניט פון ארימען, פארלייקענט ניט און זאגט ניט קיין פאלשע עדות.

שווערט ניט ביי מיין נאמען צו אלע אייערע פאלשקייטען און פארשוועכט ניט דערהמיט מיין נאמען.

ארבייט ביי אייך אן ארבייטער זאל איהם ניט ווערען טונקעל אין די אויגען ביז ער דערזעהט זיין לוין.

יעצט קומט אן אנזאג פאר די רבנים!

טהו ניט קיין אומרעכט ביי א משפט, ארים און רייך זאל ביי דיר קריגען גלייכע גערעכטיגקייט. האסטו א געמיינדע, חנפ'ע זיך ניט צו די מעמבערס, ווייל דערמיט וועסטו געשטרויכעלט ווערען מיט רכילות. לא תלך רכיל בעמך. פיהר ניט קיין רכילות אין דיין געמיינדע, און פארגים ניט דאס בלוט פון דיין קאלעגע, און האב איהם ניט פיינד אין הארץ, און טראג איהם ניט נאך קיין זינד.

און צו אלע אידען:

פארשוועכט ניט אייער טאכטער זי אוועקצוגעבען צו א מאן, וואס מיינט נור צוליעב זנות. דעם סמן קענט איהר האבען „את שבתותי תשמרו".

דער מענש ארבייט די גאנצע וואך און טהוט אפטמאל זאכען געגען זיין רצון.

אבער שבת ווען ער איז פריי פון דער ארבייט, קען ער טהון דאס, וואס איז אין זיין כאראקטער. דעריבער קענט איהר א מענש'ן זעהר לייכט דערקענען נאר דאן ווען ער רוהט אום שבת. אין זיין רוה טאג קענט איהר שטודירען זיין כאראקטער, ווייל די אומשטענדען צווינגען איהם דאן ניט, ער זאל טהון אנדערש ווי ער פיהלט. דעריבער קענט איהר אין דעם רוהע טאג בעסער דערקענען א מענשען, ווי דעם טאג וואס ער ארבייט, אדער פיהרט געשעפטען.

רעספעקטירט אויך א זקן — דעם זקן, וואס ארבייט שוין גאר ניט, און האט מורא פאר גאט, און אני ד׳, איך בין ביי איהם אנערקענט פאר גאט— א גר זאלסט איהר ניט פייניגען ווייל איהר ווייסט דעם טעם, האט איהם ליעב ווי זיך זעלבסט.

נארט ניט מיט וואג און מאס, האט ריכטיגע וואגען, וועגט אויף איין וואג אייערע און פרעמדע עבירות. זאלען אייערע עבירות ניט זיין צו גרינג און פרעמדע — צו שווער.

און אז איהר וועט היטען אלע מיינע געזעצען און דינים, זאגט ניט אז איהר היט עס ווען די תורה זאל דאס אפילו ניט אנזאגען, נאר זאגט אני ד׳, אזוי וויל גאט און אזוי זאגט די תורה.

דאן פאלגט ווייטער אן אנזאג זיך ניט מטמא צו זיין געשלעכטליך און ניט פארשמוצען זיך מיט טרפה און נבלה, וואס איז דער רעזולטאט פון נאכטאן די געצען-דינער, אזעלכע צווישען אייך דארפען פארשטיינט ווערען און דמיהם בם— און עס איז זייער אייגענער שולד

אמור

דיזע סדרה ווענדעט זיך מעהרסטענס צו די כהנים. עס ווערט זיי אנגעזאגט ווי אזוי זיי זאלען אנהאלטען זייער יחוס, און מיט וועמען זיי מעגען זיך משדך זיין, וואס זייער פרנסה זאל באשטעהן, וואס עס באלאנגט צו זיי און וואס ניט.

* * *

אמר אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם. אמר ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים (רש"י).

כי האדם עץ השדה. דער בוים באשטעהט פון ווארצלען וואס גראבען טיעף אין דער ערד, זעהען ניט די ליכטיגע וועלט, ווייקען זיך תמיד אין פייכקייט, זיינען פארשמירט אין ליים און בלאטע און ווערען ס'רוב צופרעסען פון שרצים, פון פעלד מייז און ווערימלאך — זיי אבער קימערען זיך ניט וועגען דעם אלעם און טהוען זייערע פליכטען בשלמות. זיי האט דער בוים צו פארדאנקען זיין לעבען, זיי זיינען עס די יעניגע וואס זיינען מפרנס די העכסטע צווייגען וואס באפוצען דעם בוים מיט גרינע בלעטער, שעהנע בליהונג און גוטע, זאפטיגע פרוכט.

און ווען דער בוים שטעהט און באדט זיך אין לופט און זונענשטראהלען, ווען זיינע בלעטער ווערען געקושט פון דער זון און זיינע צווייגען געקיצעלט פון'ם ווינד — זאל ער אויף איין מינוט ניט פארגעסען אז אין אלעם האט ער צו פארדאנקען די נידעריגע אונטער ערדישע ווארצלען וואס ליגען אין דער ערד און זויגען דאס פייכקייט פון איהר און גיבען עס איבער צו די הויכע צווייגען.

* * *

א חכם האט אמאל געזאגט:

אלעס וואס איך פארדין, צוטייל איך אויף דריי גלייכע טייל: מיט איין חלק צאהל איך אפ אלטע חובות. דעם צווייטען טייל לייג איך אוועק אין א זיכערען פלאץ איך זאל האבען אויף שפעטער און דעם דריטען טייל פארברויך איך אויף מיין עסען, טרינקען, קליידונג א.ד.ג. און ער ערקלעהרט עס אזוי:

„מיט איין דריטעל פון מיין פארדינסט שטיץ איך מיינע אלטע עלטערען, דערמיט גיב איך זיי אפ דאס געלד וואס זיי האבען אויף מיר אויסגעגעבען ווען איך בין נאך יונג געווען: דאס צווייטע דריטעל פארברויך איך צו ערציהען מיינע קינדער, וועלכעס הייסט אפגעשפארט אויף שפעטער, אזוי ווי מיינע עלטערען האבען אפגעשפארט ביי מיר, און דאס לעצטע דריטעל בלייבט ערשט פאר מיר אליין".

דעם מענשענ'ס לעבען איז אלזא איינגעטיילט אין דריי אפטיילונגען: ער דארף לעבען פאר דער פארגאנגענהייט פאר דער צוקונפט, פאר דער געגענווארט. די פארגאנגענהייט איז לאנג לאנג, עס ציהט זיך אוועק אזש מיט טויזענדע יאהרען צוריק. די צוקונפט איז אויך זעהר לאנג — קורץ איז בלויז די געגענווארט. א חרף עין, א סעקונדע. נעהמט דריי סעקונדען — איז די געגענווארט בלייבט בלויז איין סעקונדע: די ערשטע, איז עבר, די דריטע — צוקונפט: בלויז די מיטעלסטע איז געגענווארט. דארום זיינען גערעכט אונזערע חכמים וואס זיי האבען אונז געראטען זעהר ווייניג געוויכט צו לייגען אויף דעם „יעצט" און בעסער דאס גאנצע אויפמערקזאמקייט לייגען אויף דער צוקונפט, ניט אכטענדיג וואס די צוקונפט איז נאך ניט געבוירען און דערפאר ניט מאהנענד, ניט דרינגענד, ווערענד די געגענווארט איז פאר אונזערע אויגען, מאהנט און איז דרינגענד. זאל אבער דער מענש וויסען, אז אהן דער צוקונפט האט זיין גאנצער לעבען קיין טעם און קיין זין. זאל ער געדענקען אז א לעבען אהן א צוקונפט, א לעבען וואס איז באגרינדעט בלויז אויפ'ן יעצט איז ציעללאז, דאס לעבען פון א פאלק אהן ערציהונג, אהן א צוקונפטיגען דור, הייסט שוין באצייטענס געשטארבען. דאס לעבען פון א פאלק באשטעהט פון דעם סענטימענטאלען כח וואס ער באקומט פון דער פארגאנגענהייט און פון זיין אויפשטעלען א יונגען דור, זאל פארטזעצען די זעלבע טעטיגקייט אין דער צוקונפט.

און זאלען די יעצטיגע חכמים ניט קוקען מיט לייכט שעצונג אויף זייערע עלטערען וואס זענען געלעגען אין בית המדרש און קיין שפראכען ניט געקענט, די קונץ ווי צו מאכען געלד נישט געוואוסט; זאלען זיי וויסען, אז ווען ניט יענע ווארצלען פון וואנען זיי קומען ארויס און זיי האבען גע'ירשנ'ט די גוטע פעהיגקייטען, די בליץ-שנעלע איינפאלען און המצאות — וואלטען זיי כלל ניט געווען דאס וואס זיי זענען.

און זאלען וויסען די אלע חכמים-קינדער וואס באזוכען היי סקוהל און קאלעדזש רעדען שוין ענגליש מיט'ן ריכטיגען אקצענט — אז ווען ניט זייערע עלטערען די „קאיקס", וועלכע האבען געארבייט שווער און ביטער פאר זייערע קינדער, וואלטען זיי דערצו ניט געקומען.

זאלען וויסען די רייכע זיהן, וואס ווילען באזייטיגען זייער פאטער דעם, אלד מען" פון געשעפט, ווייל ער איז צו קאנסערוואטיוו, ווייל אין זיין שפראך פיהלט זיך דער „פארעין אקצענט", ווייל ער איז צו „סטינדזשי" א.ד.ג.—זאלען זיי וויסען אז ווען ניט דיזער ווארצעל וואס איז מיט יאהרען צוריק געלעגען אין דער אדמה, זיך געשלעפט מיט א שווערען פאק פון קאנטרי צו קאנטרי, ביז ער האט געעפענט א סטאר; געקארגט און געהאריוועט, פארדינט און געשפארט ביז ער האט גע־בראכט דאס געשעפט צו דיזער הויכער מדרגה — וואלטען זיי כלל קיין חכמים ניט געווען און קיין אויפטוער אודאי ניט, אויף דעם חשבון פון די אונטערערדישע ווארצלען קענען די שפעטערע בליהען...

און דיזע אלע געדאנקען זאגט די תורה אנווינקענדיג: אמר ואמרת, ווען דו זאגסט אן די כהנים, ווען דו ערקלעהרסט זיי אז זיי זיינען יחסנים, אז זיי זיינען הייליגער פון אלעמען, שעהנער און ערהויבענער פון אלעמען — זאלסטו אויך ניט פארגעסען זיי צו זאגען אז זייער הייליגקייט האבען זיי צו פארדאנקען די גדולים

— די גרעסערע פאר זייער מדרגה, פון וועלכע זיי ציהען זייער השפעה אום צו קענען זיין כהנים, און די גדולים, אויף די בני אהרן, וועלכע זיי דארפען ערציהען אלס קינפטיגע יורשים, זיי זאלען פארטזעצען זייערע טאטעס — אהן דעם האט זייער גרויסקייט, זייער יחוס קיין שום ווערטה ניט.

דאן פאלגען נאך יום טובים, יוידער ניט אויסלאזענדיג דעם שבת, און זיי אזוי די יום טובים זאלען אפגעהיט ווערען, אבער אם ענדע דער סדרה געפינט זיך א מעשה מיט א געמישטער הייראט: עס איז געקומען אייגער, וואס איז געבוירען פון א אידישער מאמע מיט א מצרי'שען טאטען, און זיך געקריגט מיט א גאנצען אידען: און דער האלבער מצרי און האלבער איד האט געלעסטערט גאט.

אזעלכע זאכען טרעפען אימער. ווען א מצרי הייראט א אידישע טאכטער, ווערט זייער קינד ביי יעדער געלעגענהייט שעלטען איהר גלויבען

מען האט דעם האלבען מצרי געבראכט פאר משה'ן, און ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט איהם, ווייל ער האט א גויאישען טאטען, שלומית בת דברי פון שבט דן.

און דער געטליכער באפעהל איז געווען: פארשטיינערען! און זאל דאס זיין א געזעץ פאר א בירגער, אזוי גוט ווי פאר א פרעמדען — טויט־שטראף פאר יעדען וואס שילט זיין גאט.

ווען מ'זאל די שטראף וועלען, אדער קענען באנוצען צווישען די קאמוניסטען וואס האלטען אין איין פאר'משפט'ן גאט, וואלט מען ניט געקאנט געפינען קיין קאמיסאר אין גאנץ רוסלאנד.

בהר

דיזע סדרה איז געווידמעט צו אגריקולטור — דאס באארבייטען די ערד — און דאס קויפען, פארקויפען אדער פאר'משכנ'ען ערד.

און דער ערשטער פארזאג וועגען „בארדען" איז דער זעלבער, וואס איז געגעבען געווארען צו דער מענשהייט בנוגע דער שבת רוה.

אז איהר וועט קומען אינ'ם לאנד וואס איך גיב אייך — זאגט גאט צו משה'ן, ער זאל דאס איבערגעבען צו די אידען — „ושבתה הארץ שבת לד'" — זאל די ערד רוהען א שבת צו גאט.

זעקס יאהר זאלט איהר פארזייען די פעלדער, פלאנצען וויין־גערטנער און איינזאמלען די תבואה, און אין זיבעטען יאהר זאל די ערד רוהען, א געטליכע רוה זאל הערשען. איהר זאלט ניט פארזייען די פעלדער, ניט ארומשניידען די וויינגערטענער, און אפילו דאס אליין וואקסען פון ארונטערגעפאלענע תבואות זאלט איהר ניט ארונטערנעהמען.

און ווען איהר וועט אבצעהלען אזעלכע זיבען מאהל יאהר, זאל דאס פופציגסטע יאהר גערופען ווערען יובל, און א פרייהייט זאל אלעמען געגעבען ווערען, און אייגענטום וואס איז פאר'משכונ'ט אדער פארקויפט, זאל זיך אומקעהרען צו איהרע פריהערדיגע אייגענטימער, אדער צו דער משפחה.

דאס יובל יאהר זאל אויך זיין א יום טוב פאר דער ערד: איהר זאלט ניט זייען, ניט אקערען, נאר לאזען די פעלדער און גערטנער פוסטעווען. אזא רוה־יאהר איז נויטיג צו פראקלאמירען גאט'ס אל־הערשאפט.

איך גלויב אז דער געזעץ פון אזא רוה־יאהר פאר די פעלדער און וויין־גערטענער, ווערט דעריבער גערופען הייליג, ווייל אין דיעזע יאהרען מוז יעדער אומקעהרען דאס אייגענטום צו זיינע פריהערדיגע בעלי בתים, און כדי עס זאל דעם יעצטיגען אייגענטימער ניט זיין א שאד עס אוועקצוגעבען, האט מען דעריבער געדארפט אז די פעלדער און גערטענער זאלען פוסטעווען, און דער שאדען וועט זיך ניט אזוי שטארק אנזעהען ביי דעם, וואס דארף עס אוועקגעבען.

ווארים די פסיכאלאגיע פון א מענש איז, אז ווען ער קומט ארויס אין פעלד און זעהט די שעהנע געראטענע פרוכטען און תבואות, וועט ער שטארק זשאליווען

עס אוועקצוגעבען, ווערענד ווען עס פוסטעוועט, ווען אלעס איז לעדיג, איז לייכ־טער עס אוועקצוגעבען, ניט פראוואוענדיג צו מאכען געוויסע טעכנישע אדער שווינד־לערישע מאכענאציעס, כדי ניט אוועקצוגעבען צוריק דאס לאנד צו די אמאליגע בעלי בתים, אדער צו איינעמ'ס יורשים.

* * *

וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר. מה ענין שמיטה אצל הר סיני והלא כל המצוות נאמרו בסיני? אלא מה שמיטה נאמרה כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה מסיני, אף כלן נאמרו מסיני — (רש"י ובתו"כ).

לויט דעם דרך הלשון האט רש"י געדארפט פרעגען פארקעהרט: „מה ענין הר סיני אצל שמיטה"? וועלכעס וואלט געמיינט: ווארום דערציילען, אז די מצוה איז אנגעזאגט געווארען ביים בארג סיני, אין דער צייט וואס מיר ווייסען, אז אלע מצוות זענען דארט אנגעזאגט געווארען און ממילא שוין אויך די מצוה פון שמיטה?

נאר דאס צייגט, אז רש"י וויל דא אויספיהרען עפעס אנדערש: פאראן פיעל מענשען, אפילו צווישען אידען אויך, וואס שמועסען זיך איין, אז די הייל־יגע תורה אונזערע איז ניט מעהר ווי א ספר החוקים, א געזעץ־בוך, ווי אלע פעלקער האבען, וועלכער איז פארפאסט געווארען דורך משה רבינו ע"ה פון זיין אייגענעם קאפ חס ושלום.

אז אזא געדאנק איז ניט אידיש, אין דעם איז קיין ספק ניטא: דער וואס לייקענט אין תורה מן השמים, לייקענט אין איינעם פון די דרייצען עיקרים, אהן וועלכע מען קאן זיך ניט אנרופען מיט'ן נאמען איד. די תורה האט עס אנגע־וואונקען אין פארשידענע שטעלען, אז מען זאל אזוינס ניט טראכטען. דיזער פלאץ איז איינער פון די עטליכע.

אויב די תורה וואלט זיך געשאפען ווי אן אנדער געזעץ־בוך, האבען געדארפט קומען נאר די געזעצען, וואס האבען צו טאן מיט דעם לעבען אין א מדבר: וועגען חיות־פאנגען, וועגען געפונענע זאכען, וועגען טיילען זיך מיט שפייז און וואסער ווען עס פעהלט אויס א.ד.ג., ווייל אזוי שאפען זיך אלע געזעץ־ביכער: דאס לעבען ברענגט ארויף די פראגע און דאס געזעץ דארף זי לייזען. קיין געזעץ בוך האט ניט קיין פארארדנונג מכח רעגולירען אויטאמאבילס, געזעצען פאר לופט־פליהער א.אז.וו. איידער אויטאמאבילס און עראפלאנען זענען באשאפען געווארען. און אויב אזוי, האט די תורה ניט געדארפט האבען קיין געזעצען מכח שמיטה גלייך אין משפטים, זאגענדיג: „שש שנים תזרע כרמך וכ"ו זייענדיג אין דער מדבר, ווייט פון א לאנד, ווייט פון א ישוב, ווייט פון זייהען און פלאנצען, ערשט דריי חדשים זינט אידען זענען פון מצרים ארויס.

דאס פרעגט רש"י: ווי קומט דער ענין פון שמיטה ביים בארג סיני, ווען דאס לעבען האט עס נאך גאר ניט געפאדערט? זאלען אזעלכע דינים געזאגט ווערען נאהענט פאר משה'ס פטירה, איז עס פארשטענדליך, אבער ווי קומען זיי יעצט?

איז דער ענטפער: דאס צייגט, אז די תורה איז אויף'ן בארג סיני געגעבען געווארען פון גאט און איז דארום ניט אבהענגיג אן א צייט ווי ער זעלבסט. און

דאָס צייגט אויך די נאַרישקייט פון מאַנכע שוטים, וואָס ווילען באהויפּטען, אַז די דינים פון דער תורה זיינען בלויז צייטווייליגע, אָבער זענען ניט געשטעלט אויך פאַר דער צוקונפט, אויף שטענדיג — און ניט נאָר אויף דער מצוה, נאָר אויף אַלע מצוות מיט זייערע כללים און דקדוקים.

והיתה שבת הארץ לכם. לכם, ולא לארץ. (מדרש). — דער רמז דערפון איז, לויט דער געשיכטע, וואָס מען דערצעהלט אויף אַ גרויסען רב און צדיק: צו איהם זענען געקומען צוויי בעלי בתים חשובים צו האָבען אַ דין תורה מכח אַ פּלאַץ. דער סכסוך איז באַשטאַנען פון עטליכע שפּאַן ערד צווישען זייערעביידענס הייזער, אויף וועלכע יעדער האָט גע'טענה'ט עס געהער צו איהם. אויסהערענדיג ביידענס טענות האָט ער אַ זאָג געטאָן: לאָמיר בעסער צוגעהן דאָרט אויף'ן פּלאַץ וועל איך די זאַך בעסער פאַרשטעהן.

קומענדיג אַהין, איז אויך געווען ווי פריהער: דער טענה'עט ס'איז מיינס און יענער — אויך דאָס זעלבע. זאָגט דער רבי: ווייסט איהר וואָס? איך וועל פּרואוען פרעגען ביים פּלאַץ גופא וועמעס ער איז. און ריידענדיג האָט ער זיך אויסגעצויגען און האָרט צו דער ערד צוגעלעגט דעם אויער.

— נו, וואָס זאָגט די ערד? — פרעגט איין בעל דין מיט אַ געלעכטעריל.

— די ערד קייכט פאַר געלעכטער — זאָגט דער רב. זי זאָגט: טפּשים בעלי בתים! זיי הרג'ענען זיך אַרום מכח דער פראַגע צו וועמען פון זיי איך באַלאַנג, ווערענד אין דער אמת'ן באַלאַנגען זיי ביידע צו מיר...

די בעלי בתים האָבען פאַרשטאַנען די אַנצוהערעניש און זיך פאַרשעמט.

דאָס זעלבע ווינקט אויך אָן דער מדרש: איהר מענשען זאָלט זיך ניט איינ־רעדען דאָס די ערד געהער צו אייך — איהר געהערט צו דער ערד! פון דאָרט זענט איהר געקומען און דאָרט וועט איהר געהן. איין וועג איז נאָר פאַראַן, אַז די ערד זאָל זיין אייערס, אַז די ערד זאָל דינען אייער בעדערפניס, איז: ווען איהר וועט אָפּהיטען די דינים פון שמיטה, פון יובל, פון תרומה ומעשרות און אַנדערע מצוות.

די ערד איז ניט אייערס, דער „שבת הארץ" איז פאַר אייך...

וכי תמכרו ממכר לעמיתך. אויף דעם זאָגט דער מדרש: הה"ד החיים והמות ביד הלשון.

אַזוי איז די נאַטור פון מסחר: דער פאַרקויפער ליבט זיין סחורה, אום צו קריגען דעם העכסטען פּרייז, אפילו ווען ער ווייסט, אַז דאָס איז אַ פּראָסטע שטיקעל סחורה. דאַגעגען דער קויפער זוכט צו געפינען וואָס מער חסרונות, כדי עס צו קריגען פאַר פיל מעגליך ביליגער. „רע, רע, יאמר הקונה" — זאָגט שלמה המלך אין משלי. דאָס הייסט, אַז סיי דער קויפער און סיי דער פאַרקויפער — ביידע זאָגען ליגען. דאָס איז אַלץ ווען דער פאַרקויפער איז דער פּראָדוצירער און דער קויפער וועט עס פאַרברויכען פאַר זיך זעלבסט. אין אַזאַ פאַל באַגייען זיי זיך מיט איין מאָל זאָגען ליגען. אַנדערש איז אָבער ווען דער פאַרקויפער

איז ניט דער פּראָדוצירער, נאָר ער האָט עס געקויפט צו פאַרקויפען א צווייטען, דאַן מוז ער שוין זאָגען צוויי ליגענס: ביים קויפען — וואָס דאַמאָלסט דאַרף ער געפינען אַלע מעגליכע חסרונות און ביים פאַרקויפען — ווען ער דאַרף שוין לויבען דעם אַרטיקעל ביז'ן הימעל. און דאָס זאָגט די תורה: וכי תמכרו ממכר לעמיתך, ווען דו פאַרקויפסט אַ זאַך, וואָס איז שוין געווען אמאָל פאַרקויפט — צו דיר זעלבסט — זאָלסטו ניט אָפּנאַרען.

און דער מדרש לעגט צו די באַמערקונג : החיים והמות ביד הלשון. דער צונג ביים קויפען מאַכט פון לעבעדיג טויט און ביים פאַרקויפען — פון טויט לעבעדיג...

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו. — שטענדיג הערט מען די אַלטע טענה: שלעכטע צייטען. ווען מען קומט צו אַ אידען נאָך אַ נדבה פאַר אַ געוויסער צדקה, וועט ער אייך איבערצייגען, אַז ער מאַכט ניט קיין געלט, אַז ער עסט פון גרייטען, א.אז.וו.

זאָגט די תורה: ווען דיין ברודער ווערט אָרים און דאַרף אויסשטרעקען זיין האַנט צו דיר פאַר הילף — זאָלסטו איהם העלפען. העלף אפילו אין אַזאַ פאַל, ווען ער איז „עמך", מיט דיר אויף איין מדרגה, ד.ה. דו ביזט אויך אַ יורד, דו מאַכסט אויך ניט קיין געלט. דו האָכט געלט פון אמאָל — קענסטו עסען פון גרייטען. פון וואַנען זאָל עסען דער, וואָס האָט ניט פון וואַנען „צו עסען פון גרייטען" ?...

און די תורה זאָגט ווייטער אַז: ווען איהר פאַרקויפט אַ נחלה צו אייער נאָכבאַר, נאָרט איהם ניט אין די יאָהרען, וואָס ער וועט דאָס קענען האַלטען; פאַרקויפט איהם לויט דער צאָהל יאָהרען ביז יובל.

און היט אָפּ די דאָזיגע געזעצען, ווייל מיט דעם וואָס איהר וועט אין אייער שטר מכירה אָפּנאַרען דעם קויפער, וועט ער האָבען טענות אין יאָהר פון יובל, און איהר קענט דערמיט שטערען מיינע חוקים. האָט זשע מורא פאַר גאָט, און איך וועל זיין אייער גאָט, וואָס וועט אייך לאָזען זיצען אויף אייער לאַנד מיט אַ זיכערקייט — „וישבתם על הארץ לבטח".

טאָמער האָט איהר מורא, אַז איהר וועט ניט האָבען צו עסען דעם זיבעטען יאָהר פון שמיטה, זאָג איך, אַז איהר וועט האָבען די ברכה אינ'ם זעקסטען יאָהר, אַז עס וועט אייך אַרויסגעבען געטריידע פאַר גאַנצע דריי יאָהר — פאַר'ן זעקסטען. זיבעטען און פאַר'ן אכטען, איידער די נייע געטריידע וועט פאַרטיג ווערען.

אָבער פאַרקויפט ניט ערד, אויף אייביג, ווייל די ערד באַלאַנגט ניט צו אייך. עס איז מיין ערד און איהר זענט ביי מיר אויף דער ערד — פרעמדע און בירגער. דעריבער, ערלויבט די ערד צוריק אויסצולייזען, איהר וועט דאָך די ערד סיי ווי ניט קאָנען מיטנעהמען נאָך'ן טויט.

אַט דעם מוסר השכל איז ווערט צו לערנען יעדען טאָג אינ'ם מענשענ'ס לעבען, דאָס קיין זאַך איז ניט קיין אייביגקייט, און אַז מיר זיינען דאָ פרעמדע, אָדער געסט בלויז אויף אַ ווייל'ע.

ווען דיין פארקויפער איז ארים און קען ניט אויסלייזען דאס פעלד, קען דאס טאן זיינער א נאהענטער פריינד און איהר מוזט צו יעדער צייט, ווען ער גיט אייך צוריק אייער געלט, ארונטערעכענען די צייט וואס איהר האט גענוצט דעם פעלד, און איהם עס צוריקגעבען. אבער ווען עס קומט יובל, מוזט איהר איהם עס צוריק־געבען פריי.

א געביידע, א הויז, האט דער פארקויפער צייט א יאהר עס צוריק אויסצו־לעזען. טוט ער עס ניט, קען עס דער קויפער האלטען פאר זיך, ווייל ווען א הויז זאל דארפען צוריקגעהן צום ערשטען באזיצער, וועט עס דער בעל חוב ניט פאר־ריכטען און עס קען אינגאנצען ווערען ווערטלאז.

ווען דער ברודער ווערט פאראריימט, האלט איהם אונטער און נעהם פון איהם ניט קיין פראצענט.

דיין געלט גיב ניט אוועק באר פראצענט־צוועקען, און ווען אימיצער קויפט ביי דיר עסענוואַרג אויף בארג, זאלסטו איהם ניט רעכענען טייערער. „ובמרבית לא תתן אכלך". מאך ניט פון דיין ארימען ברודער קיין שקלאף, ווייל איהר זענט געווען שקלאפען אין מצרים און איך, אייער גאט, האב אייך פון דארטען ארויס־גענומען.

בוקט זיך ניט צו קיין געטשקעס און היט אפ מיינע שבתים. איך בין אייער גאט.

בחקותי

אויב איהר וועט געהן אין מיינע געזעצע — געהן, נים טרעטען אויף זיי — און מיינע מצוות וועט איהר אפּהיטען, וועל איך דערפאר אייך געבען רעגען אין צייט, די ערד וועט ארויסגעבען איהרע תבואות און די בוימער איהרע פירות.

ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו, אף אילני סרק עתידים להיות עושים פירות. (תו"כ).

געוועזען אמאל א צייט, ווען דער יחסן האט אלעם צוגענומען פאר זיך: דער קעניג האט זיך גערעכענט פאר דאס אויבערשטע פון דער מענשהייט, פאר וועמען אלעס אויף דער וועלט איז נאר פאר איהם אויסשליסליך באשאפען געווארען. דער פילאסאף, דער געלעהרטער — אז איהם קומט אלעס; און דער נידעריגער המון, וואס האט נים געהאט דאס גליק צו געבוירען ווערען אין דער קעניגליכער פאמיליע און האט אויך נים געהאט דאס גליק צו געבוירען ווערען מיט גוטע פע־היגקייטען ער זאל זיך קענען אריינטראכטען אין די הימלען — ער האט זיך גע־דארפט פיהלען געפאלען געגען דיזע צוויי יחסנישע קלאסען.

איז געקומען די תורה און געמאכט אן ענדע צו דיזען שטאנדפונקט, זאגענדיג: איהר אלע זענט קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב און אלע זענט איהר בני־מלכים. און וואס אנבאלאנגט צו רוחניות — איז נים דער עיקר פון קענען, פון וויסען אדער באטראכטען, דער עיקר איז פּראקטיצירען. „אשר יעשה אותה האדם וחי בהם" — זאגט די תורה: דער עיקר איז, ווען מען פּראקטיצירט די מצוות דורך די גשמיות'דיגע הענט, דורך די גשמיות'דיגע פיס און אויגען אד"ג. מיט דיזער פּראקלאמאציע האט מען אלע געוועהנליכע פשוט'ע מענשען הערנעהענ־טערט צום בארג סיני! ווען די תורה וואלט געוועזען נאר אויף צו קלעהרען, וואלט זי געוועזען נאר צוגענגליך צום הימעל מענשען, אבער פּראקלאמירענדיג, אז דער עיקר איז צו „היטען און טאן", ווערט געעפענט א וועג פאר אלע געוועהנליכע ערד־מענשען זיי זאלען קענען זיך שטעלען אויף א הויכע מדרגה בלויז דורך מקיים זיין אלע מצות, זאגאר נים פארשטעהענדיג.

דארום ווען די תורה האט געזאגט דעם ערשטען פסוק, וואו עס ווערט אנ־געזאגט „ושמרתם ועשיתם אותם", זאגט די תורה אויך די רעזולטאטען דערפון: „ונתתי גשמיכם בעתם", דער פסוק גיט דעם רעגען אין דער צייט, וואס מאכט וואקסען אומעטום — אויף'ן מאגערען באדען אזוי גוט ווי אויף דעם פעטען — נים מעהר, אויף פעטע ערד וואקסט בעסער און אויף מאגערע ערד — ערגער, אבער וואקסען וואקסט אומעטום. און דארום „ונתנה הארץ יבולה", וועט די ערד

געבען איהר פרוכט, ניט בלויז דער הימעל־מענש, „ועץ השדה יתן פריו" און זאגאר דער פעלד בוים, דער ניט־באגאבטער מיט גוטע פעהיגקייטען, וועט אויך ארויסגעבען שעהנע פרוכט...

און פון איין שניט ביז צום אנדערען וועט איהר האבען גענוג און הנאה האבען פון אייער עסען און זיין זאט. און איהר וועט זיין זיכער אין אייער לאנד; איך וועל געבען פרידען אויף דער וועלט. און איהר וועט זיך קענען לייגען אהן ציטערניש: איך וועל די „חיה רעה" אויסראטען פון דער וועלט און קיין מלחמות וועלען ניט זיין.

ווען די שונאים וועלען אייך באפאלען, וועלען זיי באלד אנטלויפען און איהר וועט זיי נאכיאגען וועלען זיי פאלען פון זייערע אייגענע שווערדען. פאר פינף פון אייך וועלען הונדערט אנטלויפען און פאר אייערע הונדערט וועלען צעהנדליגער טויזענטער אנטלויפען און וועלען פאלען פון זייערע אייגענע שווערדען, זיי וועלען זיך איינער דעם צווייטען ממית זיין.

און איך וועל קענען רוהען מיט אייך און זיין אייער גאט און איהר מיין פאלק.

וועט איהר אבער ניט פאלגען, איהר וועט מיינע מצוות ניט מקים זיין, און מיינע געזעצען וועט איהר פאר'מיאוס'ן, וועל איך אייך צוריק אבריגען אין דעם זעלבען גראד.

די ברכות פארנעהמען נאר א קליינעם פלאץ, אבער די קללות פארנעהמען דעם גרעסטען טייל פון דער סדרה.

און דא פאלגט די „תוכחה" מיט אלע איהרע שוידערליכע קללות פאר ניט אויספאלגען.

אפשר דעריבער איז שטענדיג פאראן מעהר צרות אויף דער וועלט אין פאר־גלייך מיט נחת.

בשברי לכם מטה לחם ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד והשיבו לחמכם במשקל ואכלתם ולא תשבעו. — אויף דעם פסוק „וחיו חייך תלואים לך מנגד וכ"ו ולא תאמין בחייך", זאגט דער מדרש: „זה הקונה פת מן הפלטר". און די באמערקונג איז פסיכאלאגיש ריכטיג, ווייל ניט נאר בלויז לעבען דארף א מענש, נאר אויך ברחבות'דיג לעבען, זיין זיכער מיט זיין לעבען און זיך ניט דארפען שרעקען פאר דער שווארצער צוקונפט.

און ווען די תורה האט אונז פאראויסגעזאגט אין דער תוכחה די קללה: דיין לעבען וועט העגגען אויף א האר און דו וועסט קיינמאל ניט גלויבען אין דיין לעבען פאר דער נעקסטער שעה, האבען אונזערע חכמים משער געווען, אז זאגאר דאס אבהענגיג זיין אן דעם ברויט־בעקער איז אויך א קללה, ווייל מען קריגט ניט ווען מען וויל און וואס מען וויל.

באקט מען ברויט פאר זיך אליין, פיהרט מען אוים ווי מען וויל: יענע פרוי האט ליב פארברוינטע ברויט און יענע — וּוייך־געבאקענע: די פרוי „גלייבט"

אריינצוטאָן אינ'ם טייג זאַפּראַן און אייער, יענע — ניט: די „גלייכט" געבאַקענע אויף'ן דעק און יענע — אין בלעכלאַך א.אז.וו. קויפט מען אָבער ביים בעקער מוז מען זיין צופריהען מיט וואָס ער טיילט איין.

די קללה פאַרצווייגט זיך אויך אין אַנדערע ענינים, למשל: פאַרצייטען ווען יונגע איינגלאַך האָבען געלערענט אויפ'ן אייגענעם חשבון, אָהן אַ פּראָגראַם, דאַן האָט יעדער זיך געקענט אַנטוויקלען לויט זיינע פעהיגקייטען, דאַרום האָט יעדער רב געהאַט אַ ספּעציאַליטעט אין וועלכען ער האָט זיך אויסגעצייכענט. יענער איז געווען אַ חריף — און יענער — אַ בקי: דער איז געווען אַ בעל הוראה און יענער — אַ גרויסער דרשן א.אז.וו.

היינטיגע צייטען ווערען רבנים ערצויגען לויט אַ פּראָגראַם, אַלע איין „סייז" און איין קוואַליטעט. די זעלבע לומדות, די זעלבע דרשות, די זעלבע וואָג און מאָס.

ווען אַלע ווייבער באַקען ברויט אין איין אויווען בשותפות און דאָס ברויט פאַרלירט די אייגענע אָריגינעלע פאָרמע נאָר עס ווערט מיט'ן וואָג פאַנאַנדער־געטיילט צווישען אַלעמען — איז קיין וואונדער ניט וואָס מען עסט און מען ווערט ניט זאַט.

און דאָס איז די קללה פון דער תוכחה.

ביז אַהער זענען די מצות וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט משה פאַר די אידען אויפ'ן באַרג סיני.

במדבר

במדבר

צום צווייטען יאהר צו די בני ישראל'ס באפרייאונג פון מצרים, ווערט גע־מאכט שוין די צווייטע פאלקס צעהלונג. גאט זאגט צו משה'ן ער זאל אויס־קלייבען א מאן פון יעדען שבט און זאל מיט זיי דורכפיהרען א צענזוס — פאלקס צעהלונג. געצעהלט זאלען ווערען אלע פון מענער געשלעכט, די בכורים און לוים, פון א חודש אלט און העכער, ביז צוואנציג יאהר, און פון גאנץ ישראל פון צוואנציג יאהר און העכער — די אלע וואס קענען באנוצט ווערען אין צייט פון א מלחמה.

ביי דער צעהלונג זאל יעדער דארפען ווייזען זיין משפחה יחוס, כדי די שבטים זאלען זיך ניט פארמישען, נאר יעדער שבט זאל זיך געפינען אונטער זיין פאהן, „איש אל מחנהו ודגלו".

די פון צוואנציג יאהר און העכער, האבען געגרייכט די צאהל פון זעקס הונדערט און דריי טויזענט און פינף הונדערט מיט פופציג, אויסער די לוים, וועלכע זענען באזונדער געצעהלט געווארען פון א חודש און העכער, און האבען דערגרייכט די צאהל פון צוויי און צוואנציג טויזענט. די בכורים פון א חודש און העכער האבען אויך דערגרייכט צוויי און צוואנציג טויזענט און צוויי הונדערט מיט דריי און זיבעציג.

מיר גיבען דא איבער א שמיקעל באריכט פון דער „צענזוס"-קאמיטע, בכדי ערשטענס צו האבען אין זינען, אז משה האט געהאט פאר זיך א געמיינדע, וואס מיט די פרויען צוזאמען האט עס געמוזט גרייכען איבער אנדערהאלבען מיליאן.

און צווייטענס — און דא קומען מיר צו א זעהר טראגישען פונקט — משה, דער פיהרער פון אזא מחנה; משה, וועלכער רעדט מיט גאט, באווייזט וואונדער און מאכט פון א שקלאפען פאלק א פאלק וואס טראגט דעם פאקעל פון קולטור פאר דער גאנצער וועלט — אט דער משה האט א ווייב מיט צוויי קינדער פון וועלכע מיר וויסען נאך פון דער צייט וואס יתרו זיין שווער האט זיי איהם געבראכט אין מדבר, און ווען עס קומט א פאלקס צעהלונג און מען צעהלט יעדען שבט באזונדער, דאן ווערט שבט לוי געצעהלט לויט יעדען צווייג פון דער פאמיליע, און ווען עס קומט צו משה'ן מיט אהרן'ען, דערצעהלט אונז די תורה:

„ואלה תולדת אהרן ומשה", אט דאס זיינען די קינדער פון אהרן און משה. אהרן'ס קינדער — נדב, אביהוא, אליעזר און איתמר; די ערשטע צוויי זענען געשטארבען ווייל זיי האבען געברענגט פרעמד פייער פאר גאט, און זייער פלאץ צו העלפען זייער פאטער אהרן האבען פארנומען די אנדערע זיהן.

און משה'ס קינדער ווערען ניט דערמאהנט.

וואלט איך ניט גערענקט, אז יתרו האט צוריקגענומען זיין טאכטער מיט איהרע צוויי קינדער נאכדעם ווי ער האט זיך געזעהן מיט משה'ן, וואלט איך געוואלדיג פראטעסטירט, וואס זייער נאמען ווערט אין גאנצען ניט דערמאהנט.

פארוואס עס געפעלט מיר צו זאגען, אז יתרו האט פיליכט זיין טאכטער, משה'ס ווייב, צוריקגענומען צו זיך אהיים מיט איהרע צוויי קינדער, איז, ווייל אויף דעם באנקעט וואס איז געמאכט געווארען פאר יתרו'ן ווערט דערצעהלט, דאס אהרן מיט די זקני ישראל זענען געקומען מיט איהם עסען, און משה ווערט ניט דערמאהנט. געפעלט מיר צו זאגען, אז משה האט ניט געלעבט בשלום מיט זיין ווייב, און דעריבער ווערט דארט געזאגט: ויצא משה לקראת חותנו", משה איז בלויז אנטקעגען געגאנגען זיין שווער, און משה'ס פרוי מיט די צוויי קינדער ווערען ניט דערמאהנט. עס איז מעגליך, אז יתרו האט געזעהן דאס משה נעהמט זיי ניט אויף ווי א פרוי מיט קינדער, האט ער זיך מישב געווען און האט זיי צוריק גענומען מיט זיך און דעריבער ווערט זייער נאמען ניט דער־מאהנט אפילו ביי דער פאלקס צעהלונג.

און דעריבער וועט שוין פיליכט אויך רעכט ווערען דער פסוק „וידבר אהרן ומרים במשה על אודות האשה הכושית" — משה מיט אהרן האבען צווישען זיך גערעדט אויף משה'ן און געהאט פארדרוס וועגען דער אשה כושית — כי אשה כושית לקח. עס לאזט זיך טייטשען, אז זי איז משה'ן ניט געפעלען, ווייל זי איז געווען א כושית, א שווארצע, — טא פארוואס האט ער זי גענומען פאר א ווייב? כי אשה כושית לקח — ער האט דאך מיט איהר חתונה געהאט אלס שווארצע!

האט אבער גאט פארדראסען אויף אהרן און מרים פאר רעדען לשון הרע אויף „משה רבינו" און ער האט זיי דערפאר אויסגערעדט און זי געמאכט קרעציג. און זיין שוועסטער מרים האט דערפון געליטען מיט באהאלטענע וועהטאגען, אום צו פארשטעהן, דאס קיינער קאן ניט וויסען יענעמ'ס אינערליכע צוגעדעקטע ליידען.

„ויתפלל משה", און משה האט געבעטען צו גאט, ווייל אהרן האט זיך פאר־טיידיגט: אלעס וואס מיר האבען געוואלט איז „אל נא תהי כמת" — זי זאל ניט פארעכענט ווערען ווי א געשטארבענע". און אהרן און מרים זיינען געהיילט געווארען. זיי האבען מסתמא שוין פארשטאנען, אז משה איז ניט דער שולדיגער, און האט איז געווען זייער היילונג.

משה איז אויפגעצויגען געווארען אין א קייזערליכען הויף. זייענדיג אבער דער גרויסער משה, האט ער רחמנות געהאט אויף זיינע געפלאגטע ברידער, און דעריבער געמוזט אנטלויפען.

אין מדין האט ער קיין אידישע משפחה ניט געטראפען און ער האט געמוזט חתונה האבען מיט צפורה, דעם מדין'ער גלח'ס טאכטער. ער האט מיט איהר געהאט צוויי קינדער, און זייענדיג א פאסטוך (ומשה היה רועה את צאן יתרו) איז געווען רעכט די שווארצע צפורה זאל זיין א ווייב און די האלב־שווארצע קינדער זאלען אויפגעצויגען ווערען ביי זייער מוטער.

אבער ווען גאט באווייזט זיך צו משה'ן און מאכט איהם פאר א פיהרער איבער א פאלק און ער דארף געבען דער וועלט א תורה מיט חוקים און משפטים, ווייסט דען צפורה ווי צו האלטען שטאט מיט אזא מאן? איהר ליגט מסתמא

אין זינען נארישקייטען, וואס זי האט זיך דערמיט איינגעוואוינט ביי איהר טאטען דעם גלח, און ווען זי געהט דאס ערשטע מאל מיט משה'ן קיין מצרים און נעהמט מיט איהר אינגעל, איז ער ניט גע'מל'ט, וויל איהם דער מלאך הרג'ענען, פרעגט זי ניט משה'ן וואס צו טאן, נאר „ותקח צור ותכרות את ערלת בנה" — אט ווערט זי שוין א מוהל אויך . . . דאס איז עפעס ניט עסטעטיש פאר א פרוי פון א פאלקס־פיהרער.

און עס ווילט זיך מיר גלויבען איינס פון די צוויי: אדער יתרו האט זי מיט די קינדער צוריקגענומען קיין מדין, אדער משה האט זיך מיט זיי פשוט געשעהמט און האט זיי איגנארירט.

איבערארבייטען זיי, זיי זאלען ווערען מיט לייטען גלייך, איז מסתמא פאר משה'ן ניט געווען מעגליך, ווייל „היהפך כושי עורו"? — א נעגער קען זיין הויט ניט בייטען.

אבער משה, ווי א סך גרויסע מענשען וואס האט געקאנט בייקומען פרעה'ן מיט אלע מצרים, האט פון שקלאפען געקענט מאכען א פאלק, אבער פון זיין ווייב און קינדער מאכען לייט — דאס האט ער שוין ניט געקענט . . .

אין יעדען דור געפינען זיך אזעלכע פיהרער, וואס וואלטען געקענט פיהרען א גאנצע וועלט, אבער איין פרוי פארפיהרט זיי.

אונזערע אלע גרויסע פאלקס פיהרער, פילאזאפען און רעליגיעזע פיהרער, זיינען מעהרסטענס געווען געבענשט ניט מיט קיין צאצקעדיגע ווייבער. זייט חוה האט געבראכט דעם טויט אויף דער וועלט, דורך איהר חבר דעם שלאנג, געהען די מעהרסטע פרויען האנט אין האנט מיט דער שלאנג.

נשא

אין דער האזיגער סדרה ווערט דערצעהלט:
גאט רעדט צו משה'ן און באפעהלט: זאג צו די בני ישראל זיי זאלען ארויס־שיקען פון דער מחנה „כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש" — אלע אומרייני, אנ־שטעקענדע קראנקע — אז די אלע זאלען זיך געפינען אויסער דער מחנה ישראל, ווייל אין דער מחנה, וואס האט די געטליכקייט צווישען זיך טאר דארט קיין טמא לנפש זיך ניט געפינען.

„איהר דארפט זיך האלטען הייליג, כדי איך זאל קאנען רוהען צווישען אייך", זאגט גאט.

דאס איז אלץ געזאגט וועגען פערזאנען וואס זיינען באוואוסט אלס אומריינע. די צווייטע פרשה, אבער, רעדט פון אומריינקייט בנוגע דער פרוי, אדער וועגען א חשד און אומריינקייט, וואס עס פאלט אויף איהר דורך דעם מאנ'ס אייפערזוכט. „איש איש כי תשטה אשתו", ווען אימעצענס פרוי וועט זיך באנארישען, אדער „עבר עליו רוח קנאה", עס וועט איהם נעהמען מאטערען אן אייפערזוכט־געדאנק. וועלכעס קומט אויך דורך א נארישער אויפיהרונג פון א פרוי — אין אזעלכע פאלען איז דער מאן אליין ניט קיין אויטאריטעט צו משפט'ן און די פרוי דארף געבראכט ווערען צום כהן.

סיי אין דעם פאל, ווען די פרוי ערוועקט א געדאנק פון אייפערזוכט ביים מאן דורך א געוויסער נארישער אויפפיהרונג, כאטש אין דער אמת'ן איז זי גאר עהר־ליך, סיי אין דעם פאל, ווען די פרוי באטראגט איהם טאקע אויף אן אמת — אין ביידע פאלען איז דער מאן אליין ניט דער, וואס קאן דער פרוי משפט'ן. ער איז אן אייפערזיכטיגער מענש איז ער ניט פעהיג אויף רוהיגער באטראכטונג, ווייל אין יעדען פאל איז ער גענויגט אלצדינג אויסצולעגען צום שלעכטען און איז אפילו ניט פעהיג אויסצוהערען די פארטיידיגונג. דעריבער מוזען אזעלכע ענינים פארגע־בראכט ווערען פאר דעם אומפארטייאישען און געלערנטען כהן, וועלכער איז ערצוי־גען געווארן צו פארשטעהן די מענשליכע נאטור, און צו משפט'ן מיט גערעכטיגקייט.

דער כהן האט געדארפט צו דער אנגעקלאגטער אין אזא פאל באנוצען מיט „מים המאררים" — דעם ביטערען געטראנק. דער מאן צוזאמען מיט דער פרוי האבען געדארפט ברענגען צום כהן א מעסטעל גערשטען־מעהל, ניט קיין געווירצטע, אהן בוימעל, (דאס איז אפשר דערפאר, ווייל אייפערזוכט איז שוין אזוי אויך גענוג „געפעפערט"...) דאס דארף דינען אלס א „מנחת זכרון," אן עראינערונגס־מתנה און א „מזכרת עון", וואס זאל שויז אין דער זעלבער צייט אויך דערמאהנען דעם מאן, אז ער איז אויך ניט אזא מלאך. ווי ער מאכט דעם איינדרוק...

יא, איידער דו געהסט אן אנדערען באשולדיגען אין א געוויסער זינד דארפסט דו בעסער אונטערזוכען דיינע אייגענע מעשים און אויסגעפינען, אויב דו ביסט אליין ריין פון דיזער זינד.

דער כהן גדול דארף נעהמען וואסער, וואס געפינט זיך אין די הייליגע פלעצער, דאס וואסער אריינגיסען אין א ליימענער כלי און אריינשיטען ערד פון מזבח.

דער כהן האלט דאן א גאנצע לעקטשור פאר דער פרוי און ראט איהר, זי זאל זיך מודה זיין. ער שרייבט דעם לעקטשור אן מיט אלע קללות וואס דארפען מקוים ווערען, אויב זי האט געזינדיגט, און דאס אנגעשריבעניי ווערט אויך אפגעמעקט אין דעם זעלביגען וואסער. א גרויסארטיג געטראנק פאר א נאריש ווייבעל!

פארשטעהט זיך, אז נאך אזא איבערשרעקען, אויב די פרוי האט ווירקליך געזינדיגט, וועט זי ליבער אויסזאגען און ניט טרינקען דעם ביטערען געטראנק.

פארקעהרט ווידער, האט זי ניט געזינדיגט, כאפט זי דאן מיט שמאלץ די ערדענע כלי און טרינקט דעם ביטערען טרונק, זייענדיג זיכער, אז די קללה וועט זיין אפגעשידט פון איהר, ווייל זי איז אומשולדיג. נאך אזא זשעסט ווערט זי דאן נאך מעהר חשוב ביים מאן און ער זעהט איין זיין טעות.

זאת תורת הקנאת, אט די אייפערזיכטיגקייט איז א גאנצע לעהרע, מ'דארף זיך דעריבער ניט לוסטיג מאכען. „איש אשר תעבר עליו רוח קנאה" — דער מענש וואס ווערט באפאלען פון אייפערזיכט, זאל די פרוי ברענגען לפני ד', און דער כהן זאל אדורכגעהן דיזע גאנצע לעהרע „את כל התורה הזאת".

„ונקה האיש מעון" און ווען דער מאן איז ריין פון זינד, דאן „והאשה ההיא תשא את עונה", וועט דיזע פרוי דארפען ליידען פאר איהרע זינד.

און פונקט ווי עס איז א תורה, ווען עס האנדעלט זיך ביי שילטען, אזוי דארף מען אויך וויסען ווי אזוי צו בענשען.

און גאט זאגט צו משה'ן: זאג צו אהרן מיט זיינע קינדער, „כה תברכו את בני ישראל" — אזוי זאלט איהר בענשען די בני ישראל, און איהר זאלט ביים בענשען אלע מאל אין זינען האבען, עס זאל זיך אויסלאזען מיט „וישם לך שלום."

פיעלע דרשנים, אדער רבנים, שטעלען זיך אוועק אין שוהל אויף האלטען א דרשה, און ווייסען אליין ניט וואס זיי רעדען, און שאפען נאך פיעלע מאהל מיט זייערע ברכות און שבחים מחלוקות, דעריבער זאגט די תורה, אז מ'דארף וויסען ווי אזוי צו בענשען און דער עיקר מוז זיין „וישם לך שלום", און טאמער האט איהר מורא אז איהר וועט רעדען ווענינער וועט זיי חלילה שאדען, פארלאזט זיך אויף מיר „ושמו את שמי על בני ישראל, ואני אברכם", וועל איך זיי שוין בענשען.

ניט איינמאל איז מיר אויסגעקומען בייצעוואהנען פארשידענע פארזאמלונגען, רעליגיעזע אדער אלגעמיינע, ווען דער רעדנער קומט אויף דער פלאטפארמע, פארגעסענדיג דאס ער רעדט פאר אינטעליגענטע מענשען און פלאפלט פשוט.

און די גרעסטע פראבלעמע מיט די מעהרסטע רבנים איז:

זיי פארבארייטען ניט קיין דרשה, נאר שטעלען אויף זיך, דאס ווען זיי האבען שוין א פסוק פון דער תורה צו פארדרעהען מיט א מדרש וועט שוין אלעס געהען ווי געשמירט, מיט דעם רעזולטאט אז, זיי ווידערהאלען זיך און רעדען נארישקייטען, דער עולם ווערט אונגעדולדיג, און אנשטאט וואס אזא דרשה דארף זיין א ברכה, ווערט זי גאר א קללה, מיט מחלוקת אנשטאט שלום.

מיד האט אלע מאל געוואונדערט דער אנזאג פון „כח תברכו את בני ישראל", ביז איך האב געהערט א געוויסען רב לויבענדיג אויף דער בימה זיינעם א מעמבער מיט זיין פרוי, און עס האט מיר אזוי אפגעעקעלט, אז איך בין דאן געקומען צו פארשטעהן, פאר וואס מ'דארף אנזאגען א פיהרער דעם „כה תברכו" — אט אזוי בענשט מען און אזוי לויבט מען, ניט פלאפלען אויף דער בימה, ניט חנפ'ענען, ניט דערמאהנען קיין איינצעלנע פערזאנען, כדי עס זאל ניט ארויסרופען גרינגשעצונג און קליינליכקייט.

און איך זאג דעריבער אויף דיעזע רעדעס, אז די בעסטע פון זיי, איז ניט צו פארגלייכען צו ניט רעדען.

און אנשטאט געבען אזעלכען זילבער פאר רעדען, וואלט איך איהם ליבער גע־געבען גאלד פאר שווייגען, ווייל אויב רעדען איז זילבער — איז שווייגען — גאלד.

עס קען מעגליך זיי, אז די וואס פיהלען זיך געטראפען פון דעם וואס איך האב דערמאהנט, קאנען זאגען אז דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען מיינע סדרה'ס.

קאן טאקי זיין, אז זיי זיינען גערעכט, אבער דא ווערט קיינער ניט געצווינגען צו לייענען, ווערענד ווען מ'זיצט אין שוהל ביים דאווענען קאן מען זיך ניט העלפען, ווייל מ'קען ניט אנטלויפען אין מיטען און דאס זעלבע איז אויך אויף א מיטינג, ווען א נודניק שטעלט זיך אוועק רעדען, אדער אפילו ביי א לעקטשור, וואו מען מוז זיצען און הערען.

די היינטיגע צוהערער פון דרשות, זיינען פרימער ווי די פארצייטיגע פרומסטע אידען, וועלכע פלעגען פאר יום כפור זיך ארייגשיטען אין די זאקען קיילעכדיגע אר־בעס און דערויף געשטאנען, ווייל ווען מ'מוז הערען א רעדנער אדער דרשן וועו ער פלאפלט און איהר קענט ניט אוועקגעהן, שטעהט איהר דאן ניט אויף קיין ארבעס, נור פשוט אויף נאדלען מיט שפילקעס. טא ווער איז מעהר פרום?

דער משכן איז פארטיג געווארען, און די נשיאים האבען געדארפט די ערשטע מקריב זיין יעדער זיין קרבן. און יעדען טאג ווערט איבערגע'חזר'ט דער זעלבער קרבן, וואס דער נשיא האט געדארפט מקריב זיין: ביי יעדען נאמען ווערט איבערגע־חזר'ט דאס זעלבע, א צוועלף מאהל, דאס צייגט ווען א נשיא, א פיהרער, גיט עפעס, מוז ער קריגען צוועלף מאל „פובליסיטי"... אזוי איז געווען אמאל און אזוי איז עס היינט. ווען אן ארימאן גיט אוועק דאס לעצטע ביסען פון מויל ווייסט קיינער ניט, און ווען א נגיד גיט עפעס, וואס באריהרט איהם כמעט ניט, ווערט עס מעהרערע מאל דערמאהנט אין די צייטונגען.

און זיי קריגען נאך די בילדער אין די צייטונגען, וואס איז מעהר ווערטה פון זייער נדבה.

בהעלותך

אהרן האט אויסגעפאלגט משה'ס לערנען און איז דעריבער געווארן דער וואס האט אנגעצונדען די ליכטיגקייט „כאשר צוה ד' את משה״, אזוי ווי גאט האט אנגעזאגט משה'ן.

די פון שבט לוי זענען געווען די באאמטע פון פאלק, דער אפאראט, וואס האט געפיהרט די אידישע רעגיערונג. זייער ארבייט־פליכט האט זיך אנגעהויבען אין עלטער פון פינף און צוואנציג יאהר און זיך געענדיגט אין עלטער פון פופציג.

נאך פופציג יאהר האבען זיי מעהר ניט געארבייט, נאר בלויז באנוצט געווא־רען צו באוואכען דאס הייליגטום און אביסעל ארויסהעלפען די אינגערע רעגיערונגס אנגעשטעלטע, „ועבודה לא יעבוד עוד״, אבער קיין ארבייט האבען זיי מעהר ניט געטאן, זיי האבען שוין געלעבט אויף פענסיע...

היינטיגע ציוויליזירטע לאזען אויך שוין ניט ארבייטען נאך 50 יאהר — מען גיט איהם די „סעק״ און ער מעג שוין אויסגעהן פאר הונגער.

צום צווייטען יאהר ווי די בני ישראל זיינען ארויס פון מצרים זיינען זיי אנגעזאגט געווארען צו מאכען דעם ערשטען יום טוב אלס אנדענק פון זייער באַ־פרייאונג, דאס איז דער יום טוב פסח.

די, וואס זיינען געווען מחוץ למחנה אלס טמאים לנפש אדם, אומריין פון מענשליכער טומאה, דאס הייסט אומשולדיגע, וואס איז מענשליך אז עס זאל געשעהן, האבען גע'טענה'עט צו משה'ן: „פארוואס זאלען מיר ניט קענען מאכען דעם קרבן פסח צוזאמען מיט אלע אידען אין איין צייט?״ און משה האט פאר זיי געמאכט א פסח־שני, דעם צווייטען חודש אין דעם זעלבען טאג, און אויך אנגע־זאגט, אז א פרעמדער זאל אנטייל נעהמען אין דעם יום טוב, פונקט ווי א בירגער. (פסח איז דער טייטש איבערשפרינגען. און די אמעריקאנער רעגירונג מאכט גראדע יא אן איבערשפרונג פון א פרעמדען ביז א בירגער, ביים איבערשפרינגען איהר גרענעץ...

* * *

דעם טאג וואס דער משכן איז אויפגעשטעלט געווארען, איז געווען א וואל־קענדיגער, און די בני ישראל האבען דעריבער ניט מארשירט, און אזוי איז אנ־געגאנגען די גאנצע רייזע. מ'האט א קוק געטאן אויף'ן משכן, אויב מ'האט געזעהן פארוואלקענט, האט מען גערוהט; איז דער וואלקען צוגאנגען, האט מען ווייטער מארשירט. על פי ד' יחנו, דורך די געטליכע סמנים האבען זיי גערוהט.

„ובהאריך הענן על המשכן ימים רבים״, אויב אויף'ן משכן האט זיך געזעהן

פארוואלקענט עטליכע טעג, האבען זיך די בני ישראל פארנומען מיט גייסטיגער ארבייט און ניט געמארשירט — ושמרו את משמרת ד׳ ולא יסעו.

משה זאגט צו זיין שווער יתרו ער זאל מיטגעהן מיט די בני ישראל, ווייל ער ווייסט דעם וועג, און פארשפרעכט איהם דערפאר צו פארגיטיטען: „לכה אתנו והטבנו לך.״

יתרו׳ס אנקומען איז יעצט ניט געווען קיין אפיציעלער, און ער האט זיך שוין געהאט געענדערט דעם נאמען אויף חובב, און ווערט שוין ניט דערמאהנט אלס דער כהן מדין.

יתרו האט זיך אנטזאגט צו געהן, אבער עס ווייזט אויס אז זיינע קינדער זיינען האך מיטגעגאנגען.

צי יתרו האט יעצט אויך מיטגעבראכט משה׳ס ווייב מיט די קינדער צי ניט, ווייסען מיר ניט, כאטש לויט דברי הימים געפינט מען זיי יעצט יא.

אבער איין זאך איז זיכער, אז ביים ערשטען באזוך האט מען איהם אויפ־גענומען פיעל שעהנער.

דאס בלייבט ביי אונז אלס א נאטירליכע זאך, אז מיר וועלען אימער אויפ־נעהמען מיט באנקעטען און לויב געזאנגען א גוי, איבערהויפט א גלח, ווען ער זאגט צו אונז א גוט ווארט און לויבט אונזער גלויבען. מיר וועלען איהם אפגע־בען מעהר כבוד ווי אונזערע אייגענע גדולים, דעריבער, ווייזט אויס, אז ביים צוויי־טען וויזיט איז שוין יתרו געווען א איד און מען האט שוין איהם קיין באנקעטען ניט געמאכט, איבערהויפט ניט אפגעגעבען צוויי פרשות „פובליסיטי״ אין דער תורה, ווי ביים ערשטען וויזיט אלס כהן מדין.

ווען דער ארון האט אנגעהויבען געהן, האט משה געזאגט: „קומה ד׳״, און ווען דער ארון האט זיך אפגעשטעלט האט משה געזאגט „שובה ד׳״.

אפשר איז זייט דאן געבליבען דער מנהג, דאס ווען מען שטעלט אריין די תורה אין היכל „זאגט מען״, דאס הייסט — דאן האלט מען דרשות.

און דער ערב רב האט נאך אלץ זיך געבונטעוועט — והאספסף אשר בקרבו התאוו תאוה, ויבכו גם בני ישראל — און די בני ישראל זיינען אויך צוגעשטא־נען צום געוויין. „גיט אונז פלייש״, האבען זיי גע׳טענה׳עט. „מיר געדענקען נאך די געפילטע פיש וואס מיר האבען געגעסען אין מצרים אומזיסט, פיש מיט ציבעלעס, מייערלאך און אנדערע צושפייזען, און יעצט האבען מיר בלויז מן.״

משה הערט אבער, אז ניט די פיש און ניט דאס פלייש וויל מען, נאר ער הערט אז דאס פאלק איז בכה למשפחותיו איש לפתח אהלו, מ׳רייסט זיך ארום אין הויז. עס געפעלט ניט די עסענס, עס געפעלט ניט די דינים פון טהרת המשפחה. דאס האט דערצארנעט גאט און משה׳ן האט עס אויך ניט געשמעקט. „ובעיני משה רע״.

און איידער גאט זאגט איהם נאך עפעס, פאנגט ער אן: וואס האסטו גע־וואלט פון מיר? וואס האסטו אויף מיר ארויפגעלעגט די גאנצע לאסט? איך בין זייער רעליגיעזער פיהרער, אבער פלייש? — פון וואנען זאל איך נעהמען פאר זיי פלייש? און זיי מיינען דען פלייש מיט פיש? אויב איך זאל זיי געבען אלע בהמות און די פיש פון אלע וואסערען, וועל איך דען זיי צופריהדענשטעלען? „כי יבכו עלי״, זיי וויינען איבער מיר, „לאמר״, זיי זאגען בלויז „תנה לנו בשר

ונאכלה״, אבער זיי מיינען פשוט עפעס אנדערש, און אויב איך זאל דארפען ווערען זייער פלייש פארזארגער, הרג׳סטו דאך מיך. „הרגני נא הרוג.״

און פיעלע רעליגיעזע פיהרער הרג׳ענען זיך אוועק, באלד ווי זיי פארנאכלעסי־גען זייערע אלע פליכטען פון גייסטיגע ארבייט, און נעהמען זיך צו דער פלייש־פראגע, אדער „בשר כשר״ לתת לכל העם.

און גאט הייסט משה׳ן ער זאל מאכען א ספעציעלע „פלייש באארד״ און זיי זאלען ארונטערנעהמען פון איהם אט די גשמיות׳דיגע פראגען...

און צום פאלק זאלסטו זאגען: איר וויינט אז איר ווילט פלייש, ווייל אין מצרים האט איהר דאס געהאט. אבער איהר מיינט דאך ניט דאס פלייש פון מצרים, נאר די שלעכטע זיטען פון די מצרים, „כי מאסתם את ד׳ מקרבכם״, ווייל איהר ווילט ניט זיין גייסטיג אפגעהיט און זאגט: למה יצאנו ממצרים?

איהר וועט שוין האבען פלייש, אבער איהר וועט האבען אזוי פיעל, אז עס וועט אייך אזש קריכען צוריק, אזוי פיעל צו פרעסען וועל איך אייך געבען.

אלדד און מידד האבען פארשטאנען, אז דא וועט שוין זיין עפעס א צרה, און זיי האבען אנגעמאכט א געוואלד אין דער מחנה, האבען גע׳מוסר׳ט די בני ישראל, און יהושע איז געקומען צו לויפען צו משה׳ן און געזאגט: „הער, די צוויי, אלדד און מידד, זאגען דארט נביאות, אז זייער וויינען וועט זיי קיין גוטעס ניט טאן, דאס פלייש וועט זיין קיין טובה ניט ברענגען״. אויב אזוי, זאגט יהושע, פארוואס דערלאזסטו דאס? און משה זאגט: אדרבא, זאלען אלע זאגען אזעלכע נביאות אין גייסט פון גאט.

און א מחנה פייגעל זיינען פון׳ם ים געקומען און זיך פארשפרייט אויף א פלאץ פון א טאג רייזע איבער דעם מדבר, א טאג רייזע אין דער לענג און א טאג רייזע אין דער ברייט; און דאס גאנצע פאלק האט דאס אויפגעקליבען גאנצע בערג, אבער זיי האבען נאך ניט געהאט די ציין אפגערייניגט פון׳ם פלייש, און א מגפה האט אויסגעבראכען פון וועלכער פילע זיינען אויסגעשטארבען, און מ׳האט דאס פלאץ א נאמען געגעבען: „קברות התאוה״ — די קברים פון די, וואס האט זיך פארגלוסט צו מאכען א פלייש רעוואלוציע.

און מרים מיט אהרן האבען אנגעהויבען צו רעדען וועגען משה׳ס שווארצע ווייב. איך האב איבער דיעזער פרשה געשריבען אויף׳ן פסוק „אלה תולדת אהרן ומשה״. אבער איך דערמאהן עס נאך אמאל, ווייל איך וויל נאר זאגען, אז אפילו מרים האט אויך געהאט די ווייבערשע נאטור פון בארעדען, ווייל דער פסוק זאגט אונז „ותדבר מרים ואהרן״, מרים האט געזאגט צו אהרן, אבער אהרן איז אויך גע־שטראפט געווארען, ווייל הערען די ווייבערשע רכילות׳ן איז פונקט אזא עולה ווי דאס ווייבערשע רעדען.

מרים איז אבגעשלאסען געווארען זיבען טעג פאר איהר רכילות. מיר געפעלט אזא פסק דין. הלואי קען מען כאטש אזוי פאר׳משפט׳ן אלע רכילות טרייבערקעס...

שלח

די בני ישראל הויבען ווידער אן צו צווייפלען אין דער גוטסקייט פון דעם פארשפראכענעם לאנד און זיי ווילען שיקען אהין א קאמיסיע. פאר וועלכען צוועק? דער צוועק, ווי זיי ערקלעהרען צו משה'ן, איז: „ויחפרו לנו את הארץ״, זיי זאלען בלויז אדורכגראבען די ערד, זעהן וואס פאר אן ערד עס איז, צי איז עס ניט אמאל מיט מאלארישע זומפען, וועלכע מען דארף נאך ערשט טרוקענען... ניט אלע זענען בעלנים אויף אזעלכע זאכען. די מעהרסטע מענשען ווילען קומען צום אלעם פארטיגען. ניט אלע זענען פעהיג צו זיין אמת'ע חלוצים.

דעריבער זאגט גאט צו משה'ן: „שלח לך אנשים״, שיק דיר מ ע נ ש ע ן, ניט קיין גרעבער, וואס זענען פעהיג אויף באגראבען די שענסטע אידעאלען... דער „שלח לך״ קאן אויך פארשטאנען ווערען: „דו, משה, שיק מענשען פאר דיין אייגענער אינפארמאציע, ווייל דו וועסט קוקען אויף דער זאך פון אן אנדער שטאנדפונקט, ווי דער דורכשניטליכער מענש פון דער מחנה ישראל״. אין דער קאמיסיע דארף אריין דער עלטסטער פון יעדען שבט.

משה האט אזוי געטאן — אויסגעקליבען די נשיאים פון די שבטים און זיי געשיקט „על פי ד׳״ — געזאגט זיי אז זיי זענען געטליכע שלוחים און דארפען ניט פארגעסען, אז זייער ווארט וועט פיעל באדייטען, טארען ניט האבען אין זינען קיין קליינליכקייטען.

און אזוי ווי משה'ס משרת, הושע, איז אויך געווען איינער פון די שלוחים, האט זיך משה באווארענט און צוגעלעגט א „יוד״ צו זיין נאמען און עס איז געווארען יהושע״, אזוי אז מיט איינעם, וועניגסטענס, זאל ער זיין אבסאלוט זיכער, אז ער וועט ניט קוקען אויף דעם לאנד דורך גו'אישע ברילען.

וואס די מרגלים האבען געדארפט געדענקען איז, אז זיי דארפען זיך ניט לאזען היהרען פון א „טוריסטען־געזעלשאפט״, וואס איז אנטיסעמיטיש געשטימט און זאלען ניט כאפען א קוק און אנטלויפען, ווי פילע פון די היינטיגע מרגלים טוען. זייער אויפגאבע איז געווען: ג ו ט ש ט ו ד י ר ע ן דאס לאנד און די פעלקער, וואס וואוינען דארטען און דאן ברענגען „מפרי הארץ״, פון די פרוכטען פון לאנד, ווייל אידען זענען, ווי עס שיינט, אלע מאל געווען א סקעפטיש פאלק און מען האט זיי געדארפט באווייזען שווארץ אויף ווייס.

די מרגלים זענען געגאנגען דורך דער נגב־זייט, ווי משה האט זיי געהייסען, אבער געגאנגען זיינען זיי נאר ביז חברון. געקומען ביז נחל אשכול האבען זיי שוין אפגעשניטען א ביסעל טרויבען, פייגען מיט טייטלען און באלד אנגעהויבען די רייזע צוריק.

קיין אויטאמאבילען זיינען נאך דאמאלסט ניט געווען, קיין עראפלאנען אודאי ניט, דאך האט זייער רייזע הין־און־צוריק מיט זייער אריבערגעהן דעם ירדן, גע־דויערט בלויז פערציג טעג. כמעט ווי די היינטיגע אמעריקאנער טוריסטען!

דאך, אז עס איז געקומען צום „רעפארט", האבען זיי געגעבען דעם איינדרוק, ווי זיי וויסען אלצדינג. „עס איז טאקע — האבען זיי געזאגט — א לאנד פון זבת חלב ודבש, א סימן, אט זענען די פרוכטען, אבער דאס פאלק איז זעהר א שטארקס — א פאלק פון ריזען, און די שטעדט זענען באפעסטיגט. בקיצור, אן אונמעגליכע אונטערנעמונג. נאר אזא „אוטאפיסט" און „פאנטאזיאר" ווי משה קאן גלויבען, אז דאס אידישע פאלק האט וועלכע עס איז שאנסען צו דעראבערען אט דאס לאנד.

אין דעם „רעפארט" פון די מרגלים געפינט זיך אויך א מאדנער ווידער־שפרוך: פון איין זייט פארזיכערען זיי, אז די איינוואוהנער זענען אמת'ע ריזען, בעת פון צווייטען זייט קלאגען זיי זיך: „והארץ אשר עברנו בה לתור אותה ארץ אוכלת יושביה היא" — ס'איז א לאנד, וואס פארצעהרט איהרע איינוואוהנער. ווי זשע שטימט איינס מיט'ן צווייטען און וואס איז דאס פאר א לאגיק?

נאר אין דעם פרט מוז מען געבען די מרגלים א קאמפלימענט, אז זיי זענען „געקומען אויף א וויילע און געזעהן פאר א מייל".

מיר וויסען, אז נאך מיט פופציג יאהר צוריק איז די קינדער־שטערבליכקייט געווען זעהר גרויס לגבי היינט, און אז צו פארדאנקען די מעדיצינישע אנטדע־קונגען איז די קינדער־שטערבליכקייט אין אונזער צייט פיעל פארקלענערט געווא־רען. היינט הערט מען אפט זאגען: „אין די פריהערדיגע יאהרען האט מען אזוי פיעל ניט געהערט פון הארץ־קראנקהייטען, אדער פון שווינדזוכט". דאס איז אמת, אבער עס ערקלעהרט זיך דערמיט וואס אין די פריהערדיגע דורות פלעגען די שוואכע קינדער אויסשטארבען אין זייער קינדהייט און געבליבען זענען „דהי סורוויוועל אף דהי פיטעסט", די סאמע געזונדסטע און שטארקסטע; היינט אבער ווערען די שוואכע קינדער אויך דערהאלטען ביים לעבען דורך די מעדי־צינישע ערפינדונגען, אבער זיי בלייבען שוואך זייער גאנץ לעבען. דעריבער זעט מען היינט ווייניגער „ריזען" לגבי דער צאהל שוואכע מענשען, וואס בא־קלאגען זיך אויף אלערליי קראנקהייטען.

אין יענע אלטע צייטען, ווען די מרגלים זענען געגאנגען אויספארשען דאס לאנד כנען, האבען הפנים זעהר ווייניג געבוירענע קינדער דורכגעקעמפט זייער וועג צום לעבען. דאס לאנד האט פארצעהרט איהרע איינוואהנער, בלויז די גאר שטארקע זענען געבליבען און דעריבער האבען זיי דארטען געזעהן א ריזען־פאלק דוקא צוליעב דעם, ווייל עס איז געווען אן „ארץ אוכלת יושביה".

כלב, א הייסער ציוניסט וויל עפעס רעדען, אבער מען לאזט איהם ניט. בעת ער משה'ן, ער זאל מאכען אביסעל ארדנונג, און דאן זאגט כלב — איינער פון די צוויי אמת'ע חלוצים טיפען אין דער מרגלים־קאמיסיע: — מיר וועלען ירשנ'ען דאס לאנד, מיר וועלען זיי בייקומען".

אבער די אנדערע מרגלים, מיט דער אויסנאהם פון יהושע, נאטירליך, מאכען א טומעל: „מיר קאנען ניט געהן, דאס פאלק איז שטארקער פון אונז. האפערדיג זיינען זיי געווארעי אין זייער הערצע, ווען זיי האבען געזעהן, אז די בני ישראל

אפלאדירען זיי, ניט כלב׳ן, ווייל יהושע׳ן לאזען זיי גאר ניט רעדען, און זיי טענה׳ען ווייטער: „די מענשען וואס וואוינען דארטען זענען אנשי מידות", ביינע לייט, הייסט עס, ציוויליזירטע מענשען; פארוואס זאל מען זיי גאר טשעפען, אפילו ווען מיר זאלען שוין זיין שטארקער פון זיי?

הפנים, אז דעמאלט זענען אויך געווען אידישע „אראבער", וועלכע האבען געהאלטען אין איין טענה׳ען, אז מיר האבען ניט קיין רעכט צו געהן „פארטרייבען" די איינגעזעסענע באפעלקערונג. מיט אמאל ווערט מען כלומרשט גאנצע „הומאניסטען" און מען וויקעלט שוין איין די טומאה אין דער „יראה".

און ס׳האט זיך שוין אנגעהויבען א געמורמעל אויף משה׳ן מיט אהרנ׳ען און די גאנצע עדה האט געקלאגט: „הלואי וואלטען מיר בעסער געשטארבען אין מצרים, אדער אפילו אין דער מדבר. עס איז דאך שוין בעסער מיר זאלען זיך צוריקקעהרען צו דער שקלאפעריי אין מצרים...

יהושע דער זוהן פון נון און כלב, דער זוהן פון יפונה — טאטענ׳ס קינדער, די צוויי אמת׳ע חלוצים אין דער קאמיסיע — רייסען אזש פון זיך די קליידער פאר פארדרוס. זיי קאנען ניט רעדען, מען לאזט זיי ניט. קוים, וואס זיי קאנען ארויסדרעהען: „הארץ אשר עברנו לתור אותה, טובה הארץ מאד, מאד" — דאס לאנד, וואס מיר האבען אויסגעקוקט איז זעהר גוט, הלואי גיט עס אונז נאר גאט, ווייל עס איז א לאנד פון מילך מיט האניג". גאט איז מיט אונז, האט קיין מורא ניט!

פארשטיינט זיי!" האט זיך דערהערט קולות פון דעם אויפגערעגטען „מאב". דא האט א וואונדער פאסירט. גאט׳ס כבוד האט זיך מיטאמאל באוויזען אין אהל מועד פאר די אויגען פון אלע אידען.

עס קומט א געטליכע ווארנונג: „זיי וועלען שטארבען אין דיזען מדבר, כ׳איז א מדבר־דור און איז ניט ראוי צו נעהמען אויף זיך די גרויסע היסטארישע מיסיע. בלויז כלב מיט יהושע׳ן, וועלכע האבען געזעהן דאס לאנד מיט אידישע אויגען — בלויז זיי וועלען אריינקומען אין דעם לאנד, און פון דיר, משה, וועל איך אויך מאכען א גרויס פאלק".

דא פאלט משה אויף׳ן פנים און בעט רחמים: „באווייז דיין גרויסקייט און פארגיב זיי". עס ווייזט זיך ווידער אמאל ארויס זיין גרויסע ליבע צום פאלק פון דעם פאלקס פיהרער.

און גאט ענטפערט: „גוט, זייערע קינדער וועל איך ברענגען אין דעם לאנד. דער דור המדבר אליין וועט מוזען בלייבען אין דער מדבר און דא שטארבען".

משה האט דעם „מעסעדזש" איבערגעגעבען דעם פאלק, און דא איז געווארען דער אמת׳ער טרויער. דורך דער נאכט האבען זיי אפגעהאלטען מאסמיטינגען און באשלאסען דאך פרובירען צו געהן. זיי האבען זיך געפעדערט גאנץ פריה און געזאגט: „מיר זענען גרייט צו געהן", אבער משה האט פארנומען דאס ווארט פון גאט, אז זיי דארפען זיך ניט ריהרען, ווייל דער וואס געהט קיין ארץ ישראל געצוואונגענערהייד, קאן ניט מצליח זיין.

די מחנה מאכט א פארזוך צו געהן אויף׳ן בארג, אבער דער ארון ד׳ און משה ריהרען זיך ניט פון ארט, און צו עהוועדבען אין אייגען לאנד אהן דעם ארון ברית ד׳ איז ניט אזוי לייכט — היינט, ווי אמאל. א סימן האבען מיר, עמלק האט

טאקע דאס מאל באזינגט די אידען און זיי געגעבען די קלעפ, וואס די מרגלים האָ־בען זיי פאראויסגעזאגט.

* * *

און אלע האפנונגען בלייבען אויף'ן יונגען דור, מיט וועלכען משה הויבט איצט אן איינקנעלען די געזעצען פון דער תורה. נאר מיט גערעכטיגקייט דארף א אידיש לאנד געבויט ווערען, ווייל נאר אזוי ארום קאן זי א קיום האבען. זיי דארפען גע־דענקען, אז דער גר און דער תושב דארפען ביי זיי האבען די זעלביגע רעכט. דער פרעמדער דארף באהאנדעלט ווערען ווי אן אייגענער.

* * *

און דאן קומט אן עפיזאר פון חילול שבת. די שטראף איז א שטרענגע — סקילה — אבער מיט א דור המדבר האט מען ווייזט אוים אנדערש ניט געקאנט האנדלען.

* * *

משה לערענט דאן מיט דעם יונגוואַרג די פרשה פון ציצית. אין די ציצית דארף שטענדיג זיין איינגעפלאכטען א בלויער פאדים, דער סימבאל פון ווייס און בלוי — הימעל־קאליר. א שטענדיגער צייכען, אז מיר זענען פארבונדען מיט דעם גאנצען באשאף און אז עס זיינען פאראן גייסטיגע כוחות, וואס רעגירען די וועלט. ס'איז אויך דער אידישער פרייהייטס צייכען — א שטענדיגער „זכר ליציאת מצרים".

קרח

ויקח קרח — און קרח האט „גענומען", האט קען הייסען, ער איז געווען א כאבארניק, און דעריבער אפשר, איז ער געווען אזוי רייך, דאס די וועלט זאגט: „רייך ווי קרח", און איז טאקע איינגעזונקען געווארען מיט'ן גאנצען געלד, ווייל עס איז געווען ניט קיין עהרליך געלד.

קרח האט אבער קענטיג געטראכט: מה דאך, אז ער, וואס ארבייט בלויז ביי היליגע זאכען מאכט אזא פארמעגען, היינט וואס פאר א פארמעגען מאכען שוין משה מיט אהרנ'ען? און ער האט גערופען א מיטינג פאר אן אויפשטאנד געגען משה'ן, און די „קרואי מועד", די צוזאמענגערופענע צום מיטינג, האבען אנגענומען א רעזאלוציע געגען ביידע פיהרער. פריהער איז געווען „ויקומו לפני משה", אבער אויס'ן מיטינג: ויקהלו על משה ועל אהרן" — אויפ'ן מיטינג האט מען געגען ביידע פראטעסטירט.

דתן און אבירם, די צוויי אייביגע יונגאטשעס, האבען דא אויך געהאט דאס ווארט: זיי זענען ביי יעדער מחלוקה, און וואו עס האנדעלט זיך אין מחלוקה, דארטען פיהרען זיי די מיטינגען.

זיי קומען צו משה מיט אהרן און זאגען: „רב לכם", איהר האט שוין גע־נוג, לאזט אונז אויך צו צו דער קהל'שער שיסעל, „כי כל העדה כולם קדושים". מיר אלע זענען אזעלכע פרומע, ווי איהר, און פארוואס קומט אייך שטענדיג צו זיין די העכסטע באאמטע — מדוע תתנשאו?

קרח מיט זיינע נאכפאלגער לעבען אייביג — „ובני קרח לא מתו". זיי געפינען זיך נאך היינט אויך אין יעדער געמיינדע, אין יעדער שטאדט.

משה פרעגט זיי: וואס איז דער מעהר מיט אייך? „רב לכם בני לוי", איהר האט עפעס א רב'ל, וואס העצט אייך אויף צו די מחלוקת'ן?... און ער זאגט צו קרח'ן: איהר, חברה, מיינט דאך ניט באמת מקריב זיין קרבנות, איהר לאכט דאך דערפון, ובקשתם גם כהונה, פונדעסטוועגען ווילט איהר אויך די כהונה.

משה שיקט רופען די צוויי בונטאוושטשיקעס, „דתן און אבירם". ענטפערען די יונגאטשעס: „לא נעלה", מיר געהען ניט. „ניט גענוג", זאגען זיי, „וואס דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים צו שטארבען דא אין דער מדבר, ווילסטו נאך זיין אונזער רעגירער? וואו איז דיין לאנד פון מילך און האניג? דיינע פעלדער און וויינגערטענער וואס דו האסט אונז צוגעזאגט?

משה וואונדערט זיך: וואס זענען זיי איהם דא מקנא? האט ער דען פון זיי עפעס גענומען? „לא חמור אחד מהם נשאתי", אדער האט ער אימיצען פון

זיי שלעכטס געטאָן ווען זיי האָבען יאָ גענומען? „לא הרעותי את אחד מהם" — איך האָב דאָך זיי קײנעם קײן שלעכטס ניט געטאָן.

— אויב אַזוי — זאָגט משה צו קרח'ן — דו מיט דײן גאַנצער חברה קומט מאָרגען פאַר גאָט — דו מיט דײן חברה, און אהרן אײנער אַלײן. מאַכט בײדע פון אײך קטורת און לאָמיר זעהען ווער פון אײך איז דער גערעכטער.

קרח האָט צוזאַמענגערופען זײן גאַנצע חברה אין אהל מועד. יעדער פון די צוויי הונדערט און פופציג האָט געהאַלטען אַ פײער־פאַן, פאַרטיג אַלעמען צו פאַר־ברענען, און די געטליכקייט האָט זיך באַוויזען ביים אַרײנגאַנג צום אהל מועד.

און גאָט זאָגט צו משה און צו אהרן: שײדט זיך אָפּ פון דיזען געזינדעל און איך וועל זיי אומברענגען אין אַ סעקונדע, און משה מיט אהרן בעטען זיך: רבונו של עולם, אַז אײנער זינדיגט, ווילסטו אַלעמען באַשטראָפען?

— אויב אַזוי — זאָגט גאָט — טאָ געהט אַוועק פון קרח'ן מיט זײן חברה. משה געהט צו וואו דתן און אבירם, די בעלי מחלוקה שטעהען און העצען, און ער זאָגט צו אַלעמען: טרעט אָפּ פון דיזע צוויי רשעים, ריהרט זיך צו זיי ניט צו, ווײל איהר קענט לײדען פאַר זײערע זינד.

זענען זיי טאַקע אַוועק פון די דתן און אבירם'ס געצעלטען, ווערענד די צוויי עזות פּנים'ער זענען געבליבען שטעהן מיט זײערע ווײבער און קינדער מיט חוצפּה, „יצאו נצבים".

און משה זאָגט ווײטער: אויב די דאָזיגע מענשען וועלען שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, זאָלט איהר וויסען, אַז ניט גאָט האָט מיך געשיקט; וועט זיך אָבער די ערד עפענען און וועט זיי אײנשלינגען לעבעדיג, זאָלט איהר דאַן וויסען, אַז מיך האָט ער יאָ געשיקט, און אַז זיי זענען גאָט'ס לעסטערער.

און ווי נאָר משה האָט געענדיגט רעדען, האָט די ערד זיך געעפענט און אײנגעשלונגען קרח'ן מיט זײן גאַנצען חברה מיט די הײזער און פאַרמעגענס; די ערד האָט זיך צוריק צוגעמאַכט, און ווען דער עולם איז אַנטלאָפען מיט אַ שרעקענס־געשרײ, האָט אַ פײער דערוויײל אויסגעבראָכען אין פאַרענט פון די צוויי הונדערט און פופציג פון קרח'ס אַרויסהעלפער, וואָס האָבען געהאַלטען פײער מקריב צו זײן קרבנות אויף אהרנ'ס פּלאַץ.

קרח מיט זײן חברה זענען אײנגעזונקען געוואָרען. די ערד האָט זיי צוגעדעקט. קען זײן אַז די ערד אין וועלכער די קרח'ס זײנען אײנגעפלאַנצט געוואָרען — אַט די ערד גיט דעריבער אַרויס אַזוי פיעל ניי געבווירענע קרח'ס געגנג פאַר יעדער געמײנדע און פאַר יעדען לאַנד.

עס ווערט געבראַכט אין תלמוד בבא בתרא, אַז רבה בר בר חנא האָט באַ־מערקט אַן אָפען פּלאַץ אין דער ערד און אויסגעפונען אַז דאָרט געפינט זיך די קרח קליקע און האַלט נאָך אין אײן זאָגען: „משה אמת ותורתו אמת", משה מיט זײן תורה איז אמת און מיר זײנען ליגנער. — איז דאָך די קשיה: פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ לאַנגע שטראָף ווען זיי האַלטען אין אײן מודה זײן אויף זײערע זינד?

איז דער תירוץ, אז די קרח'ס האבען איין דער ערד אויך איין זינען קריגערישע שפיצלאך. זיי זאגען, אז משה מיט זיין תורה איז אמת, און זיי זיינען ליגנער. אויב אזוי מיינט דאס, אז וואס זיי זאגען איז ליגען. טא „ליגען" זיי נאך טאקי אלץ איין דער ערד...

דאס פאלק זעהט זיך ארום, אז צוויי הונדערט פון די חשוב'סטע פון דער מחנה זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט קרח און זיין פאמיליע, מורמלען זיי אביסעל אונטער אויף משה'ן און זאגען: „אתם המיתם את עם ד'", איהר האט האך גע־טויטעט די געטליכע פון פאלק. אט פאר אזעלכע ווערטער האט די מגפה וויי־טער אוועקגעלעגט פערצעהן טויזענט און זיבען הונדערט, א חוץ קרח'ס חברה.

גאט זאגט צו משה'ן: „זאג די אידען, זאל יעדער געבען דעם שטעקען פון זיין נשיא, צוועלף שטעקענס פאר די צוועלף שבטים, און זאל יעדער אויפשרייבען זיין נאמען אויף'ן שטעקען, און אהרנ'ס נאמען זאלסטו אויפשרייבען אויף'ן שטעקען פון שבט לוי, לעג דאס אוועק אין אוהל מועד, און כדי מען זאל אויף אייך מעהר ניט ווארפען די שולד, אז איהר נעהמט זיך אליין די עמטער, וויל איך מאכען בליהען דעם שטעקען וועלכען איך וועל אויסקלייבען".

משה האט דאס איבערגעגעבען די אידען, און באלד האבען אלע געבראכט די שטעקענס מיט די נעמען אויפגעשריבען און איבערגעלאזט איבער נאכט אין אוהל מועד. אין דער פריה האט מען געפונען, אז פון אהרנ'ס שטעקען איז אויסגעוואק־סען א בוים מיט מאנדלען און יעדער האט זיך דאן צוריקגענומען זיין שטעקען.

דער מוסר השכל דערפון איז, אז דער וואס ווערט אויסגעקליבען פאר א פיהרער, מעג ער אפילו זיין א שטעקען, קען ער בליהען און ברענגען פרוכט. אהרנ'ס שטעקען בלייבט דעריבער אלס עדות „לבני מרי", צו די יונגאטשעס, זיי זאלען אויפהערען בונטעווען און זיך ניט אוועק'הרג'ענען, „ולא ימתו".

דעריבער איז די בעסטע עצה היינט פאר די בני קרח אויב איהר האט אזעלכע אין אייער געמיינדע: „ווייזט זיי דעם שטעקען" און זיי וועלען אויפהערען בילען.

נאך אזא סוף האט עס אפגענומען דעם אפעטיט פון די בני לוי און זיי האבען זיך גענויטיגט אין עטליכע ערמוטיגונגס ווערטער, און דאס האט זיי גאט גע־געבען, זאגענדיג צו אהרנ'ען: „דו מיט דיינע קינדער זיינען פאראנטווארטליך פאר דער גאנצער ארבייט און איהר וועט ליידען די זינד. אתה ובניך ובית אביך תשאו את עון המקדש ואת עון כהונתכם".

„וגם את אחיך מטה לוי הקרב אתך", צו דער ארבייט זיי אויך מקרב די בני לוי, זאלען זיי דיר העלפען אפהיטען די כלי הקודש, און עס וועט זיי שוין קיין קצף ניט געשעהן.

און דא פאלגט נאך א גאנצע פרשה פון די מתנות וואס באלאנגען צום כהן און צו די לוים, וועלכער חלק פון יעדען קרבן עס באלאנגט צו זיי, און וועלכעס צו אהרן מיט די קינדער.

„כי את מעשר בני ישראל, אשר ירימו לד' תרומה נתתי ללוים לנחלה". ווייל איך גיב זיי אלע היילינקייטען וואס באלאנגען צו מיר אלס זייער נחלה, דעריבער דארף זיי ניט אינטערעסירען, וואס איך וויל זיי ניט געבען קיין נחלה אין לאנד. זיי וועלען קריגען אלעס, ניט דארפענדיג בעארבייטען די פעלדער, אבער פון אלע וואס וועלען יא באארבייטען זייערע פעלדער, וועלען די לוים קריגען מעהר, און איהר קענט דאס עסען אויף יעדען פלאץ וואו איהר געפינט זיך.

און מען וועט ניט זאגען אז איהר באגעהט א זינד, ארונטערנעהמענדיג דאס פעטע פון אלעס, אבער אידישע היילינקייטען זאלט איהר ניט פאר־שוועכען, ווייל אויב איהר פארשוועכט די היילינקייטען קומט אייך גארניט און איהר זענט דעמאלסט אין געפאהר צו שטארבען פון הונגער.

„ואת קדשי בני ישראל לא תחללו ולא תמותו".

חקת

גאט זאגט צו משה'ן: „זאת חקת התורה" — אט דאס זענען די געזעצע פון דער תורה, וואס מען דארף אויספאלגען אפילו ווען מען ווייס ניט דעם טעם דערפון. דאן פאלגט דער פארזאג וועגען דער „פרה אדומה" דוקא צום יונגען כהן אליעזר. די יוגענד איז נייגעריג, עס פרעגט קשיות און עס וויל אין אלץ וויסען דעם טעם פארוואס, נאר אט איז א פארזאג וועגען א געוויסען ריטואל פארבונדען מיט טומאה און טהרה און עס איז אן אייביגער אנוואונק צו דער פרעגענדער יוגענד, אז ניט אלע מאל ליגט די לעבענס חכמה אין בארשען, א סך מעהר ליגט עס אין גלויבען, און אויספאלגען די געזעצען פון דער תורה, וועלכע איז א תורת חיים און מען קאן גערייניגט ווערען דורך בלויז נאכגעהן איהרע פארארדנונגען, מעג עס אפילו זיין בלינדערהייד. ווארים ניט אלץ איז דער מענש מסוגל צו פארשטעהן, זיין שכל איז באגרעניצט, דארף ער אבער נאר האבען אמונה אין די חוקים פון דער תורה און ער איז שוין זיכער, אז ער איז אזוי ארום פארבונדען מיט דעם מקור פון וויסען און חכמה.

אבער נאך'ן אויסהערען די „חקת התורה" זענען די אידען באלד ווידער געקומען צו א נסיון און איהם ניט געקאנט ווידערשטעהן.

ווען זיי זיינען געקומען צום מדבר צין איז מרים דארט געשטארבען, און אזוי ווי זיי האבען נאר גאס געהאט געלייענט די דינים פון טמא ווערען ביי א טויטען, האבען זיי מסתמא קומענדיג פון מרים'ס לויה זיך געוואשען מיט אזוי פיעל וואסער אז עס האט גענומען אויספעהלען וואסער צו טרינקען . . .

ולא היה מים לעדה, די געמיינדע האט ניט געהאט קיין וואסער.

זענען זיי גצקומען זיך אוים'טענה'ען מיט משה און אהרן. „וירב העם" און דער ערב רב האט זיך באלד גענומען קריגען. דא האט דער ערב רב אנגענומען די קלוגע טאקטיק פון איצטיגע מחרחרי ריב, זאגענדיג: מילא, מיר ערב רב וואס ליידען, האבען קיין טענה ניט צו קיינעם, ניט פאר אונז איז געווען די גאולה, נאר פאר די בני ישראל. דאס איינציגע וואס מיר זאגען יא איז „לו גוענו בגוע אחינו", הלואי זאלען מיר האבען געשטארבען ווי אונזערע ברידער, די מצרים, פאר גאט, בעת די עשר מכות. וואס אונז פארדריסט יא איז: למה הבאותם את קהל ה' למות במדבר? פארוואס קומט זיי — די בני אברהם, יצחק ויעקב — די צו וועמען דער באשעפער האט זיך ערקלערט פאר א גאט און זיי פאר זיין פאלק — אט דעם „קהל ה'", ווארום האט איהר געבראכט אויסצושטארבען אין מדבר? די פון ערב רב נעהמען זיך מכלומרשט אן ניט פאר זיך, נאר פארן קהל ה'...

און צוליעב וואס האט מען זיי ארויסגענומען פון מצרים. קיין ווייץ, קיין פייגען און טייטלען איז ניטא, און אפילו אביסעל וואסער פעהלט אויך!

און גאט זאגט צו משה: זיי האבען שוין ווייטער קיין דרך ארץ ניט פאר אייך, נאכדעם ווי איך האב זיי געוויזען דעם מופת דורך'ן שטעקען. טא נעהם דיין שטעקען און פארזאמעל די געמיינדע, דו מיט דיין ברודער אהרן, זאלען זיי זעהען דעם שטעקען, אפשר וועלען זיי זיך דערמאהנען: און איהר זאלט רעדען צום שטיין אין זייער געגענווארט — און אט פון דעם רעדען צום שטיין וועסטו האבען גענוג וואסער אנצוטרינקען די גאנצע געמיינדע מיט זייערע בהמות.

משה נעהמט דעם שטעקען און פארזאמעלט די עדה צום שטיין און זאגט צו זיי: זעהט, איהר שלעכטע, שמעו נא המורים! המן הסלע הזה, זעהט איהר פון דיזען שטיין איז מיר שוין לייכטער צו קריגען וואסער ווי פון אייך א גוט ווארט! „ויך את הסלע במטהו פעמים", מיט דעם שטעקען האט משה געשלאגען די נארישקייטען פון דעם ערב רב צום צווייטען מאהל . . .

און וואסער האט שוין געפלאסען אז די עדה מיט זייערע בהמות האבען זיך אנגעטרונקען.

אבער דער ארגומענט פון משה מיט אהרן געפעלט ניט גאט, און ער זאגט: אט מיט אזעלכע ווערטער וועט איך ניט געהייליגט, און ווייל איהר האט ניט גע־האנדעלט ריכטיג — געשלאגען מיט'ן שטעקען, אנשטאט צו רעדען מיט גוטען — וועט איהר ניט אריינברענגען דעם קהל אין זייער לאנד אריין.

משה נעהמט זיך ניט צום הארצען פון זיין אייגענער שטראף, און געהט ווייטער אז מיט פיהרען די בני ישראל צום פארשפראכען לאנד.

און משה שיקט שלוחים צום קעניג פון אדום, דעם פעטער עשו'ס מלוכה, און לאזט איהם זאגען: „אזוי האט געלאזט וויסען דיין ברודער ישראל: — אט געהען מיר יעצט אפנעהמען אונזער ירושה, דאס לאנד פון די אבות, און אויב דו דענקסט אז דו ביסט א גלייכער שותף, האסטו דאך אבער מיט אונז צוגלייך ניט געליטען. אתה ידעת — דו ווייסט דאך וואס מיר האבען איבערגעלעבט אין מצרים. מען האט אונז געפייניגט, א לאנגע צייט האבען מיר געליטען; מיר האבען געשריען צו גאט, ער זאל שוין מקים זיין וואס ער האט צוגעזאגט אונזערע עלטערען; אלזא, מיר האבען געליטען פאר'ן לאנד און מיר ווילען יעצט נעהמען די ירושה, און מיר זיינען נאהענט צו דיינע גרעניצען. בעטען מיר דיך: לאז אונז דורכגעהן דיין לאנד. מיר מאהנען ביי דיר ניט קיין שדה וכרם, וואס די האסט צוגענומען פון אונזערע עלטערען; מיר ווילען אפילו ניט געניסען די וואסער פון די ברונימער, ניט באצאהלענדיג דערפאר; מיר וועלען זיך ניט אפ־נויגען לינקס אדער רעכטס פון אונזער צוזאג, מיר ווילען נאר אריבער דיינע גרענעצען".

און אדום זאגט: „ניין, געה ניט אדורך מיין לאנד. איך וועל דיר אנטקע־גען קומען מיט מיין שווערד — בחרב אצא לקראתך".

און די שלוחים טענה'ען װײטער: „מיר װעלען גײן מיט די אויסגעטראָטענע װעגען, און װאו מיר װעלען דאַרפען װאַסער, װעלען מיר באַצאָלען. רק אין דבר, אַפי' מיר זאָלען זיך ניט דאַרפען אויס'טענה'ען".

אָבער עשו האַלט זיך ביי דאָס זייניגע. די קוואָטע איז פאַרפּולט. „לא תעבר" — װעסט ניט דורכגײן, און אדום װיל די אידען ניט אַריינלאָזען. און זיי, די אידען, גײען אװעק אין אַן אַנדער זייט.

די אדומים זיינען אויך געװען אויס שפּעטער אוועק קיין אמעריקע און אויך איינגעפיהרט דעם געזעץ פון „לא תעבר בי" ניט אַדורכלאָזען ישראל דורך זיינע גרענעצען.

און דאָ קומט דער ערשטער נאַציאָנאַלער אומגליק, װאָס געהט זיך אָן בדרך הטבע:

גאָט זאָגט צו משה מיט אהרן אויפ'ן הר ההר, ביים גרענעץ פון אדום:

אַט דאָ װאָט אהרן שטאַרבען, װייל איהר האָט ניט געהייליגט מיין נאָמען ביי דער װאַסער מחלקה. נעהם אהרן מיט זיין זוהן אלעזר און ברענג זיי אַרויף אויפ'ן שפּיץ באַרג, זאָל אהרן אויסטהון זיינע כהונה-קליידער און אלעזר זאָל זיי אָנטהון. אין אהרן װעט דאָרט שטאַרבען, משה פאָלגט אויס. אהרן שטאַרבט, און משה מיט אלעזר'ן קומען אַרונטער פון באַרג, ניטאָ מעהר אהרן, ניטאָ אויף װעמען צו קריגען...

אָבער װען די געמיינדע דערזעהט, אַז אהרן איז געשטאָרבען, דאַן באַװיינט זי איהם דרייסיג טעג.

אַט דאָס װאָס יעדער כלל ארבייטער קריגט, ביים לעבען קריגט מען אויף איהם, אָבער נאָכ'ן טויט ויבכו כל בית ישראל — נאָכ'ן טויט זאָגען אַלע, אַז ער איז געװען אַ הייליגער.

דער קעניג פון ערד הערט, אַז די בני ישראל קומען אין זיין לאַנד, זיי פאַרשטעהן דאָס פון די עמליבע שפּיאָנען װאָס זיינען פריהער געקומען אויסזעהן דאָס לאַנד, און ער האָט זיי פאַרהאַלטען אלס געפאַנגענע.

װערט שוין ישראל ערנסט, און טהוט אַ נדר: אויב גאָט װעט אונז איבערגעבען דאָס פאָלק, װעלען מיר זיך נוקם זיין אין זייערע שטעדט.

און זיי פיהרען די ערשטע מלחמה און פאַרװיסטען טאַקי די שטעדט, אַזוי, אַז דאָס לאַנד האָט מען גערופען נאָכדעם חרמה—װיסט.

אַרומגעהענדיג דאָס לאַנד אַרום װערט זיי װייטער לאַנגװייליג דאָס געהן, און דאָס פאָלק, דער ערב רב, האָט שוין ניט קיין אהרן, רעדען זיי אויף גאָט און משה מיט דער זעלבער אַלטער טענה: „למה העליתנו ממצרים למות במדבר?" — אַט דאָ װען דער ערב רב דערזעהט אַז מלחמות קענען די אידען יאָ געװינען, איז דאָך אַ סימן, אַז מ'װעט אַריינקומען אין לאַנד, און זיי װייסען, אַז גאָט האָט געזאָגט אַז דער דור װעט אויסשטאַרבען אין דער מדבר, און זיי פרעגען שוין צו גאָט און צו משה'ן: „צו װאָס האָכטו אונז אַרויסגעצויגען פון מצרים, צו שטאַרבען אין דער מדבר און

דא האבען מיר קיין נחת ניט, „ונפשנו קצה בלחם הקלקל“. דאס וואס זיי רופען דעם מן.

און גאט וועלענדיג וואס שנעלער ארייננברענגען די קינדער אין לאנד„ שיקט שוין אן „שרפים“ אזעלכע ראטעל־שלאנגען און זיי בייסען דאס פאלק. טהוט שוין דאס פאלק ווידער תשובה און דאס אנשיקעניש ווערט פון זיי אפגעטאן, אבער ווידער זאגט גאט אן משה'ן צו מאכען א צייכען, בכדי זאלען עס זעהן און געדענקען..

און די שלאנג מגפה האט אויפגעהערט און זיי האבען געקראגען א ברונעם מיט וואסער, וואס איז מיט זיי מיטגעגאנגען, האבען זיי דאן געזונגען א געזאנג צו גאט— דאס ערשטע מאל נאך שירת הים, וואס אידען האבען זיך דערפיהלט אזוי אויפגעלעגט . . .

און מיט מעהר מוטה זיינען זיי ווייטער געגאנגען, און אז סיחון דער קעניג פון אמורי, האט זייערע שלוחים אנטזאגט זיי אדורכצולאזען, האבען די אידען געהאלטען מיט זיי מלחמה און געזיעגט, און צוגענומען זייערע שטעדט, דאן האבען זיי איינגענומען יעזר, ביז זיי זיינען געגאנגען דורך בשן איז זיי דער העלד עוג מלך הבשן אנטקעגען געקומען מיט זיין מיליטער, אבער גאט זאגט צו משה'ן: „האב קיין מורא ניט“. און די אידען האבען טאקע איהם אויך מיט זיין חילות געשלאגען און צוגענומען דאס לאנד.

ווייטער געגאנגען, און יעצט רוהט מען שוין אין ערבות מואב, ניט ווייט פון ירדן ירחו.

בלק

„וירא בלק" — בלק, דער קעניג פון מואב, זעהט, וואָס די אידען האָבען געטאָן צו אמורי, קריגט ער מורא פאַר'ן פאָלק, די רב הוא, ווייל זיי זענען זעהר פיעל.

בלק האָט דאָך מסתמא געוואוסט, אַז די בני ישראל האָבען אַן אָנזאָג ניט צו שלאָגען זיך מיט מואב'ן און זיי אפילו ניט אויפרייצען, אָבער ער זעהט דאָס פאָלק, דעם ערב רב און ער האָט מורא, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז אין אַזאַ גרויסער צאָהל וועט ניט אויספאָלגען גאָט'ס באַפעהלען און וועט דוקא זיך יאָ וועלען שלאָגען . . .

רעדט ער זיך דעריבער צוזאַמען מיט די זקני מדין, און זיי באַשליסען צו רופען צו הילף בלעם, דעם אַלטען מכשף, וועלכער געפינט זיך אין אַ דערבייאיגער נאָכבאַרשאַפט.

ער שיקט שלוחים צו בלעם און זאָגט איהם: אַ פאָלק איז אַרויס פון מצרים, און זיי באַדעקען די גאַנצע ערד, אַזוי פיעל זענען זיי. איצט זענען זיי ניט ווייט פון מיר, וויל איך דו זאָלסט קומען זיי שעלטען, אַז זיי זאָלען ווערען ווענינגער וועל איך זיי דאַן קענען שלאָגען און פאַרטרייבען פון מיין נאָכבאַרשאַפט.

וואָרים איך ווייס דאָך — לאָזט איהם בלק זאָגען — אַז ווען דו בענשסט איז געבענשט, און ווען דו שילסט איז געשאָלטען. בלעם זאָגט, אַז ער דאַרף זיך פריהער אָנפרעגען ביי גאָט.

און בלעם זאָגט צו גאָט, דאָס וואָס די שלוחים ווילען פון איהם, און גאָט זאָגט צו איהם: געה ניט מיט זיי, שילט זיי ניט און בענש זיי ניט, ווייל זיי האָבען ווער עס זאָל זיי בענשען, און זאָלען זיי ניט מיינען, אַז דיינע ברכות זע־נען מקוים געוואָרען.

אין דער פריה זאָגט בלעם אַן די שלוחים, אַז גאָט הייסט איהם מיט זיי ניט געהן; מיינט בלק, אַז ער דאַרף שיקען גרעסערע יחסנים, טוט ער אַזוי. זיי קומען צו בלעם'ען און זאָגען איהם צו כבוד מיט געלד, אַבי ער זאָל געהן שילטען דאָס פאָלק.

שילטען די אידען לוינט זיך קיינעם ניט בחנם, ווייל אַזוי גיך ווי די אַנטי־סעמיטען הערען אויף צו קריגען שטיצע און ציהען בענעפיט פאַר זייער אַנטיסע־מיטיזם, הערט באַלד אויף זייער פראָפּאַגאַנדע. בלעם זאָגט אָבער: ווען בלק

גיט מיר זיין גאנץ הויז מיט גאלד און זילבער, קען איך ניט טאן די מינדסטע זאך, וועו גאט הייסט מיר ניט.

אבער בלעם קען דאך ניט פארלירען די געלעגענהייט צו מאכען עטליכע דאלאר פאר שילטען אידען, הייסט ער די שלוחים איבערוואַרטען איבער נאכט צו וויסען, וואס גאט וועט ווייטער זאגען, ווען ער וועט וויסען, אז עס האנדעלט זיך אין זיינס א פארדינסטעל . . .

און גאט זאגט צו איהם: אויב די מענשען זענען נאך דיר געקומען, געה מיט זיי, נאר טו דאס, וואס איך וועל דיר הייסען.

פאר גרויס שמחה שטעהט בלעם אויף גאנץ פריה, זאטעלט אן זיין אייזעל, און געהט מיט די שלוחים.

א מלאך שטעלט זיך אויפ'ן וועג, וואו ער רייט פארביי.

אז אייזעל קען אמאל זעהן און אפילו ריידען ווען עס פארגלוסט זיך איהם. איהר האט שוין ניט איינמאל געהערט אייזלען רעדען, און איהר האט נאך אפ־לאדירט.

דער אייזעל, דערזעהענדיג דעם מלאך מיט א שווערד אין האנט (מיט וואס דען וועט מען אפסטראשען אן אייזעל?) דרעהט ער זיך אפ פון וועג צום פעלד צו.

בלעם, וואס קען שילטען א פאלק, וואס קען רעדען צו גאט, זעהט אפילו ניט דאס, וואס דער אייזעל זעהט, טא וואס טוט ער? שלאגט ער. דריקט זיך דער אייזעל צו צו א וואנט און בלעם'ס פוס בלייבט צוגעדריקט צווישען וואנט און דעם אייזעל. שלאגט ער ווייטער. זעהט אבער דער אייזעל מעהר ווי בלעם, און לעגט זיך איינגאנצען אוועק. שלאגט שוין בלעם מיט'ן שטעקען.

און דא עפענט דער אייזעל א מויל, און פרעגט זיין בעל הבית: וואס האב איך דיר געטאן, וואס דו שלאגסט מיר שוין צום דריטען מאל? שוין גאר ניט קיין אייזעלשע פראגע!

הערט, וואס דער העלד ענטפערט: „דו האסט חוזק געמאכט פון מיר, ווען איך האב א שווערד אין האנט וואלט איך דיך דער'הרג'עט".

א פארשוין, וואס פאהרט פארשילטען א גאנץ פאלק מיט'ן מויל דארף האָ־בען א שווערד צו א קליין אייזעלע.

אבער אז דער אייזעל עפענט שוין א מויל, מעג אפילו א בלעם זיך שוין באגראבען.

ער זאגט צו זיין בעל הבית: דו רייטסט דאך אויף מיין קארק נאר פון דיין יוגענט אן, האב איך דיר אזוינס געטאן? עפען בעסער דיינע אויגען און זעה! און בלעם דערזעהט גאט'ס מלאך מיט דער שווערד אין האנט, בויגט ער זיך איין אין דרייען.

און דער מלאך פרעגט איהם: בלעם'קע, פארוואס האסטו געשלאגען דיין אייזעל? איך בין דאך איהם געשטאנען אין וועג, און אט דער אייזעל האט דאך דיך מציל געווען פון טויט. ווען ער געהט ניט אפ אין א זייט וואלט איך דאך דיך מיט דיין אייזעל דער'הרג'עט.

פארטיידיגט זיך בלעם: איך האב דאך ניט געוואוסט, אז דו ביזט דא אין וועג, און אויב עס פארדריסט דיך מיין געהן, טא געה איך שוין צוריק. דער מלאך

זאָגט איהם: נייז, געה זיך דיר, נאָר זעה דו זאָלסט דאָרט ניט פּלאַפּלען עפּעס, סיידען וואָס מ'וועט דיר הייסען.

און בלעם געהט שוין מיט די שרי בלק, אַפּנים ער האָט שוין מורא צו רייטען אויף אַן אייזעל, וואָס זעהט בעסער און רעדט בעסער פון איהם.

אַן אייזעל איז אָפט מאָל קלוגער ווי אַן אַנטיסעמיט, וואָס זוכט צו שילטען אידען.

בלק דערהערט, אַז בלעם קומט, געהט ער איהם אַנטקעגען און פרעגט איהם: וואָס איז עפּעס דער מעהר, בלעם? איך ווייס דאָך, אַז דו זוכסט צו כאַפּען אַ פּאַרדינסטעל, טאָ פאַרוואָס ביזטו עפּעס ניט געקומען ביים ערשטען מאָל? האָסט מורא געהאַט, אַז איך וועל דיך ניט קענען באַפרידיגען? — „האומנם לא אוכל כבדך?" און בלעם ענטפערט: און איצט, אַז איך בין שוין יאָ געקומען, קען איך דען עפּעס טאָן? וואָס מ'וועט מיר לעגען אין מויל אַריין, דאָס וועל איך מוזען רעדען.

בלק געהט מיט בלעם'ען און פיהרט איהם אין די באַפּעלקערטע גאַסען און מ'מאַכט אַ מאַהלצייט פאַר'ן גאַסט.

אין דער פריה ברענגט איהם בלק אויפ'ן טורעם, וואו דער „בעל" געפינט זיך, כדי ער זאָל פון דער הויך קענען זעהן אַ טייל פון דעם פאָלק.

און בלעם באַשטעלט זיבען מזבחות מיט זיבען אָקסען און זיבען באַראַנעס. אפשר פון דאַן איז געוואָרען דאָס ווערטעל, אַז זיבען איז אַ ליגען, ווייל בלעם האָט נאָר מקריב געווען איין פּר און איין איל, די רעשט האָט ער געהייסען אַהיים נעמען.

איצט, זאָגט בלעם, וועל איך געהן זעהן, אפשר וועט מיך גאָט טרעפען און מיר עפּעס זאָגען, און ווען עס דאַכט זיך איהם, דאָס ער זעהט גאָט, וויל ער איהם שוין משחד זיין און זאָגט איהם: „את שבעת המזבחות ערכתי" — איך האָב דיר אויפגעשטעלט זיבען מזבחות, אָבער ער קריגט אַן ענטפער: „געה צוריק צו בלק'ן און זאָג איהם, וואָס איך וועל דיר דאָרט אַריינלעגען אין מויל".

בלעם געהט צוריק, וואו בלק מיט די שרי מואב וואַרטען און זאָגט:

בלק האָט מיך געבראַכט אַהער צו שילטען יעקב און צאַרנען אויף ישראל: ער האָט זיך באַוואָרענט מיט ביידע נעמען, אָבער ווי קען איך דאָס טאָן, אַז זייער גאָט טוט דאָס ניט? עס איז דאָך אַ פאָלק אַ באַזונדערס, וואָס פאַרמישט זיך ניט מיט אַנדערע פעלקער. הלואי אויף מיר אַזאַ טויט מיט וועלכען זיי שטאַרבען.

ווערט שוין בלק בייז: „איך האָב דיר גערופען זיי שילטען און דו בענשסט זיי גאָר!"

איך האָב דאָך דיר פריהער געזאָגט — טענה'ט בלעם — אַז וואָס גאָט וועט מיר לעגען אין מויל אַריין, דאָס וועל איך מוזען רעדען.

בלק ווייסט דעם ווינקעל, וואו דער גרעסטער טייל פון ערב רב רוהט. רופט ער בלעם'ען אויף אַן אַנדער פּלאַץ: קום זאָגט ער — וועסטו זעהן אַ טייל פון פאָלק און ניט אַלע. פון דאָרט וועסטו אפשר זיי קענען שילטען.

אויך דאָרט באַשטעלט בלעם זיבען מזבחות, און געהט זיך זעהן מיט גאָט. און ווען ער קומט צוריק, זאָגט ער, אַז גאָט ענדערט ניט זיין וואָרט, ער האָט די אידען געבענשט און וועט ניט דערלאָזען, אַז איך זאָל זיי שילטען.

אויף א דריטען פלאץ האט בלק איהם איבערגעפיהרט, ביי דעם „פעור": ער האט אויספרובירט פארשידענע „געטער", אבער דא האט שוין בלעם געוואוסט. אז שילטען וועט ער ניט קענען, נור בענשען — האט מען איהם געזאגט — טאר ער ניט. האט ער אנגעהויבען לויבען די אידען:

„מה טבו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל", דאס האט אויך אייגענטליך געמיינט מעהר א מסירה'לע, ווי שעהן זענען דיינע שוהלען און דיינע פריוואטע וואוינונגען, אבער ווי קליינליך איז דיין קינדער ערציהונג, וואס פאר א צרה'דיגע תלמוד תורה'ס דו האסט . . .

בלעם האט ניט געוואלט שילטען, האט ער באטש אן עצה געגעבען בלק'ן. אז ער זאל די אידען מאכען זינדיגען מיט'ן בעל פעור, און ער זאל דאס טאן דורך די שעהנע טעכטער פון מואב. דאס האט אביסעל געהאלפען, און דער ערב רב איז טאקע געשטרויכעלט געווארען מיט די מואב'שע קורצע קליידלאך און געפוי־דערטע ליפעלאך, וועלכע האבען אלס באלוינונג פאר זייער „גוט־הערציגקייט" געזוכט א שמייכעל צום „פעור".

אבער די טראגעדיע איז געווען ווען „אחד מבני ישראל בא" — ווען איינער פון די בני ישראל איז געקומען פארברענגען מיט א מאוב'קע. אין געגענווארט פון משה'ן מיט דער גאנצער עדה, ניט ווייט פון אהל מועד.

דאס האט געדארפט זיין א יונגער מאן פון די וואס האבען שוין געזאלט אריינקומען אין לאנד, האט דעריבער דער יונגער פנחס איהם דערשטאכען צוזא־מען מיט זיין געליבטער, און אט דאס האט געמאכט אן ענדע צו דער מגפה, וואס האט געקאסט די לעבענס פון פיער און צוואנציג טויזענט.

און אט האט איהר דעם בענעפיט פון בלעם'ס ברכות מיט זיינע עצות.

און ווען איהר רופט א ניט־איד, ער זאל אייך בענשען, סיי איהר לאדעט איהם איין אין אייערע א שוהל, סיי אויף א אידישע נאציאנאלע שמחה, פארגעסט ניט. אז עס איז פאראן א בלעם פסיכאלאגיע צווישען די בלעם'ס, וואס אויב זיי קענען ניט שילטען נעהמען זיי בענשען, אבער זייערע ברכות זענען מיט דעם צוועק פון אסימילאציע מיט די בנות מואב.

פנחס

פנחס, דער אייניקעל פון אהרן הכהן, ווי עס ווערט דערציילט אין דער לעצטער סדרה, האט אפגעטאן א קנאות טהאט, ווען ער האט דערשטאכען א אידישען נשיא מיט א מדינ'ער פרינצעסין, וועלכע האבען באגאנגען א שענדליכען אקט אין דער אנוועזענהייט פון משה'ן מיט אלע אידען, ביים היילינגסטען פלאץ.

ווי עס ווייזט אוים האבען אידען אפטמאל געליטען פון די אויסדערוועהלטע נשיאים. די מרגלים זענען אויך געווען די ערוועהלטע נשיאים, און ביי דער מחלוקת קרח האבען זיי אויך ניט געפעהלט. און זאל אונז דעריבער קיין וואונדער ניט זיין, ווען מיר האבען אביסעל צרות פון אונזערע ערוועהלטע. עס ווייזט אוים אז דאס ביסעל כבוד וואס זיי קריגען, ווען זיי ווערען ערוועהלט צו זיין פיהרער, שאדעט זיי, אויב זיי קענען זיך גייסטיג ניט דערהויבען צו זייערע עמטער.

און ווי האבען די בני ישראל, נאר וואס ארוים פון אזא לאנגע שקלאפעריי־פעריאד, געקענט וועהלען בעסערע מענשען?

די זעלביגע קשיה שטעלט זיך אפט בנוגע אונזערע ערוועהלטע אין דיזען לאנד: פון וואנען זאלען מיר נעהמען מעהר פאסיגע מענשען זיי צו ערוועהלען, אז מיר האבען אזוי ווייניג פון זיי אין אונזער מחנה? און דאס ביסעל וואס מיר וואלטען יא געהאט, זענען ניט פון די חברה וואס האבען די חוצפה צו שטופען זיך איבעראל. דער רעזולטאט איז, אז די מדינ'ישע „מענטאליטי" שטעהט ביי זיי העכער: און ביי דעם הייליגסטען פלאץ, ביי דער וויכטיגסטער אידישער פראגע, שענדען זיי דעם אידישען נאמען עפענטליך פאר די אויגען פון אלע אידען.

יא, דאס האט זיך געטראפען אין דער צייט, ווען ישראל איז נאר וואס געווארען א פאלק, און עס טרעפט זיך היינט אויך אין א וואנדערונגס פעריאדע.

דער קנאות אקט געפעלט אין דעם פאל דער געטליכקייט. רש"י דערציילט אונז, אז משה'ס אנהענגער האבען געטאדעלט פנחס'ן פאר הרג'ען א נשיא און ערוועהלטען, און גאט זאגט דעריבער צו משה'ן: „זאג פנחס'ן, זאל ער ניט האבען קיין מורא פאר די „בעלי מחלוקת" וואס קריגען אויף איהם פאר הרג'ען א „חשוב'ען בעל הבית". איך וויל איהם שוין געבען מיין „ברית שלום". די וואס האלטען פון מיין „ברית שלום", וועלען מיט איהם האבען שלום. זאל איהם ניט אהרען די מגפה, ווייל ער האט זי ניט געשאפען, נאר איז געגענטייל, צוליעב זיין האנדלונג האט די מגפה אויפגעהערט. ער האט געעפענט די אויגען פון די ווילדע מענשען, וואס מאכען זיך א געטשקע, אבי צו קענען לעבען א טאג מיט די שעהנע מדינ'ערקעס."

נאך דער מגפה זאגט גאט צו משה'ן: יעצט איז די צייט צו מאכען נאך אמאל א פאלקס־צעהלונג פון צוואנציג יאהר אלט און העכער.

אין אנפאנג פון צעהלען, ווערט באלד דערצעהלט, אז די צוויי יונגאטשעס, דתן און אבירם, וועלכע האבען שטענדיג געהעצט אויף משה'ן מיט אהרנ'ען און וואס זענען געווען די פיהרער פון קרח'ס מחלוקה, שטעהען אין חשבון, כאטש איינגעזונקענערהייט, מסתמא כדי זיי זאלען זיין א „סטראשידלע" פאר אלעמען, ניט אנצופיהרען קיין העצערייען.

מילא, אז זיי זיינען שוין „געלעגען אין דער ערד", האט זיך שוין קיינער צו זיי סיי ווי ניט צוגעהערט, אפילו ווען זיי וואלטען ווייטער געקומען העצען. דאס זיינען שוין געווען, ווי מ'זאגט, אין דער ערד־ליגער. „ובני קרח לא מתו" — קרח'ס קינדער זיינען ניט געשטארבען, און דעריבער פעהלט אונז ניט פון דעם מין איבעראל.

נאך אלע מגפות איז די צאהל נאך געווען אביסעל גרעסער, לויט דער ערש־טער צעהלונג. כאטש אין דער יעצטיגער צעהלונג האט זיך שוין ניט געפונען קיין איינער פון די וואס זיינען געצעהלט געווארען אין דער מדבר, זיי זיינען שוין אלע געווען אויסגעשטארבען, ווי גאט האט זיי געזאגט, אז זיי וועלען שטארבען אין דער מדבר, אויסער יהושע בן נון און כלב — די וואס זענען ניט הינגעריסען געווארען פון די אנדערע צעהן מרגלים; און דתן מיט אבירם זיינען פשוט געווען לעבעדיגע טויטע, וואס מען האט זיי ניט גערעכענט צווישען די געצעהלטע.

דא זענען געקומען פינף אלטע שוועסטער מיידלאך מיט א טענה צו משה'ן: „אזוי — זאגען זיי — דו ווערסט דאך אויסטיילען דאס לאנד לויט דעם הויפט פון דער משפחה, דעם מאן; און אזוי ווי אונזער פאטער צלפחד איז געשטארבען אין דער מדבר, און איז חלילה ניט געווען פון די זינדיגע צווישען די בני קרח, ער איז פשוט געווען זינדיג ניט צו קענען קומען מיט אונז אין לאנד אריין, „כי בחטאו מת", היינט וועלען מיר דאך פארלירען אונזער טייל אין לאנד! וואס זענען מיר שולדיג, אז אונזער טאטע האט ניט קיין זוהן?

משה וואלט געדארפט פארשטעהן, אז זיי זיינען גערעכט: ער האט אבער ניט געוואלט משפט'ן, וויל זיי, די בנות צלפחד, האבען איהם געוואלט ווייזען אז זייער פאטער איז געווען זיינער א פריינד, „והוא לא היה בעדת קרח", ער איז ניט געווען צווישען קרח'ס בונטאווטשיקעס, האט משה דעריבער זיי געבראכט צום משפט פאר גאט.

און דער רעזולטאט איז געווען, אז גאט האט געהייסען זיי געבען די נחלה פון זייער פאטער, און אלס א פרעצעדענט געלאזט וויסען, דאס ווען א פאטער שטארבט און לאזט ניט קיין זוהן, געהט זיין חלק איבער צו די טעכטער; און אויב ער האט ניט קיין טעכטער, געהט עס צום נאהענטסטען פון זיינע קרובים.

די פערציג יאהר אין מדבר האלטען זיך ביי ענדיגען. אט־אט און די בני ישראל, די ניט בארזינדיגטע, דארפען שוין אריינקומען אין לאנד. משה דארף שוין זעהן א שטיקעל נחת פאר זיינע יאהרען פון שווערע מיה, ער דארף שוין גע־ניסען א שטיקעל שכר פאר זיין גאנצער ארבייט. פונקט איצט, זאגט איהם גאט: „משה, געה ארויף אויפ'ן „הר העברים" און קוק־אן דאס לאנד וואס איך גיב די

אידען; זעה עס, און געה דיר דיין וועג, ווי דיין ברודער אהרן, ווייל איהר האט ניט געהייליגט מיין נאמען ביי דער מחלקה איבער וואסער".

משה פראטעסטירט ניט. משה קען בעטען פאר דער גאנצער עדה: משה קען זאגען: „מחני נא מספרך", אויב דו ווילסט די בני ישראל אומברענגען, דאן מעק מיך אויס פון דיין בוך; אבער ווען עס קומט די צייט, וואס גאט זאגט צו איהם: „געה, דיין צייט איז געקומען", און נאך דערצו פאר אן עברה, וואס ער זאל האבען באגאנגען, דאמאלסט זארגט דער גרויסער פיהרער ניט פאר זיך, נאר ער בעט „יפקד ד' איש על העדה" — באפעהל א מענשען איבער דער עדה, וואס זאל געהן פאר זיי, וויאס זאל זיי פיהרען און ברענגען אין לאנד, און זאל גאט'ס געמיינדע ניט זיין ווי שאף אהן א פאסטוך.

און גאט זאגט צו איהם: „זארג זיך ניט פאר א פיהרער. נעהם יהושע בן נון, וואס באזיצט גייסט — אשר רוח בו — און גיב איהם סמיכה. שטעל איהם פאר פאר אלעזר און פאר דער גאנצער געמיינדע, און לויב איהם פאר זיי — ונתת מהודך עליו — זאג זיי, אז ער איז אזוי גוט ווי דו, און דאס זאל הערען די גאנצע עדה. יהושע מיט אלעזר'ן וועלען דורך מיר פיהרען דאס פאלק".

משה פאלגט אויס און שטעלט פאר יהושע'ן פאר אלעזר'ן און פאר'ן גאנצען פאלק. ער לעגט ארויף די הענט אויף יהושע'ן און זאגט איהם אלעס, וואס גאט האט איהם געזאגט.

דער מדרש אין דער סדרה ואתחנן ברענגט אפילו א גאנצען ויכוח צווישען משה'ן און גאט, ווי ער, משה, גיט זיך אזוי שנעל ניט אונטער. ער באשטעהט אפילו ער זאל זיין א משרת ביי יהושע'ן, אבי ער זאל אריינקומען אין לאנד. אבער ער פועל'ט ניט.

באלד נאכדעם ווי משה שטעלט פאר יהושע'ן, גיט גאט איבער צו משה'ן ער זאל לערנען מיט די אידען די דינים פון קרבנות און אלע אידישע יום טובים.

דאס איז ווי צו זאגען: משה געהט אוועק, אבער אידישע יום טובים, אידישע מנהגים בלייבען אייביג, לערנען זיי יעצט ניט די דינים פון אבלות, נאר די דינים פון יום טובים און מ'דארף זיך גאר פרעהען און לאזען וואוילגעהן.

און משה, דער גרויסער פיהרער, משה דער איש אלקים, דער גייסטיגער פיהרער, נאכדעם ווי ער ווייסט אז זיין צייט איז געקומען אוועקצוגעהן פון דער וועלט, נעהמט זיך צו לערנען די אידען דעם דין פון „ושמחת בחגך" — ווי אזוי זיך צו פרעהען אום יום טוב.

מטות־מסעי

„וידבר משה אל ראשי המטות“, משה האט גערעדט פאר די „ראשי המטות“, די עלטסטע פון די שבטים, די „אפיסערס“. משה פאנגט אן זיין רעדע פון נדרים, „פלעדזשעס“ בלע״ז, וואס דער עולם זאגט צו בעת מען מאהנט ביי איהם, אדער מען מאהנט ניט און ער זאגט צו, נאכהער פוילט ער זיך אוועקצוגעבען.

די סדרה פון ראשי המטות מיט „מסעי“ געהען אימער צוזאמען, ווייל ווי עס ווייזט אויס, זענען די „ראשי המטות“ פיל שולדיג אין אונזער אייביגער וואנדערונג, און דעריבער געהען ביידע האנט אין האנט.

אונזערע פיהרער, אונזערע עלטסטע, נוצען ניט אויס זייער ענערגיע פאר אן אייגענער היים, און מיר מוזען כסדר האלטען אונזער וואנדער־שטעקען, פארטיג צום „ויסעו“ און „ויחנו“, אבער איך האב מורא אז דער „ויסעו“ איז פיעל גרעסער אלס דער „ויחנו“. מיר וואנדערען מעהר ווי מיר רוהען.

און טאמער האלטען מיר זיך אויף ערגעץ אין א לאנד, דערמאהנען אונז אונזערע שכנים שטענדיג, אז עס איז שוין צייט מיר זאלען אנהויבען דעם „ויסעו“, אפילו אין די פריע לענדער, ווען איהר ווערט אריין אין זייערען א ספארט קלוב זאגט מען אייך: „ציה!“ ווילט איהר קריגען א דירה אין א שעהנערען געגענד, זאגט מען אייך: „מופט! דאס איז ניט פאר קיין אידען“. וואו איהר זאלט זיך ניט ווענדען, זאגט מען מיט אייך אלץ דעם פסוק פון „מסעי“.

מיר זענען גלייכע בירגער, אבער ווען עס קומט צו אן אמט וואס איהר וואלט געוואלט, אז א איד זאל עס קריגען, דערמאהנט מען אייך פון דער סדרה „מסעי“, און ביי אונז אין פראווינץ זאגט מען אפילו צו די אידישע קינדער אין די סקוהלס די סדרה „מסעי“.

און ווער איז שולדיג דערין? די ראשי המטות, די עלטסטע, די אויסגעקליבענע פון׳ם פאלק. און דעריבער איז ריכטיג, וואס רעדענדיג צו די „ראשי המטות“ הויבט משה אן מיט נדרים, די פארשפרעכונגען, ווייל וועלכער פון די ערוועהלטע האלט דאס זיין פארשפרעכען פון בעפאר די וואהלען?

משה רעכענט אויס די פארשידענע נדרים, אדער „פלעדזשעס“, וואס א מענש מאכט, און ווי הייליג און טייער זיי דארפען ביי איהם זיין, קיינמאל ניט צו ברעכען א ווארט, א שבועה, א נדר, אדער סיי וועלכען „פלעדזש“.

אזוי ווי די אידען האבען אויך „געפלעדזשט“ צו נעהמען נקמה אין מדין פאר בלעמ׳ס עצה מיט דער פעור, זאגט גאט צו משה׳ן: יעצט אז די אידען ווייסען שוין אז א „פלעדזש“ איז ניט סתם מויל מלאכה, טא זאג זיי, אז זיי זאלען געהן

נקמה נעהמען אין די מדינים, נאכדעם וועסטו שוין קענען געהן דיין וועג, „ואחר תאסף אל עמך".

משה הייסט דאן אויסקלויבען פון יעדען שבט צו טויזענט פערזאן, מיליטער פעהיגע מענער, חלוצי צבא, און פנחס, וועלכער האט געוויזען די ערשטע העלדיש־קייט דורך אפרעכענען זיך מיט א מדינ'שער פרינצעסין און א אידישען נשיא — אט דער פנחס ווערט דער פעלד־מארשאל. ער מיט די צוועלף טויזענט באפאלען מדין און הרג'ען אויס אלע מענער, צוזאמען מיט די פינף קעניגע און בלעם דעם עצה־געבער.

די ווייבער, די קינדער און די בהמות מיט אלע ווערטהפולע זאכען, ברענגען זיי פון דער מלחמה. משה מיט אלעזר הכהן געהען זיי אנטקעגען און זעהען, אז זיי האבען מיטגעבראכט מיט זיך די מדינ'ישע ווייבער, און דער פיהרער זעהט איין, אז די גאנצע מלחמה איז געווען אומזיסט, ווייל די מדינ'ישע ווייבער זענען דאך געווען די, וואס האבען געבראכט די מגפה. משה בייזערט זיך אויף די קריגס־פיהרער. ער באפעהלט, אז נאר די פרויען, וואס האבען נאך ניט געהאט קיין באציהונגען מיט א מאן, זאלען בלייבען לעבען.

ניט קיין זעהר פאסיפיסטישע סדרה, אמת, אבער מען דארף ניט פארגעסען, אז דאס איז פארגעקומען אין א בארבארישער צייט, ווען די טרעגער פון א העכערער ציוויליזאציע האבען צייטענווייז געמוזט נוצען די זעלביגע מיטלען, וואס די בארבארען וואלטען גענוצט אנטקעגען זיי און דעמאלט וואלטען זיי ניט געקאנט דורכפיהרען זייער מיסיע אין דער וועלט. ווען מיר נעהמען אין אנבאטראכט, וואס עס איז פארגעקומען אין אונזער אייגענער צייט, דאן מוז מען קומען צום באשלוס, אז די מלחמות פון יענע בארבארישע צייטען זענען נאך אלעמען געווען א קינדער־שפיעל אין פארגלייך מיט די היינטיגע שחיטות. אין יענע צייטען האט נאך קיינער ניט געהערט פון פאסיפיזם און פון אייביגען פרידען. מען האט געמוזט אפריינינען דעם וועג פאר די טרעגער פון א נייער ציוויליזאציע, וואס האט געקראגען איהר העכסטען אויסדרוק אין די נביאים, די גרעסטע פאסיפיסטען פון אלע צייטען, אבער די מאכטהאבער פון דער וועלט נאך די נביאים, האבען פאלש נאכגעקרימט און פארקריפעלט די לעהרע פון די נביאים און איז תוך שטעקט נאך די וועלט אלע אין א גייסט פון בארבאריזם, ניט אכטענדיג דעם פאקט, וואס אין דער אידישער וועלט איז שוין מיט דריי טויזענט יאהר צוריק רייף געווארען דער אידעאל פון אייביגען פרידען.

* * *

די מלחמה קעגען די מדינ'ער איז ווייזט אויס געווען די לעצטע מלחמה אויף דער זייט פון ירדן.

זענען דאן געקומען די שבטים ראובן און גד צו משה'ן און געזאגט: „דאס לאנד וואס מיר האבען איצט איינגענומען איז רייך אין פאשע, און מיר האבען פיל בהמות, דעריבער גיט אונז דאס לאנד און מיר וועלען פארשפארען אריבערגעהן דעם ירדן.

און משה מאכט זיי א פארוואורף: אייערע ברידער וועלען געהן אין מלחמה, און איהר ווילט אייך דא רוהען? איהר טוט דאך דאס זעלבע וואס אייערע ברידער

די מרגלים, וואס האבען ארויסגעוויזען שוואכקייט און דערמיט אפגעשוואכט די הערצער פון ישראל.

טענה׳ן די צוויי שבטים: מיר וועלען בויען שטאלען פאר אונזערע בהמות און שטעדט פאר אונזערע ווייבער און קינדער, און מיר וועלען געהן פאראויס מיט די בני ישראל, ביי זיי וועלען אלע באזיצען דאס לאנד און מיר וועלען דאן צור־ריקגעהן, און מיר וועלען שוין דערפאר מעהר ניט נעהמען קיין חלק אין דעם לאנד דארטען.

„אויב אזוי״, זאגט משה, „בויעט זשע פריהער שטעדט פאר אייערע ווייבער און קינדער, און דאן ערשט שטאלען פאר אייערע בהמות, און זייט מקיים, וואס איהר האט צוגעזאגט״.

און עס האט לאנג ניט גענומען און אויף דער זייט ירדן זיינען אויפגעבויעט געווארען גאנצע שטעדט פאר די שבטים ראובן און גד און א האלבען שבט מנשה.

מסעי

משה פארצייכענט אלע מסעות פון די בני ישראל וואס זיי האבען מיטגעמאכט דורך איהם און אהרן פון דעם טאג וואס זיי זיינען ארויס פון מצרים, און זאגט אן צו באשטימען ערי מקלט אין עבר הירדן.

„די ערי מקלט זאלען דיזען דאפיר אז קיין אומשולדיג בלוט זאל ניט פאר־גאסען ווערען, ווייל ווען דעם גע׳הרג׳עטענס א פריינד זאל איהם טרעפען אויסער דער שטאדט און ער זאל איהם הרג׳ענען, וועט איהם דערנאך ניט קומען צו באַ־שטראפען, ווייל אים בלוטעט זיין הארץ פאר זיין קרוב״.

* * *

און גאט זאגט צו משה׳ן ביים ירדן יריחו:

„זאג די אידען, אז איהר וועט אריבערקומען דעם ירדן צום לאנד כנען, פאר־טרייבט אלע פעלקער פון דארט, ווייל איך גיב אייך דאס לאנד פאר א ירושה. צו־טיילט דאס לאנד דורך א גורל, א גרויסע משפחה — א גרעסערען חלק, און א קליי־נער משפחה — קלענערען חלק. אבער פארגעסט ניט, צוטיילט דאס גאנצע לאנד, דאס הייסט איהר האט דארט קיין פלאץ פאר אנדערע פעלקער: וועט איהר זיי ניט פארטרייבען, וועלען זיי אייך זיין ווי דערנער אין די אויגען און זיי וועלען אייך באליידיגען אין׳ם לאנד וואס איהר וועט באזיצען און איך וועל דארפען טאן צו אייך וואס איך האב זיי געזאלט טאן, דאס הייסט: אויב איהר וועט זיי ניט פארטרייבען, וועלען זיי אייך פארטרייבען.

„מאכט אייך אנטרינונגס שטעדט״ אין אלע זייטען פון לאנד אלס שיצונגס שטעדט, פאר דעם וואס וועט הרג׳ענען א נפש אומגערן, און כדי די פיינד פון גע־הרג׳עטען זאלען זיך אז איהם ניט נוקם זיין, זאל ער אנטלויפען אין איינער פון די דאזיגע שטעדט און בלייבען לעבען ביז ער וועט שטעהן לדין, און מען וועט אויסגעפינען, אויב עס איז געווען א „שוגג״ אדער „מזיד״. אין איינער פון דיזע

שטערט מוז דער רוצח בלייבען, ביז דער כהן גדול שטארבט און אז אנדערער ווערט אויף זיין פלאץ אויפגענומען.

דאן קומען די בני יוסף מיט א טענה און זאגען: אזוי ווי די בנות צלפחד האבען באקומען זייער פאטער'ס חלק ירושה און טאמער וועלען זיי חתונה האבען צו אן אנדער שבט, ווערט דאך מיט דער צייט ווייניגער אונזער שבט מיט א נחלה.

און משה זאגט זיי אין גאט'ס נאמען, אז ווען טעכטער ירש'ענען א נחלה פון זייער טאטען ווייל קיין זיהן זיינען ניטא, דארפען זיי חתונה האבען מיט מע־נער פון דעם זעלבען שבט, כדי די נחלה זאל ניט איבערגעהן פון איין שבט צום אנדערען.

האבען טאקע צלפחד'עס טעכטער חתונה געהאט פון מנשה בן יוסף'ס שבט.

אט ביז אהער געהען די דינים, מצות און משפטים וואס גאט האט געגעבען די אידען דורך משה'ן ביים ירדן ירחו.

דברים

דברים

דאס ספר דברים איז אייגענטליך אַן איבערבליק איבער די פּאַסירונגען פון די פריהערדיגע דריי ספרים פון שמות, ויקרא און במדבר, און איך וואָלט געדאַרפט דאָ בלייבען שטעהן מיט מיין מעביר סדרה זיין.

האָב איך זיך אָבער דערמאָהנט אַ גלייך ווערטעל וועגען דעם ענין פון איבער־זאָגען אַ זאַך, וואו מ'קען אימער געפינען עפּעס, וואָס מ'האָט אין ערשטען מאָל פאַרזעהן, אָדער פאַרגעסען.

אין אבות ווערען אויסגערעכענט די זיבען מעלות פון אַ חכם און די זיבען חסרונות פון אַ גולם, און די לעצטע פון די זיבען זענען: „חכם על מה שלא שמע אמר: לא שמעתי” — אויף דעם וואָס ער האָט ניט געהערט, זאָגט ער: „איך האָב נימ געהערט”, און וחלופיהן בגולם — ביי אַ גולם איז פאַרקעהרט: וואָס ער האָט ניט געהערט, זאָגט ער, אַז ער האָט יאָ געהערט.

וואָלט דאָך דער לעצטער אייגענטליך ניט געדאַרפט קריגען דעם טיטול „גולם”, נאָר „שקרן”, איז אָבער דער תירוץ אין די ווערטער: חכם על מה — אויף עט־וואָס וואָס ער האָט נאָך ניט געהערט. אמר, זאָגט ער: לא שמעתי — איך האָב נאָך ניט געהערט די גאַנצע זאַך; און אַ גולם איז פונקט פאַרקעהרט: על מה — אויף עפּעס וואָס ער האָט נאָך ניט געהערט, זאָגט ער שוין: שמעתי — איך האָב אַלץ געהערט.

הייסט עס, ווען מיר ווילען זיין חכמים, מעגען מיר איבערגעהן די משנה תורה און געוויס וועט זיך דאָרט געפינען עפּעס וואָס מיר האָבען נאָך ניט געזעהן אָדער געהערט.

אַזוי למשל, זעהען מיר אין דער קומענדער סדרה ואתחנן, אַז משה דערצעהלט, דאָס ער האָט זיך געבעטען ביי דעם באַשעפער, אַז ער זאָל איהם אַריינלאָזען אין לאַנד, ווערענד אין דעם פריהערדיגען ספר דערצעהלט אונז דאָס ניט די תורה, און מיר ווייסען נאָר, אַז דער באַשאַפער האָט געהייסען משה'ן, ער זאָל פאַרשטע־לען יהושע'ן פאַר אלעזר הכהן און די אידען, און ער, משה, דאַרף שטאַרבען, און משה האָט גלייך אויסגעפאָלגט, גאָר ניט מאַכענדיג קיין איינוועגדונג; אָבער דאָ, פון משה'ס אייגענעם איבערבליק, געפינען מיר אויס אַז „ואתחנן” — איך האָב זיך געבעטען, און אַזוי געפינען זיך מסתמא נאָך אַזעלכע „על מה'ס”, וואָס עס לוינט זיך פאַר מיר מיט די לעזער דאָס איבערצוגעהן, כאָטש איך פאַרשפּרעך ניט דאָס איך וועל האָבען צופיל צו תרגום'ען אין'ם ספר דברים.

ואלה הדברים — און דאָס זענען די רייד וואָס משה האָט גערעדט צו אַלע אידען.

דער מדרש ברענגט אפילו: ווי קומט דאס, וואס פריהער האט משה ניט גע־קענט רעדען, און פלוצלונג רעדט משה, אז אלע אידען זאלען קענען הערען? און דער מדרש פארענטפערט, אז דער ניט קענען רעדען איז געווען בעפאר מתן תורה, און דער יעצטיגער „וידבר" איז שוין געווען נאך מתן תורה.

הייסט דאס, אז א רעדנער וואס קען זיך ניט באנוצען מיט א דבר תורה, קען טאקע ניט רעדען.

אדער עס מיינט פשוט: ער האט פריהער ניט געקענט רעדען. ווייל דער „חומר ולבנים" פאלק ווארט איהם ניט פארשטאנען, אבער יעצט, ווען זיי האבען שוין א תורה און עס איז פאראן איבער וואס צו רעדען. דאן — וידבר משה — ווערט משה א רעדנער.

אין דער אמת'ן, וואס פאר א טעם האבען די „סערמאנס" פון די היינטיגע ראביים ביי די טעמפלען, אז עס שמעקט ניט מיט קיין ווארט תורה? און פאר־קערט, די זעלבע טעמפעל אידען, אדער אונזערע ראדיקאלען, זאל זיי צו קיין גנאי ניט זיין, קוועלען אויך אז, ווען זיי הערען א רעדע איבער סיי וואס פאר א טעמע, ווען דער לעקטשורער אדער רעדנער פלעגט אדורך זיין רעדע מיט א גלייך־ווערטעל פון דער תורה, אדער מדרש. און שטעלט זיך אימיצער אוועק רעדען און איז זעלבסט ניט קיין בן תורה, האט טאקע זיין רעדע א טעם ווי פון א כבד פה. דער עולם פארשטעהט איהם ניט און ער פארשטעהט ניט דעם עולם.

איך האב לעצטענס געהערט א וויסענשאפטליכע רעדע, וואס איז געווען דורכ־געפלאכטען מיט דברי תורה, אפילו אין ענגליש, האבען די קריסטליכע וויסענ־שאפטסלייט וואס זיינען אמוועזענד געווען, ממש געלעקט די פינגער, זיי האבען אנגעשטעלט מויל און אויערען ניט צו פארפעהלען א ווארט.

משה רעדט יעצט צו די אידען בעבר הירדן און געהט שנעל אדורך די עטליכע מלחמות און גיט בלויז א וואונק אז אויף די זינד וואס זענען באגאנגען געווארען אין דער צייט פון דער מדבר.

ואמר עליכם — און איך האב אייך געזאגט — לא אוכל לבדי שאת אתכם — איך קען אייך אליין ניט דערטראגען: גאט האט אייך געמעהרט, און איהר זענט היינט ווי די שטערען אין הימעל, הלואי טוויזענט מאל אזוי פיל, און זאל גאט בענשען מעהר, ווי ער האט אייך פארשפראכען, אבער „איכה אשא לבדי?" — ווי קען איך אליין פארטראגען אייערע מחלוקת און באלעסטיגונגען?

קלויבט זיך אויס „אנשים חכמים ונבנים", וועלכע זאלען זיין באקענט צו אייערע שבטים, און איך וועל זיי מאכען עלטסטע איבער אייך. האט איהר גלייך געענטפערט: „טוב הדבר", גוט, מיר וועלען עס טאן, און איהר האט אליין אויס־געקליבען אייערע ראשים.

אין פילע שוהלען ווערט דער פסוק פון „איכה אשא לבדי" געלייענט מיט'ן ניגון פון די קינות, וועלכעס באווייזט, אז עס איז געווען א קלאג צו דער אויס־וועהלונג און צו די נשיאים, זיינען דאס געווען די מרגלים אין אייער „זמרי בן סלוא" און דער איכה איז בארעכטיגט צום ניגון פון די קינות.

און טאקע באלד זענט איהר געקומען צוט א טענה „נשלחה אנשים לפנינו

ויחפרו לנו את הארץ״ — איהר האט שוין געהאלטען בייב מאכען א גוצען פון אייערע ערוועהלטע און זיי זיינען געווארען די מרגלים, וואס האבען געבראכט אן אומגליק אויף אייך.

און איך האב צוליב אייך אויך געהאט א פסק, „גם בי התאנף ד׳ בגללכם״, און מיר אנגעזאגט, אז איך וועל אין לאנד אויך ניט אריינקומען.

און די קינדער אייערע, פאר וועלכע איהר האט געהאלטען אין איין זארגען אז „לבז יהיה״ — אט די קינדער קומען דוקא יא אריין אין לאנד און זיי וועלען עס טאקע יא ירש׳ענען.

מיר זענען אדורכגעגאנגען עטליכע מלחמות, און איהר האט געזעהן, אז גאט איז מיט אונז, דאך זענען געקומען די בני גד און בני ראובן און האבען געוואלט פארבלייבען אין דער זייט ירדן, ביז איך האב ביי זיי גע׳פועל׳ט, אז זיי וועלען מוזען פריהער געהן מיט אלע און העלפען איינעמען דאס לאנד, דאן קענען זיי צוריק קומען און זיך דא באזעצען.

מורא האבענדיג אז זיי זאלען ניט אפשוואכען דעם גלויבען פון די אנדערע, האב איך יהושע׳ן עפענטליך פארשפראכען, דאס אזוי ווי גאט האט געטאן מיט די פעלקער, מיט וועלכע איהר האט שוין געהאט מלחמה, אזוי וועט גאט אויך טאן מיט אלע פעלקער וואו איהר וועט נאר פארביי געהן. האט קיין מורא ניט, ווייל גאט, אייער גאט, האלט פאר אייך מלחמה.

ואתחנן

משה האט ניט געוואלט געבען די בני ישראל דעם איינדרוק, אז ער, משה, וועלכער איז א יחסן ביי גאט און ער האט געוויס געקענט פועל'ן ביי איהם ער זאל אים מוחל זיין די קליינע עברה פון שלאגען דעם שטיין, נאר מסתמא האט ער איהם ניט געבעטען, אדער מסתמא וויל ער פשוט ניט קומען אין לאנד אריין; משה האט דעם דאזיגען געדאנק פון זיי געוואלט אפווישען און האט דעריבער געזאגט:

ואתחנן אל ד' איך האב געבעטען צו גאט, איך האב געזאגט: דו, גאט, האסט דאך שוין פיעלע מאל באוויזען דיין גרויס מוטיגקייט, את גדלך ואת ידך החזקה, ווען איך האב דיך געבעטען פאר דיינע אידען, טא באווייז היינט אויך דיין גרויס מוטיגקייט, „אעברה נא ואראה" לאמיך געהן אינ'ם לאנד און זען דאס גוטע לאנד, די שיינע ערד און דעם לבנון.

און גאט האט צוליב אייך מיך ניט געוואלט לאזען געהן אין לאנד. „ויתעבר ד' בי למענכם".

דער דור וואס איז אריינגעגאנגען אינ'ם לאנד, איז געווען א דור דעה, דאס זיינען ניט געווען די יוצאי מצרים, און ווען משה וואלט זיי אריינגעבראכט אין לאנד, און זיי וואלטען געזעהן אז אלע זיינע פארשפרעכענס זיינען מקוים געווארען, וואלטען זיי איהם פשוט פארגעטערט, און דאס וויל גאט ניט, און האט דעריבער געוואלט ווייזען, אז א גאט איז נאר פאראן איינער, אויב משה וועט ניט אריינפירען די אידען אין לאנד וועט עס טאן יהושע, און זיי וועלען דאן וויסען אז דאס איז ניט משה און ניט יהושע, וואס האט באוויזען די מופתים נור גאט אליין.

דאס איז אפשר דער שיקזאל פון פילע גרויסע מענשען, ווען זיי דארפען קומען צו זייער געשטרעבטען ציעל, און עס האלט דערביי אז מען זאל זיי אנהויבען פארגעטערען, קריגען זיי דעם באפעהל „האסף אל עמך", געהט אוועק פון דער וועלט, און א צווייטער וועט שוין ענדיגען אייער ארבייט.

ווען דר. הערצל וואלט הערלעבט ביז דער דעקלאראציע פון לארד באלפור וואלט ער אויך פון דער וועלט פארגעטערט געווארען, און ער איז אפשר צוליעב דעם יונגערהייד פון דער וועלט אוועק, און ניט דערלעבט קיין נחת פון זיין שווע־רער מיה.

זיין פרוי און זייני קינדער האבען איהם אויך ניט פארשאפט קיין מעהר כבוד ווי משה'ס ווייב און קינדער האבען פארשאפט דעם געטליכען מאן. אפנים דאס איז א קללה, וואס באריהרט פילע פון די אידישע פיהרער.

משה, דו וועסט אין לאנד ניט אריינקומען, אבער דארפסט ערמוטיגען יהושע'ן, ווייל ער וועט זיי יא אריינברענגען אין לאנד.

דעריבער מיין פאלק, פאלגט מיך און מיינע חוקים, צי איהר פארשטעהט זייערע טעמים צי ניט, כדי איהר זאלט קענען לעבען: ווענינער נאכפארשען, ווע־ניגער חקר׳ן און איהר וועט לענגער לעבען. פאלגט — און איהר לעבט.

„לא תוסיפו ולא תגרעו״ — ביי פאלגען זאלט איהר אבער ניט איבערטרייבען. לעגט ניט צו. זייט ניט צו פרום, כדי איהר זאלט ניט ערגער מאכען, לשמור את מצוות ד׳ — אפהיטענדיג גאט׳ס מצוות טאהר מען ניט איבערטרייבען, פונקט ווי מען טאר ניט פארמינערען, האלטען פאר קליין געוויסע חוקים ומשפטים.

איהר ווייסט האך „אשר עשה ד׳ לבעל פעור״ — אז יעדער וואס האט זיך באקעהרט צו איהם, אדער נאכגעגאנגען אט דעם בעל פעור, איז אומגעקומען.

זייט ניט קיין צופיל חכמים, ווייל אייער חכמה באשטעהט נאר אין „ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם׳ — הערט און פאלגט אוים — אט דאס איז מעהר חכמה ווי וועלען זיין א חכם דורך ניט פאלגען, ווייל אפילו די פעלקער וועלען אייך אויך בכבוד האלטען און אייך רופען „חכמים אשר ישמעון את כל החוקים האלה״. זיי געבען כבוד, „רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה״. און איהר דערמאהנט זיך דעם טאג וואס איהר האט מקבל געווען די תורה און די פעלקער האבען זיך אנטזאגט דאס צו נעהמען. טא ווער זענען די חכמים? און משה חזר׳ט איבער די עשרת הדברות מיט קליינע ענדערונגען. זאגענדיג: „און איהר האט מיך געבעטען אז איך זאל אייך אלעם איבערגעבען. ווייל איהר האט מורא געהאט צו הערען גאט׳ס שטימע, טאמער וועט איהר שטארבען״.

דער געטליכקייט איז דאס גראדע געפעלען, ווייל ער האט מיר געזאגט: „מי יתן והיה לבבם זה כל הימים״ — הלואי זאלען זיי שטענדיג פאר מיר מורא האבען, וועלען זיי געוויס היטען מיינע געזעצען, וואס איז פאר זייער גוטען — „אשר ייטב להם ולבניהם אחריהם״.

און דאס זענען די חוקים וואס איך זאג אייך אן, „אתה ובנך ובן בנך״ — פאר אייך און איהר דארפט דאס איבערגעבען אייערע קינדער און אייניקלאך, כדי עס זאל אייך אלעמען גוט זיין און איהר זאלט לאנג לעבען און זיך מעהרען.

מ׳דארף ניט מאכען קיין תרגום אויף דעם פסוק, ווייל וואויל איז די קינדער וואס געהען אין דרך התורה, די לעבען געוויס אויך לענגער און זענען אין דער איי־גענער היים אנשטאט אין די דזשיילס און אין די רעפארמאטאריס, האבען קינדער און אייניקלאך אנשטאט צו ליגען אין די פארשידענע שפיטאלען.

ודברת בם בשבתך בביתך — דו וועסט קענען צו זיי רעדען ווען די זיצט אין הויז, און זיי וועלען זיין מיט דיר צוזאמען.

גאט זאגט צו משה׳ן: געה ארויף אויף׳ן ראש הפסגה און זעה דאס לאנד וואס איך גיב צו די בני ישראל.

מילא, דאס גאנצע לאנד האט ער דאך ניט געקענט זען, נור טאמער האט ער דאס געזען בדרך נס, האט ער דאך דעם זעלבען נס געקענט באווייזען ניט ארויפגע־הענדיג אויפ׳ן בארג.

אבער איך האב דעריבער ערגעץ געזען א גלייך ווארט, אין פרשת חקת זאגט רש״י, אז דער עמוד הענן איז געגאנגען פאראוים און ארונטערגעשניטען אלע בערג. אין אויסגעגלייכט די טאלען, נור בלויז דריי בערג האט ער איבערגעלאזען, — דעם בארג סיני פאר קבלת התורה, דעם הר ההר פאר אהרנ׳ס קבר און דעם נבו פאר

משה׳ס קבר, גאט זאגט צו משה׳ן: געה ארויף אויף הר נבו וועלכען איך האב איבער־געלאזט פאר דיין קבר וראה און זעה אז ער שטעהט נאך, און דערפון ווערסטו וויסען. פארשטיין, כי לא תעבור את הירדן הזה — אז איך האב אפגעמאכט דו זאלסט ניט אריבערגיין דעם ירדן.

נאך א גלייך ווארט, אין מדרש פון דער היינטיגער סדרה ווערט דערציילט. ווי משה האט זיך געבעטען און געמאכט אלע פשרות אבי ארייינצוקומען אין לאנד. און ווען ער האט געזעהן דאס ער פועל׳ט ניט, איז ער געגאנגען צו די „ימים ונהרות״, זיי זאלען פאר איהם בעטען רחמים.

פאר וואס עפעס צו די „ימים ונהרות״? משה האט געוואלט דריגען, אז ער איז ניט שולדיג אינם חטא פאר די קינדער זיינע, די בני ישראל מיט זייערע קריגערישע און אויפרעגענדע נאטורען זיינען גאר די שולדיגע, איז ער געגאנגען צו די ימים ונהרות און זאגט זיי: „וואסערען, איהר ווייסט דאך אז אייער ריינקייט און אונרייינקייט ווענדעט זיך ניט אן אייך נאר דורך וועלכען פלאץ איהר ווערט גע־יאגט — אט דאס פלאץ איז גורם אייער ריינקייט אדער אונרייינקייט. טא בקשו עלי רחמים, זייט איהר מיינע פארטיידיגער״. און דער ענטפער איז געוועזן דאס איז אבער ניט אין דעם פאל פון משה, וואס קען א ים אויך שפאלטען — דארף אויך קענען זיין א פיהרער פון אזא עדה — ביי איהם דארף אזא זאך ניט טרעפען.

ארט און אומשטענדען האבען זיכער אן איינפלוס אויף׳ן מענשען; אבער נאר אויף׳ן דורכשניטליכען, די גאר גרויסע ווערען ניט באאיינפלוסט פון יענעם נאר זיי באאיינפלוסען גאר זייער סביבה, אנדערש זענען זיי ניט בארעכטיגט צום נאמען גרויסע.

עקב

די אלטע פראגע הויבט זיך אויף אין דיזער סדרה: דאס פאלק טראכט אין הארצען: „רבים הגוים ממני, איכה אוכל להורישם?" די פעלקער אין ארץ ישראל זענען אין א געוואלדיגער מאיאריטעט איבער אונז, ווי וועלען מיר ווען־עס־איז קענען ווערען די באלעבאטים פון דעם לאנד?

גיט דער געטליכער פירער משה א פארזיכערונג אין נאמען פון גאט: „האב פאר זיי קיין מורא ניט. געדענק, וואס איך האב געטאן צו פרעה'ן. דארטען זענט איהר דאך געווען אן אומבאדייטענדע מינאריטעט און די מצרים האבען דיך גע־פייניגט, זאלען זיי דעריבער איבערלאזען ארץ ישראל לעם ישראל".

שרעק זיך ניט! גאט איז מיט דיר און ניט מיט יענע חכמים, וואס זאגען, אז אלע רעכטען געהער צו דער מאיאריטעט, כי ד' אלוקים — גאט איז נאר איינער, דאך איז ער „גדול ונורא".

וגם את הצרעה, אפילו די בין, וואס גיט אפט האניג און בייסט גיפטיג ווען זי וויל אזוי — ישלח ד' אלוקיך בם — אט די בעל טובה'ניקעס וועט גאט אנשיקען אויף זיי, די אומות, ווייל דו וועסט זי שוין מער ניט באדארפען. וועסט אים מוחל זיין זיין האניג און אויך זיין ביס...

די געטשקעס, וואס העלפען אייך כלומרשט געבען האניג, אזוי ווי די בין — אט די געטשקעס וועלען ווי א פייער פארברענט ווערען. נעמט ניט זייער גאלד און זילבער, איר זאלט האדורך אויך ניט קאליע ווערען.

צו וואס טויג אייך זייער גאלד? איר געדענקט דאך, אז אייער גאט האט אייך אין דער מדבר געשפייזט מיט מן. אי, פארוואס האט איהר איצט ניט קיין מן? כדי איר זאלט געדענקען, אז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם".

דעריבער, ווען גאט וועט אייך ברענגען אינ'ם לאנד, וואו עס וועט אייך קיין זאך ניט פעהלען און איהר וועט קענען געניסען פון אלץ, זאל דאס ניט זיין אייער גאנץ לעבען. פארגעסט ניט אייערע גייסטיגע ווערטען און זאגט ניט „כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה" — איך דארף מיין גאנצען כח אוועקגע־בען, אום צו מאכען מיין פארמעגען... געדענקט, אז אהן דעם דאזיגען כח האט איהר אויך געלעבט, ווען איך האב אייך געשפייזט מיט דעם מן. אויב איהר וועט דאס פארגעסען, און אננעהמען, אז אלץ ליגט אין מענשליכען כח, וועט איהר פאר־זונקען ווערען אין מאטעריאליזם און במילא זיך שוין נעהמען נאכגעהן יענע געטשקעס, וואס זענען די פארקערפערונג פון די מגושמ'דיגע מענשליכע זייטען.

זעהענדיג, אז איך פארטרייב אנדערע פעלקער צוליעב אייך, קאנט איהר נאך אנהויבען מיינען, אז איך טו דאס דערפאר, ווייל איהר זענט צדיקים, זאג איך

אייך, אז ניט דאס איז דער פאל. איך טו דאס בלויז דערפאר, ווייל יענע זענען רשעים, און ווייל איך דארף האלטען מיין פארשפרעכען צו אייערע עלטערען. וואס אנבאלאנגט אייך אליין, זענט איהר אז „עם קשה ערף״...

אט גיט זיך נאר א דערמאהן, וואס איהר האט שוין אפגעטאן פון דעם טאג, וואס איהר זענט ארויס פון מצרים ביז אהער איהר זענט דאך די גאנצע צייט געווען ממרים, ווידערשפעניגער קעגען גאט.

דאס נארישקייט, וואס איהר האט אפגעטאן איז געווען, ווען איך בין ארויף אויף׳ן בארג סיני אייך ברענגען די תורה און האב זיך דארטען פארזאמט פערציג טעג. מיינט איהר אז איך בין דארטען געווען פאר פארגעניגען? איך האב ניט געגעסען און ניט געטרונקען די גאנצע צייט, און אז איך האב קוים געקראגען פאר אייך די לוחות, האט איהר שוין אייך פארזארגט מיט אן עגל: האב איך די לוחות צובראכען און ווידער ארויף אויף׳ן בארג אויף פערציג טעג, וואו איך האב גאט געבעטען ער זאל אייך מוחל זיין און אייך ניט פארניכטען, און איך האב אייך געבראכט אנדערע לוחות, אבער די ערשטע האט איר שוין ניט מער, ווייל די צווייטע האב איך שוין אליין געמאכט אויף גאט׳ס באפעהל.

וואס נאך פאר א סמנים דארפט איהר, צו וויסען, אז איהר דארפט מורא האבען פאר גאט? דאכט זיך, איהר ווייסט, אז מיט בלויז זיבעציג נפשות זיינען אייערע עלטערען אנגעקומען אין מצרים און איצט זענט איהר א גרויס פאלק, און וואלט איהר ניט געזינדיגט, וואלט איהר שוין געווען פיעל גרעסער. געדענקט די מעשה קרח, וויפיעל דאס האט צוגענומען נפשות. געדענקט די מעשה פעור. „כי עיניכם הראות״ — דאס זענען דאך פאקטען, וואס איר אליין האט מיט אייערע אויגען געזעען. און וואס וויל מען פון אייך איצט? למען תאריכו ימים על האדמה, איהר זאלט לאנג לעבען אין לאנד וואס איהר באקומט.

דאן קומט דער פארזאג וועגען מזוזות און תפילין, עפעס, וואס דארף שטענדיג דערמאנען אן די פליכטען צו גאט אום מען זאל ניט פארגעסען — פיער פרשיות צווישען די אויגען אויף׳ן קאפ און איין פרשה אויף דער האנט.

אויף׳ן קאפ, וואו מחשבות ווערען געבוירען, מעג מען טראכטען אויף פיער־ערליי אופנים. מען קאן זיך האבען פארשידענע אידעאלען, אבער ווען עס קומט צו דער האנט, ווען די מחשבות דארפען פארוואנדעלט ווערען אין מעשים, דארף נאר זיין אלע פאר איינעם און איינער פאר אלע.

איהר מעגט זיך אידייאיש געהערען צו וועלכער פארטיי איהר ווילט אליין. אבער ווען עס קומט צו דער נאציאנאלער טאט. דארפען אלע אידעאלען זיך בויגען פאר דעם איינציגען און ערשטען.

נאר אויף אזא אופן קאן די אידישע עקזיסטענץ זיך ציהען „כימי השמים על הארץ״, ווי די טעג פון דעם הימעל איבער דער ערד.

גאט איז אייביג און דאס פאלק ישראל איז אייביג, כל זמן עס רייסט ניט איבער דעם בונד מיט דער געטליכקייט.

ראה

זעהט, זאגט משה, איך גיב אייך היינט אן אויסוואהל: אָדער די ברכה אָדער די קללה. איהר קענט זיך אויסקלייבען וועלכעס איהר ווילט.

ווען איהר פאָלגען, וועט איהר האָבען ברכה: וועט איהר ניט פאָלגען און אָבקעהרען פון דער געטליכקייט און זיך מאכען אייגענע געטער — דאן קומט אויף אייך די קללה.

ברכה און קללה, גוטעס און שלעכטעס עקזיסטירען אויף דער וועלט; אָבער מיר קענען דאָס שלעכטע, די קללות, אָפלייגען אויף׳ן בארג איבל און מ׳קען די ברכות האַלטען אויף׳ן בארג גרזים.

מיט אַנדערע ווערטער: באַטש ביידע — סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע — געפינען זיך אויף דער ערד, איז אָבער אין אונזער מאכט צו קענען באהערשען דאָס שלעכטע און עס איבערלאָזען אויף׳ן בארג.

אַט האָט איהר אַ ביישפּיל: „אלה החוקים והמשפטים אשר תשמרו לעשות״, דאָס זענען געזעצען וואָס איהר דאַרפט אָפּהיטען ווען איהר קומט אין אייער לאַנד:

„אבד תאבדון״ — פאַרגעסט, וואַרפט ארויס פון זכרון די אַלע פלעצער אין וועלכע פעלקער האָבען געדינט זייערע אָפּגעטער, סיי די געטער פון די הויכע בערג, און וועלכע איר ערקלערט, אַז דאָס איז לופט, „עטער״, און סיי די פון די ביימער, וואָס איהר דענקט, אַז דאָס איז אַלעס נאַטור, עס וואַקסט אזוי פון זיך זעלבסט — רוימט דאָס אַלעס אויס, צובּרעכט דאָס אַלעס, אָבער געדענקט אַז עס איז פאַראַן איין רעגירער איבער דער וועלט, און איהר דאַרפט איהם פאָלגען.

„לא תעשו כן״ — איהר זאָלט מיט זייערע מעטאָדען ניט דינען אייער גאָט, וועלכער ברענגט אייך ארויס פון דעם שמוץ צו אַ גלויבען וואָס איז ריין און גייסטיג. די שעהנסטע פאָרמען, אויב נאָר גענומען פון זיי, זאָלט איר ניט געברויכען פאַר אייער גאָטעס דינסט.

אויב איהר ווילט ברענגען קרבנות — ברענגט זיי צום הייליגען פּלאַץ, און פאַרבּרענגט דאָרט מיט אייערע פאַמיליעס, פריייט זיך אַ גייסטיגע פרייד מיט אייערע קינדער און קינדס-קינדער, אָבער ברענגט זיי ניט פאַר קרבנות, ווי עס טוען די פעלקער וועלכע איך פאַרטרייב פון׳ם לאַנד פאַר אייערטוועגען.

אויב איהר ווילט עסען פליישׁ, קענט איהר דאָס אויך טאָן, און איהר קענט שחט׳ן ביי זיך אינדערהיים, אויב עס איז אייך צו ווייט צו געהן קיין ירושלים; אָבער פרעסט דאָס ניט ווי די אַנדערע פעלקער און עסט ניט קיין בלוט און פאַר־הייליגט ניט דאָס פלייש. עסט דאָס נאָר דאַן ווען עס ווילט זיך אייך זייער. „כי תאוה נפשך לאכל בשר״, אָבער די הייליגע עולות און שלמים, נדרים און נדבות מוזט איהר ברענגען צום פּלאַץ וואָס איז הייליג.

טוט ניט נאָך די פעלקער וואָס ברענגען אפילו זייערע זיהן און טעכטער פאַר קרבנות צו זייערע געטער; אייער גאָט האָט דאָס פיינט.

לאָזט זיך ניט איבעררעדען פון פאַלשע פּראָפעטען, וואָס וועלען אייך גע־בען ביישפּילען פון די פעלקער, וועלכע עס גייט אזוי אויך זייער גוט. זיי וועלען אייך זאָגען „איכה יעבדו" — פּאַרוואָס דינען יענע זייערע געטער אנדערש און באַגליקען דאָך. פאָלגט ניט יענעם נביא. ער איז פאַלש, און יענער פּראָפעט וואָס וויל אייך מאַכען גלויבען אין אנדערע — זייט דאָן זיכער, אז ער איז א פאַלשער, רוימט איהם אוים פון אייער געמיינדע.

דערלאָזט ניט אין אייער געמיינדע קיין פאַלשע פּראָפעטען, און דערמיט וועט איהר בלייבען א הייליג פאָלק.

„עסט ניט קיין אומווירדיגע באַשעפענישען!" און דאָן רעכענט די תורה אוים וועלכע חיה און בהמה מען מעג יאָ עסען, און וועלכע ניט, און גיט אָן די סמנים פון כשרה: צושפּאָלטענע קלויען און מעלה גרה.

א דבר אחר, א חזיר, האָט געשפּאָלטענע פיס, איז אָבער ניט מעלה גרה, איז ער דעריבער טמא.

א דבר אחר שטעקט איבעראַל זיינע פיס, צו ווייזען אז ער איז כשר, אָבער ולא גרה (גרה איז אויך א געוויסע מטבע) דאָס מיינט אז די פיס וויל דער דבר אחר איבעראַל שטעקען, וגרה לא יגר — אָבער געלט גיט ער ניט. אָדער ער, דער דבר אחר, איז ניט מעלה גרה, ווייל א דבר אחר פאַרגינט זיך ניט דאָס עסען.

„עשר תעשר" — גיב מעשר. טייל אָפּ א צענט־חלק פון דיינע פעלד פּראָדוק־טען יעדען יאָהר, וואָס זאָל געהן פאַר צדקה. האָב אין זינען דעם כהן, דעם לוי און סתם אָרימע לייט. ווען דו וועסט אָבער ניט געבען קיין מעשר, וועט זיין דער סוף — ואכלת מעשר דגנך — וועסטו זיין אן אָרימאַן און עסען מעשר.

וועסטו אָבער געבען מעשר דעם לוי, דעם גר, יתום און אלמנה, וועסט זיי דערפרעהען — וועט דיר די געטליכקייט בענשען בכל מעשה ידך אשר תעשה.

דער מדרש דערצעהלט פון א רייכען גוט־באַזיצער אין ארץ ישראל, וועלכער האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער זיי זאָלען ניט פאַרפעהלען צו געבען מעשר פון אַלע זייערע פּראָדוקטען, און ווען דער גוט־באַזיצער איז געשטאָרבען, האָבען די קינדער דעם ערשטען יאָהר געגעבען מיט צעהן מעסטלאַך וועניגער מעשר; אויף'ן צוויי־טען יאָר האָבען די פעלדער ארויסגעגעבען מיט הונדערט מעסטלאַך וועניגער גע־טריידע, האָבען די זיהן שוין געגעבען פופציג מעסטלאַך וועניגער מעשר, איז אויף דעם קומענדען יאָהר שוין געוואַקסען לויט דעם ערד מיט פינף הונדערט מעסטלאַך וועניגער. זיי, די קינדער, האָבען יעדען יאָהר רעדוצירט דעם מעשר, און די ערד האָט ארויסגעגעבען וועניגער תבואה, ביז די פעלדער האָבען שוין ארויס־געגעבען אזוי פיל תבואה, וויפיל זייער פאָטער פלעגט אוועקגעבען מעשר.

זענען די שכנים געקומען צו די קינדער און זיי גראַטולירט מיט דעם, וואָס זיי זיינען געוואָרען א טייל פון דעם שבט לוי.

ווייל — זאגען זיי — ווען אייער פאטער האט געלעבט, איז ער געווען דער גוט־באזיצער און גענומען פאר זיך נײַנציג פראצענט און צען פראצענט געגעבען פאר הייליגע צוועקען; היינט — זאגען זיי — לויט אייער קארגשאפט, זייט איר געווארען די לוים און נעמט בלויז מעשר, און די נײַנציג פראצענט האט גאט צוגענומען.

אט דאס פיליכט מיינט דער פסוק: גיב מעשר, און באלד דערביי שטעהט „ואכלת מעשר", אויב דו וועסט ניט געבען קיין מעשר, וועסטו זיין דער, וואס וועט עסען מעשר, ווייל דו וועסט מעהר ניט זיין קיין בעל הבית איבער די נײַנציג פראצענט.

און דאס קען באמת געזאגט ווערען ביי יעדען מין צדקה. אויב דער וואס איז אימשטאנד צו געבען א טייל פון זיין פארמעגען פאר צדקה און גיט עס ניט, מאכט ער דערביי זיכער ניט קיין פראפיט, ווייל אויב ער וועט ניט בלייבען דעריבער קיין ארימאן, וועלען זיינע קינדער דאס פארמעגען פארלירען. און דער קארגער וואס גיט ניט קיין צדקה, האט אויך אפטמאל ניט דעם זכות זעלבסט צו געניסען פון זיין פארמעגען. ער איז ניט דער בעל הבית איבער זיין אייגען געלט.

דער בעסטער סימן צי אימיצער איז א בעל הבית איבער זיין פארמעגען איז: לויט דער צדקה וואס זיין הארץ ערלויבט איהם צו געבען.

שפטים

ריכטער און פאליציי זאלסטו איינפיהרען אין אלע דיינע שטעדט, און אום זיי זאלען משפט'ן דאס פאלק מיט צדק, דארפען זיי ערשטענס: ניט ציהען צו איין זייט, ניט זיין איינזייטיג, צו קיינעם זיך ניט דערקענען. און איבערהויפט ניט נעמען קיין כאבאר, ווייל כאבאר פארבלענדעט אפילו די קלוגסטע, וועלכע טראכטען: איך קען „נעהמען" און דאך משפט'ן עהרליך. זאגט מען איהם: זיי ניט קיין קלוגער, ווייל ויסלף דברי צדיקים, קוים גיט יענער כאבאר, זאגט ער שוין ניט דעם אמת.

אז דו ווערסט נאכיאגען גערעכטיגקייט, ווערסטו דאן פארשטעהן פארוואס דו ירשנ'סט דאס לאנד.

פילע בארשטייען ניט, פארוואס אונז קומט ארץ ישראל, ווייל זיי ווייסען ניט דעם טעם פון „צדק", ווי די תורה האט דאס אונז געלערענט צו פארשטיין.

ווען עס ווערט זיך צווישען אייך געפינען אימיצער וואס ווערט דינען פרעמדע אפגעטער, אפילו צו דער זון אדער לבנה, אדער צו וועלכען עס איז פלאנעט, און איר ווערט גוט חוקר ודורש זיין און אויסגעפינען פון ניט ווייניגער ווי צוויי עדות אז די זאך איז אמת, זאלט איהר יענעם פארשטיינערען, אבער די עדות זאלען עס טאן פריהער, אום צו זיין זיכער, אז זיי האבען געזאגט דעם אמת, ווייל טאמער האבען זיי פאלש עדות געזאגט, ווערט זיי דער געוויסען ניט דערלאזען, זיי זאלען איהם זעלבסט הרג'ענען און דערמיט ווערסטו אויסראמען דאס בייזקייט פון דיר און ניט האבען קיין פאלשע עדות.

ווען דו ווערסט קומען אין לאנד אריין און דיר ווערט זיך פארגלוסטען נאכטאן די אנדערע פעלקער און זיך אויך מאכען א קעניג — מילא, זאלסטו דיר מאכען א קעניג, אבער נאר אזעלכען אויף וועמען גאט ווערט איינשטימען. דיינער א ברודער מוז ער אבער זיין, און פאר קיין פאל ניט קיין פרעמדער. און זעה אויך אז דער קעניג זאל ניט האבען קיין צופיל פערד, מיט וועלכע ער קאן צוריקפיהרען דאס פאלק קיין מצרים, ווייל דאס קאן אויסגעטייטשט ווערען אז מיט פערד איז לייכט צוריקצוגעהן אין גלות.

מיט פערד קען מען מאכען „רייס טרעקס", אזוי ווי אין מצרים, און גאט האט פארזאגט אין די דאזיגע וועגען מעהר ניט צו געהן.

און זאל ער ניט האבען קיין צופיל ווייבער, זיי זאלען איהם דאס הארץ און קאפ ניט פארדרעהען, און כדי ער זאל ניט ארומגעהן לעדיג, וכתב לו את משנה התורה הזאת, זאל ער שרייבען די תורה אין דער אנוועזענהייט פון די כהנים

און לוים, דאן זאל ער זי לערנען און שטודירען, און ווען ער וועט זיך ניט אפּ־געבען מיט קיין נארישקייטען, וועט ער קאנען אנהאלטען א מלוכה צווישען אידען.

א אידישער קעניג קען ניט עקזיסטירען, ווען זיין צייט געהט אוועק אויף רייסעם און ווייבער...

דער קעניג פון אומות העולם האט אין די דריי זאכען געהאט זיין גאנצע שטארקייט: וואס מער אנגעקליבענע געלד, אלץ מער מעגליכקייט האט ער געהאט צו דינגען פרעמדע ארמייען, מיט זיי איינצונעמען פרעמדע מלוכות; וואס מער פערד — פאר זיינע רייטער, און וואס מער ווייבער — פאליטישע פארבינדונגען. דער קעניג דארף אבער ניט זיין שטארק פיזיש, נאר גייסטיג, און דערפאר האט ער די דריי זאכען ניט געדארפט האבען.

אז איהר וועט אנקומען אין לאנד אריין, לערענט זיך ניט די שמוציגע זיטען פון די פעלקער וואס ברענגען דערצו, דאס זיי פיהרען זייערע און פרעמדע זיהן און טעכטער אין פייער אריין, מיט פארשידענע כשופ׳ען און אנדערע טויטע זאכען, ווייל אט צוליעב דעם פארטרייבט זיי גאט פון דער ערד.

אבער אז איהר גארט אלץ צו איבערנאטירליכעם, וועל איך אייך אויפשטעלען א נביא, פון וועלכען איהר וועט האבען וואס צו הערען און וואס צו לערנען אין איינקלאנג מיט מיינע לעהרען, און אט דעם פארשפּרעכען האב איך פון גאט געקראגען, ווען איהר האט געהערט זיין קול ביים נעהמען די תורה, און זיך גע־בעטען דאס גאט זאל צו אייך ריידען דורך מיר, האט מיר גאט געזאגט: גוט, איך וועל זיי געבען א נביא, דורך וועמען זיי וועלען קענען הערען מיינע רייד. אבער היט זיך פאר פאלשע נביאים, וועלכע וועלען אין מיין נאמען מכלומרשט אייך ראטען טאן אזעלכעס, וואס איז געגען מיין ווילען, אט אזא נביא פארדינט דעם טויט.

א נביא וואס וועט אייך זאגען עפּעס, וועט אייך דארפען געבען א סימן, וואס עס וועט געשעהן, און אויב ער איז א פאלשער, וועט די זאך ניט געשעהן, וועט איהר דאן האבען א סימן אז ער איז א פאלשער.

היט זיך פאר פאלשע שלוחים, וואס רעדען כלומרשט אין גאט׳ס נאמען און האבען גאר זיך אין זינען.

„כי תצא למלחמה“ — ווען דו וועסט ארויסגעהן אין א מלחמה, דו, ווי איין מענש, מיט איין ווילען און איין אידעאל, וועסטו אפילו זעהן „עם רב ממך“, א גרעסער פאלק פאר דיר, האט פאר זיי קיין מורא ניט.

אבער „והיה כקרבכם אל המלחמה“, אז איהר וועט געהן צו דער מלחמה ווי א רבים, מיט פארשיידענע דעות און פארשיידענע מיינונגען, דאן „ונגש הכהן“ — זאל קומען דער כהן און אייך זאגען: „די שרעקענדיגע זאלען אהיים געהן“. די, וואס ווילען ניט געהן אין מלחמה, ווייל זיי האבען גענומען א פרוי, געבויט א נייע הויז, געהט בעסער אהיים און מאכט ניט שוואך די אנדערע. ווער עס האט גענומען א ווייב, זאל דאס ערשטע יאר זיין פריי פון מלחמה; נאך׳ן יאהר וועט ער שוין ליבער געהן אין מלחמה, ווייל ווען ער וואוינט א יאהר מיט א פרוי דארף ער שוין זיין בעהיג צו פיהרען א מלחמה.

געהסטו שוין אין א מלחמה, זאל דער אנפאנג זיין א שלום־אנבאט: צום ערשטען שליסען שלום־טריטים, און ווען זיי וועלען ניט וועלען קיין שלום טריטי,

דאן זאלסטו ערשטענס באלאגערען דאס לאנד, אבער ניט צושטערען די בוימער ארום דעם לאנד, ווייל בוימער פארניכטען, איז פונקט ווי פארניכטען מענשען. „כי האדם עץ השדה״, סיידען בוימער וואס זיינען ניט פרוכטבאר קאנסטו אויס־שניידען אום דערמיט צו בויען באפעסטיגונגען געגען שונא.

היט זיך ניט אומצובערענגען קיין נפש אומזיסט, און ווען דו וועסט געפינען א דער׳הרג׳עטען אין פעלד ניט וויסענדיג, ווער עס איז געווען דער רוצח, זאלען ארויסגעהן ביידע עלטסטע און ריכטער און זאלען אויסמעסטען ביז דער נאהענטס־טער שטאדט פון דעם גע׳הרג׳עטען און די פיהרער פון יענער שטאדט דארפען ברענגען א קרבן און זאגען: „מיר זענען ניט שולדיג אין דעם דאזיגען מארד, און וויסען ניט ווער עס איז שולדיג״, און דערמיט וועלען זיי פילייכט קענען דערגעהן ווער דער רוצח איז, און אויב ניט, ונכפר להם הדם — וועלען זיי ניט ליידען די זינד פון אומזיסט פארגאסען בלוט.

און פארגיסען בלוט מיינט ניט דוקא יענעם הרג׳ענען, נאר אפילו מיט רייד קען מען אויך עובר זיין אויף פארגיסען בלוט יענעם פארשעמען, מסר׳ן, שאדען דעם קרעדיט — דאס זיינען די נאהענטע קרובים מיט בלוט פארגיסונג.

כי תצא

ווען דו געהסט ארויס מלחמה האלטען מיט דיין פיינד און דו ביסט דער זיגער; און אויב דיין זיג באשטייט אין דעם וואס דו פאנגסט דאס הארץ פון א שיינער פרוי, און ווילסט זי דוקא פאר א ווייב, דאן זאלסטו וויסען אז די מלחמה איז נאך ניט פאראיבער, נאר זי הויבט זיך ערשט אן.

„והבאתה אל תוך ביתך", באלד ווי דו וועסט זי נאר אריינברענגען אין דיין הויז, „וגלחה את ראשה ועשתה את צפרניה", וועט זי זיך „באבען" די האר און מאניקיורען די נעגעל, וועט אויסטאן די לאנגע קליידער, והסירה את שמלת שביה, די קליידער האלטען זי געפאנגען, זאגט זי...

און אויב דו וועסט איהר עפעס זאגען, „ובכתה", וועט זי באלד אנהויבען וויינען און „את אביה ואמה", בענקען נאך טאטע־מאמע, וועלכע זי האט בריהער קיינמאל ניט געוואלט פאלגען...

נאך דעם, אז דו וועסט זי באלד ווייטער איבערבעטען און צו איהר קומען, „והיתה לך לאשה?" — וועט זי דען זיין צו דיר א ווייב? והיה — וואס וועט דאן זיין? ושלחתה לנפשה — וועסטו זי לאזען טאן וואס זי וויל.

און טאמער מיינסטו אז געלט מיט ציערונג וועלען איהר העלפען, ומכור לא תמכרנו בכסף — וועסט א פרוי'ס ליבע וואס דו האסט גענומען בלויז פאר איהר שיינקייט מיט קיין געלט ניט אפקויפען, ווייל זי וועט אלע מאל זאגען „אשר עניתה" — דו פייניגסט זי. דו זאגסט איהר א דעה, דו קוקסט איהר נאך, דו ביסט אייפערזיכטיג, דו וועסט שוין האבען א וויסט לעבען ביי איהר.

און דער סוף פון אזא חתונה איז: „כי תהיין לאיש שתי נשים", האט זי אנדערע ליבהאבער און דו האסט נאך א ווייב. און וועגען דעם זוהן וואס דו האסט פון אזא חתונה, לערענט אונז דער צווייטער פסוק, דאס ער איז א בן סורר ומורה.

קינדער וואס ווערען געבוירען דורך א ניט הארמאניש לעבען פון מאן און פרוי, זענען אימער די סורר ומורה'ס, וואס ווערען געבראכט אין די קינדער גע־ריכטען, און דאן קומט דער קאפיטעל פון „וכי יהיה באיש חטא משפט מות", זיי ווערען גענגסטערס און מערדער, וואס ווערען פאראורטיילט צום טויט.

און ווען דו זעהסט אזא פאראורטיילטען, ותלית אותו על עץ, זאלסטו די געשעהעניש אנהענגען אויף דעם עץ הדעת — אויף דער ערשטער עברה פון עץ הדעת, אז זיינע עלטערען'ס לעבען האט געמוזט זיין א זינדיגער, און אויב דו וועסט וויסען די אורזאכע און זיך אפהיטען פון אזעלכע יצר הרע פארליבע־נישען, וועסטו ניט פאראומרייניגען די ערד וואס די געטליכקייט גיט דיר.

דער מוסר השכל דערפון איז:

לא יהיה כלי גבר על אשה — פרויען דארפען ניט אויסזעהן אין זייערע מלבושים ווי מענער, און א מאן דארף זיך ניט איינליבען אין יעדען פרויען־קליידעל. דאס איז ניט קיין הייליגע פארבינדונג, כי תועבת ד' אלוקיך כל עושי אלה — דיין גאט, דער אידישער גאט, פאר אים זענען אזעלכע שידוכים אומ־ווירדיג. „לא יבא עמוני" — פארליבט זיך ניט אין קיין עמונית, און אויב זי זאל אפילו הארטען זיין די בעסטע, וועט זי אלץ ניט קענען קומען „בקהל", אין אידישער סאסייעטי.

געדענק, אז עמוני האט דיך ניט געלאזט דורכגיין זיין לאנד, כאטש דו האסט איהם געבעטען און פארשפראכען, אז דו וועסט איהם גאר ניט שאדען. נאר פארקערט, וועסט איהם נאך באצאהלען פאר אלעם וואס דו וועסט פון איהם גענוסען. און ער האט גאר געדונגען בלעמ'ען דיך צו שילטען. גאט האט פון די קללות געמאכט ברכות, „כי אהבך", ווייל די געטליכע ליבע איז אן אמת'ע.

דאס מיינט ניט, אז איהר דארפט פארהאסען די פעלקער, ניין. לא תתעב אדומי כי אחיך הוא. לא תתעב מצרי — האב זיי ליב, אבער בארליב זיך ניט אין זייערע טעכטער.

„לא תשיך לאחיך", ביים ניט דיין ברידער, און דאס זאל מיינען, אז מען טאר ניט נעהמען קיין פראצענט, און א פראצענטניק מוז זיין אין דער מדרגה פון א הונט, ווייל בייסען איז א הינטישע מידה.

„נשך כסף נשך אוכל", סיי געלט אויף פראצענט און סיי עסענווארג אויף בארג, אז דער קרעמער רעכענט העכערע פרייזען, הייסט דאס אויך „געביסען".

„כי תדור נדר", ווען דו מאכסט א „פלעדזש", „לא תאחר לשלמו", זאלסטו ניט פארשפעטיגען דאס צו באצאלען.

דו דארפסט היטען דיין מויל, האסטו עפעס ארויסגערעדט, דאן זיי מקיים.

בעסער זיי ניט מנדר, ווייל די הנאה וואס דער מענש האט בשעת ער מאכט דעם „פלעדזש" און די „פובליסיטי" וואס ער קריגט, ווערט דערווייל צוריקגע־שטעלט צו זיין „דעביט", און אויב ער באצאלט ניט דעם נדר, בלייבט דער „פלעדזש" אלס א ניט־באצאלטער חוב, אויף וועלכען ער האט שוין גענומען אויף'ן רעכנונג. די מאס פון פובליסיטי און די אפלאדיסמענטען ווערען אוועק־געשטעלט צו זיין דעביט זייט, מיט'ן רעזולטאט, דאס ער ווערט א בעל חוב ניט נאר פאר'ן נדר, פאר'ן פלעדזש, נאר פאר דעם חלק וואס ער האט שוין געקראגען אויף דיזען רעכנונג.

איז דעריבער דער אנזאג: מאכסטו א נדר, באצאל. און וואס דו זאגסט ארויס מיט'ן מויל, ביזטו שוין שולדיג, דו ביזט שוין א בעל חוב, פאר דעם נדר און פאר דער הנאה וואס דו האסט געהאט בעת דו האסט געמאכט דעם נדר.

* * *

אז איינער האט חתונה דארף ער דעם ערשטען יאהר ניט געהן אין מלחמה, ווייל אין ערשטען יאהר פון דער חתונה איז ער נאך ניט באהאווענט מיט די ריכ־טיגע טכסיסי מלחמה...

רייס ניט ארונטער קיין ווײדזשעס פון דיינע ארבייטער. „לא תעשק שכיר עני", ברענגט ניט קיין פרעמדע ארבייטער, עס זאל קאסטען ביליגער, ווייל דער דין איז דער זעלבער פאר'ן פרעמדען „מגרך אשר בארצך".

גיב אים דער געהאלט אין צייט, ולא תבא עליו השמש, זאל די זון ניט אונ־טערגיין, עס הייסט, זאל אים ניט ווערען טונקעל אין די אויגען בעפאר ער קריגט זיין געהאלט.

געדיינק, וואס עמלק האט מיט דיר געטאן, ווען דו ביזט ארויס פון מצרים. דו ביזט נאר וואס באפרייט געווארען פון שקלאפעריי, און ווייל ער האט דיר גע־לייגט שטיינער אין וועג פון דיין באפרייאונג, זאלסטו אים דאס קיינמאל ניט פארגעסען אין יעדען דור.

און ווען דיינער א שקלאף וויל אויפהערען ארבייטען פאר דיר, און וויל ווערען א זעלבסטשטענדיגער מענש, לייג אים ניט קיין שטיינער אין וועג. גע־דענק, פארשקלאפונג איז א מידה פון עמלק.

זכור תזכור את אשר עשה לך עמלק", געדענק שטענדיג, וואס עמלק האט דיר געטאן אין יענער צייט, וועסטו ניט זיין קיין עמלק, ווען דיינער אן ארביי־טער וועט וועלען ווערען א זעלבסטשטענדיגער מענש, גלייך ווי דו.

תבוא

משה זאגט אן דעם פאלק, ווי אזוי די ברכות און קללות זאלען אפגעטיילט ווערען צווישען די בערג — דער גריזים און עיבל — און צווישען די זעקס שבטים וואס דארפען בענשען דאס פאלק אויף גריזים געפינט זיך אויך שבט לוי.

און די לוים, וועלכע דארפען זיין פון די בענשערס, הויבען אן מיט א סדרה פון קללות. „ארור האיש!״ הכלל, קללות מיט חרמות. דאן קומט א קליין שטיקעלע טרייסט: „והיה אם שמוע״, אז איהר וועט פאלגען וועט איהר זיין „עליון על כל גויי הארץ״ און דאן וועלען אלע ברכות אויף אייך קומען. וועלכע ברכות? „ברוך אתה בעיר, וברוך אתה בשדה״ — איהר וועט זיין געבענשט אין שטאדט און אין פעלד, און נאך עטליכע פסוקים פון ברכות קומט ווייטער א צעטעל פון קללות פאר „אם לא תשמע״, פאר ניט פאלגען.

און עס שוידערט אזש דורכלייענענדיג די קללות!

הייסט עס, אז שבט לוי, וועלכער האט געדארפט זיין צווישען די בענשער, שעלט גאר, און דאן פון א קליין שטיקעלע ברכה פאר פאלגען, קומט א גאנצע „תוכחה״ פאר ניט פאלגען.

אבער אין דער אמת'ן ליגט אין דער קליינער ברכה פון „ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה״, און דאן „ברוך פרי בטנך״ — געבענשט זיין אין שטאדט, געבענשט זיין אין פעלד און האבען נחת פון קינדער — אט די ברכה פאר א פאלק אין אן אייגען לאנד ענטהאלט אלעס, ספעציעל ווען מען איז נאך באזארגט פון אויסערליכע שונאים — „יתן ד׳ את אויביך הקמים אליך נגפים לפניך״ — וואס נאך פעלט א פאלק צו זיין גליקלאך?

אבער ווען עס האנדעלט זיך אין „אם לא תשמע״ און מען דארף גאר שעלטען, איז צו די צרות גאר קיין ענד ניטא.

ווען מען בענשט יענעם מיט נחת פון קינדער, ענטהאלט עס שוין אלע ברכות אבער ווען מען שעלט איהם מיט קינדער, דאן זענען פאראן טויזענטערליי קללות.

מיר שיינט, אז די קללה פון „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועינך רואות״ — דיינע זיהן און טעכטער וועלען איבערגעגעבען ווערען צו אנדערע פעלקער, צו אנ־דערע קולטורען און דו וועסט עס זעהן און גארניט קענען העלפען — אט דאס איז א קללה איבער אלע קללות.

וויפיל פון אונז בארשטעהען די קללה, פון דעם וואס זייערע קינדער ווערען אויפגעהאדעוועט אין א פרעמדער אטמאספערע, לערנען פרעמדע קולטורען, אבער ניט די אייגענע? וויפיל פון אונז ווייסען, אז דאס מיינט מיט די אייגענע הענט איבערגעגעבען די קינדער צו פרעמדע פעלקער? און די וואס ווייסען דאס שוין

יא, ווערען זיי ערשט געוואויער, ווען עס איז שוין צו שפעט. אבער זיי קענען עס נים העלפען.

דאן קומט א קללה פון „הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה ואתה תרד מטה מטה" — דער פרעמדער, דער גר, וועט שטייגען העכער און העכער, און דו וועסט ארונטערפאלען נידעריגער און נידעריגער.

דער „ערבי נחל" זאגט איבער די ווערטער פון „מעלה מעלה" און „מטה מטה", א זעהר געלונגענעם געדאנק:

אז א רייכער מענש ווערט פלוצים ארים, קריגט ער די סימפאטיע פון אלעמען. אבער ווען ער ווערט אן ארימאן שטופענווייז, באמערקט עס קיינער נים, און ער קריגט נים די סימפאטיע ווי דער, וואס ווערט פלוצלונג ארים.

אז איינער ווערט פלוצלונג רייך, ציט ער אויף זיך די קנאה פון אנדערע, ווערענד אז ער ווערט רייך שטופענווייז, ציהט ער נים קיין קנאה אויף זיך.

אט האס, זאגט דער „ערבי נחל", מיינט די קללה: דו וועסט ארונטערפאלען מטה מטה שטופענווייז, און וועסט דעריבער פון קיינעם קיין סימפאטיע נים קריגען, ווערענד דער פרעמדער וועט שטייגען מעלה מעלה שטופענווייז, וועט ער אויף זיך נים ציהען די קנאה.

און נים נאר איז דאס פאלען א קללה, נאר דאס פאלען „מטה מטה" שטופענווייז איז א קללה פאר זיך זעלבסט. איז עס אלזא א דאפעלטע קללה.

„ואכלת פרי בטנך", דו זאלסט עסען די פרוכט פון דיין אינגעווייד — דארף נים גענומען ווערען אין בוכשטעבליכען זין, ווייל אידען זענען נים קיין קאניבאלען אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען, און ווען מען רעדט פון קאניבאליזם איבער אייגענע קינדער, וועלען אידען בעסער זיך אליין ממית'ן פון די קינדער'ס וועגען. דער אמת'ער באדייט פון דער קללה איז, אז עלטערען דארפען לעבען פון דעם, וואס די קינדער פארדינען אויף פרנסה און האלטען זיי אויס.

אז אך און וועה איז צו עלטערען, וואס דארפען לעבען פון דעם, וואס די קינדער פארדינען פון זייערטוועגען!

אין אמעריקע, וואו קינדער ווערען אויפגעבראכט אין א פרעמדער אטמאספערע און דער טאטע מיט'ן קינד זיינען צוויי באזונדערע וועלטען — אט דא, ווען די קינדער האלטען אויס די עלטערען מיט זייער ארבייט, זיינען די עלטערען ביי זיי נים מעהר ווי פארקויפטע שקלאפען. זיי מוזען אלעס פאר ליב נעמען און שווייגען.

יא, איינע פון די שווערסטע קללות אין דער תוכחה איז דער „ואכלתם בשר בניכם ובנתיכם" — איהר זאלט עסען האס פלייש פון אייערע זיהן און טעכטער — די קינדער זאלען אייך דארפען געבען עסען.

דאכט זיך, שוין גענוג קללות אויסגערעכענט אין דער תוכחה, קומט אבער א נייע מאדערנע קללה: „גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתובה" — יעדע קראנקהייט, יעדע מכה, וואס ווערט דא נים דערמאנט.

און ריכטיג איז עס, ווייל פילע קללות וואלטען אפטמאל נים געווען אזוי שעדליך לויט די אומשטענדען און צייט, און זיי וואלטען אמאל גאר קיין באטרעף נים געהאט, קומט אבער א צייט און א פלאץ און ברענגען א מכה אשר לא כתובה בתורה . . .

אט למשל ליידען היינט די רוסישע אידען פון א צייט און פלאץ קללה, וואס איז נים דערמאנט געווארען אין דער תורה, און דאס איז: די רדיפות אויף זייער גלויבען דורך אייגענע אידישע „יעווסעקען", אדער אין א צווייטען פלאץ ערלויבט מען נים אידישע קינדער אין די אוניווערזיטעטען, היינט דער אנטיסעמיטיזם — אט דאס זענען אלע קללות, וואס קענען נים דערמאנט ווערען אין דער תורה, ווייל באר די צייט און דאס פלאץ קאנען זיי גורם זיין.

די וועלט זאגט: „אפילו אז א שלעכטע שוויגער איז אויך פון די קללות וואס ווערט געמיינט אין „כל חלי וכל מכה אשר לא כתובה".

אבער ווען אלע קללות ענדיגען זיך, קומט דער שלום ווארט און ער ווערט אנגערופען: „אלה דברי הברית" — אט איז דער דאקומענט וואס גאט האט אנגעזאגט משה'ן, ער זאל דאס אנזאגען די אידען אלס „כריתת־ברית" — א שלום־טריטי.

און באלד פאנגט זיך אן דער קאפיטעל פון „אתם ראיתם".

שרעקט זיך נים, איהר האט געזעהן וואס איך האב פאר אייך געטאן אין דער מדבר: אין פארלויף פון פערציג יאהר זיינען אפילו אייערע קליידער נים פארפוילט געווארען, און אז סיחון מלך חשבון און עוג מלך הבשן זענען צו אייך ארויס פאר מלחמה, ווייסט איהר וואס זייער סוף איז געווען.

איך בין אייער פאטער, מעג איך אייך אנזאגען און באשטראפען, אבער ווען פרעמדע באפאלען אייך און ווילען אייך פארטיליגען, דאן נייט גלייך איבער צום ערשטען פסוק פון דער נעקסטער סדרה: „אתם נצבים היום כלכם לפני ד' אלוקיכם" — איהר שטעהט פאר דעם זעלביגען גאט, וואס האט אייך אלעמאל געהאלפען געגען אייערע שונאים . . .

נצבים

גאָבדעם ווי די בני ישראל האָבען אויסגעהערט די גאַנצע תוכחה מיט די אַלע קללות וואָס משה האָט זיי אָנגעזאָגט, און פאַל זיי וועלען ניט פאָלגען, ווי עס איז באַשריבען אין דער לעצטער סדרה, ווייזט אויס, אַז די אידען זיינען עפּעס געוואָרען זייער אומצופרידען.

און משה זאָגט דעריבער: „אתם נצבים היום כלכם לפני ד' אלקיכם" — איהר שטעהט היינט אַלע פאַר אייער גאָט און איהר קענט צו איהם ברענגען אייערע טענות, און כדי איהר זאָלט אמאָל ניט זאָגען, אַז איהר זענט ניט צופרידען מיט אייערע שלוחים, געפינט איהר זיך היינט אַלע, פון אייערע עלטסטע ביז די אינגסטע, פון אייערע פאָלקס פיהרער ביז די וואַסער־טרעגער און האָלץ־העקער, מיט דעם צוועק „לעברך בברית ד' אלוקיך ובאלתו", איבערצוגעהן די דאָקומענטען פון דעם כריתת ברית מיט די אַלע באַשוועהרונגען.

אָבער זייט וויסען, אַז דאָס אַלעס ווערט ניט געטאָן פאַר אייער שלעכטען, נאָר מיט'ן צוועק „למען הקים אותך היום לו לעם", כדי פון אייך צו מאַכען אַ פאָלק, אַז גאָט זאָל קענען זיין אייער גאָט, לויט דעם פאַרשפּרעכען צו אייערע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב.

און אפשר געפינען זיך צווישען אייך גלייכגילטיגע, וואָס דענקען: „אָט וואָס האָב איך צו דאַנה'ן, ווי לאַנג איך האָב נאָך צו לעבען, וועל איך אפשר סיי ווי ניט דערגרייכען ביז די צייט ווען די קללות וועלען דאַרפען מקוים ווערען". זאָג איך אייך, דאָס ניט נאָר מיט אייך אַליין ווערט דאָ אַ בונד געשאַפען, נאָר אפילו מיט אייערע קינדער און קינד'ס קינדער, סיי די וואָס זיינען יעצט דאָ פאַראַן און אפילו די, וואָס זענען אַהער ניט געקומען און דענקען צו קענען זאָגען דאָס זיי האָבען אויף זיך ניט גענומען דיזען ברית.

און פונקט ווי איר ליידעט יעצט פאַר די זינד, וואָס אייערע עלטערען האָבען זיך אָנגעלערענט אין מצרים, אַזוי וועלען אייערע קומענדע דורות ליידען פון אייערע זינד.

דעריבער, „פן יש בכם" טאָמער געפינט זיך צווישען אייך אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַ גאַנצע פאַמיליע אָדער אַ שבט, וואָס זענען יעצט ניט אַנוועזענד, ווייל זייער האַרץ ציט צו דינען פרעמדע געטער, סיי צוליב די שמוציגע מעשים און סיי צוליב כסף וזהב אשר עמהם, די לוקסוס־זאַכען, גאָלד און זילבער ציהט זיי צו זיך, אָדער אפשר קאַריערעס און — בשמעו את דברי האלה, ווען זיי וועלען דערפון הערען, וועלען זיי זאָגען: „שלום יהיה לי" — מיט מיר האָט עס אין גאַנצען ניט צו טאָן — אָט דער חברה מאַן „לא יאבה ד' סלוח לו" — דעם

וועט גאָט ניט וועלען פאַרגעבען. און דוקא דעם וועלען טרעפען די ערשטע קלעפּ פון מיין קללה, אפילו ווען ער וועט זיך אסימילירען און ענדערען זיין אידישען נאָמען, וועט די קללה איהם צום ערשטען טרעפען.

אַזוי זעהען מיר די קללה מקוים ווערען אין אַלע צייטען. ווייל עס קומען קללות אַדער פּאָגראָמען אויף אידען, ליידען דאַן די אסימילאַטאָרען אַפט די ערש־טע, אָט די וואָס זאָגען „שלום יהיה לי", איך האָב ניט קיין מורא; איך האָב אפילו געענדערט מיין אידישען נאָמען.

ואמרו כל הגוים, און אַנדערע פעלקער וועלען זיך אפילו וואונדערען און פרעגען: „על מה?" פאַרוואָס ווערען געשטראָפט די אַסימילאַטאָרען, די וואָס ווילען פאַרגעסען אַז זיי זיינען אידען? און דער ענטפער וועט זיין: טאַקע דער־פאַר, „על אשר עזבו את ברית ד'", ווייל טאַקע זיי האָבען דעם „ברית" פאַרלאָ־זען — אָט צוליב זיי קומט די קללה אויף'ן גאַנצען פאָלק.

איהר ווילט וויסען די אורזאַך פאַר אַזאַ האַנדלונג? הנסתרות לד', דאָס זענען סודות פון דער געטליכקייט, והנגלות — און דאָס וואָס מיר דאַרפען וויסען, איז „לנו ולבנינו" — אַ חוב פאַר אונז מיט אונזערע קינדער, לעשות את כל דברי התורה הזאת, צו טאָן אַלעס וואָס עס ווערט אַנגעזאָגט אין אָט דער הייליגער תורה.

נאָך אַלעמען איז די תורה און מצוה וואָס מען זאָגט אַז ניט קיין תורה וואָס פּאַסט נאָר פאַר הימעל־מענשען. לא בשמים היא — עס איז ניט קיין תורה פאַר הימעל־מענשען, כי קרוב עליך הדבר, עס איז נאָהענט צו דיר, צו דיינע באַדערפ־נישען אום צו לעבען און קענען עקזיסטירען. די תורה איז געגעבען געוואָרען אום צו קענען לעבען מיט איהר און דורך איהר.

איך נעהם פאַר אייך עדות דעם הימעל און די ערד, וועלכע עקזיסטירען אייביג, און איר זעט זיי יעדע מינוט פון אייער לעבען. אָט דאָס זענען וויכטיגע עדות אַז איך גיב פאַר אייך לעבען און טויט און בעט אייך: קלויבט זיך אויס לעבען, ובחרת בחיים, למען תחיה אתה וזרעך — די תורה איז אַן „עץ החיים", אַ בוים פון לעבען. האַלט זיך אָן איהר און וועט לעבען און באַזיצען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט פאַרשפּראָכען צו אייערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב. •

ווילך

ווי מיר האבען שוין געזאגט אין דער פריהערדיגער סדרה, ווייזט אויס, אז א גרויסער טייל פון פאלק זענען ניט געקומען צו דעם אויבענדערמאנטען „לעקטשור" איבער דער ברכה מיט דער קללה — די ברכה פאר'ן פאלגען און די קללה פאר ניט פאלגען. פילע האבען זיך מסתמא אויסבעהאלטען, כדי זיי זאלען ניט אננעהמען פערזענליך דיזען כריתת ברית.

און די איצטיגע סדרה דערצעהלט אונז דעריבער: „וילך משה", משה איז צו זיי געגאנגען און אלעם איבערגעזאגט צו „כל בני ישראל", צו אלע אידען. און האט זיי דערביי געזאגט:

„הערט קינדער, איך ווער היינט אלט הונדערט מיט צוואנציג יאר. עס איז מיר שווער צו אייך צו קומען, „לא אוכל לצאת ולבוא", און דעם ירדן וועל איך שוין ניט אריבער מיט אייך, וויל אזוי האט גאט געוואלט, און יהושע וועט זיין דער, וואס וועט מיט אייך אריבער דעם ירדן.

האט קיין מורא ניט, און דענקט ניט, אז עפעס וועט זיך ענדערען מיט מיין פטירה, וויל גאט וועט טאן מיט די אנדערע פעלקער פונקט ווי ער האט געטאן מיט סיחון און עוג. האט קיין מורא ניט, גאט וועט זיין מיט אייך, אויב איהר וועט זיין מיט איהם.

און דא האט משה גערופען צו יהושע'ן און איהם איז דער געגענווארט פון אלע אידען געזאגט: „חזק ואמץ", שטארק זיך, האב קוראזש — אט דאס איז די וויכטיגסטע מעלה פאר א פאלקס-פיהרער.

אט די תורה פון מוט און קוראזש האט משה אנגעשריבען און עס איבער־געגעבען צו די כהנים, בני לוי, צו די וואס הארפען זיין אידישע פיהרער, און האט זיי אנגעזאגט: „וילמדה את בני ישראל" זיי זאלען דאס לערנען די בני ישראל.

ווען עס קומט שמיטה און זיי וועט ניט גלוסטען אוועקגעבען צוריק וואס זיי האבען אין באזיץ פון יענעם, לערען זיי די תורה פון מוט און קוראזש, וויל די קינדער דארפען עס אויך וויסען, לערענט זיי דאס.

* * *

און דא קומט דער טראגישסטער פונקט אין דער אידישער היסטאריע:

גאט זאגט צו משה'ן: „אט איז געקומען דיין צייט צו שטארבען" — הן

קרבו ימיך למות — רוף צו יהושע, זאל ער שטיין מיט דיר און אין דיין געגענ־
ווארט וועל איך אים געבען מיינע ווייטערע באפעהלען.

משה גיט איבער די געשריבענע תורה, ער פארזאמעלט די זקני ישראל און
נעהמט נאך אמאל פאר עדות הימעל און ערד און זאגט: איך קען אייך פאר ניט
קיין זייער פיינע מענשען, „ממרים הייתם עם ד'", יעצט וואס קען איך נאך
ערווארטען נאך מיין טויט? דעריבער זאל די תורה מיט די עדות פון הימעל
און ערד אייך דערמאנען, פארוואס די צרות קומען, אויב זיי קומען. „כי תעשו
את הרע" — שלעכטע מעשים ברענגען שלעכטע פאלגען.

און מיט דיזע ווערטער האט משה, דער פאלקס פיהרער, זיך געזעגענט מיט
די אידען, וועלכע האבען געהאלטען ביים איבערנעהמען דאס לאנד, ווערענד ער,
דער פיהרער, איז געבליבען דא, וואו די געטליכקייט האט איהם באפוילען צו
בלייבען. מיר ווייסען ניט דאס פלאץ פון משה'ס קבר, אבער וואס ארט אונז
וואו עס איז? אזוי לאנג ווי מיר ווייסען, אז אין ארץ ישראל איז דער גרויסער
פירער ניט געקומען. משה האט דאס אויך פאר ליב גענומען, און דעריבער זענען
מאקע ריכטיג די ווערטער: „ולא קם בישראל נביא עוד כמשה" — נאך אזא
נביא ווי משה האט זיך שוין ניט באוויזען ביי ישראל.

האזינו

נאכדעם ווי משה דער מחוקק, דער פאלקס־לערער, איז פארטיג געווארען מיט'ן איבערגעבען די בני ישראל די חוקים ומשפטים, פארנעמט ער זיך אין דיזער סדרה הויפטזעכליך מיט זיין פראפעטישען בליק איבער דער פארגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט.

און דער גרעסטער פון אלע נביאים אויף וועמען די געטליכקייט זאגט „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", אט דער גרעסטער נביא זאגט פאראויס דעם באחרית הימים. אנהויבענדיג פון ישראל'ס בליהענדע יוגענד און אדורכגעהענדיג מיט איהם די בעסטע און ערגסטע צייטען ביז דער קומענדער גאולה.

„זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור" — עס איז וויכטיג צו געדענקען די אמאליגע צייטען, אום צו פארשטעהן די יאהרען פון יעדער גענעראציע, ביז דער צייט ווען א קינד וועט עפעס פרעגען דעם פאטער, וועט ער אים ענטפערען: איך וויים ניט. פרעג דעם זיידען, אפשר ווייסט ער, וועט ער דיר זאגען. „שאל אביך", פרעג דיין פאטער, „ויגדך", וועט ער דיר זאגען, „זקניך ויאמרו לך", אפשר וועט דער זיידע דיר וויסען צו זאגען. האם הייסט, פון'ם אייניקעל ביז'ן זיידען וועלען זיין דריי פארשידענע פעריאדען, דריי פארשידענע ערציאונגען.

און משה רבנו פאנגט אן פון'ם דור המדבר, „ימצאהו בארץ מדבר", ער דער־מאנט בלויז די פרייליכע צייטען, די טרויעריגע האבען דאך אלע בייגעוואוינט און געדענקען עס גוט. ווי אן אדלער האט די געטליכקייט זיינע קינדער געשיצט, ער האט זיי זעלבסט געפיהרט, אהן פרעמדער הילף — ואין עמו אל נכר.

דאן קומט די צווייטע פעריאדע פון „ירכיבהו על במתי ארץ" — געבראכט זיי צום העכסטען לאנד, און געמאכט די ערד פרוכטבאר, זיי געגעבען זויגען האניג פון שטיינער און בוימאויל פון פעלזען, די פעטסטע שאף און רינדער, די בעסטע וויין — אלסדינגג האבען זיי געהאט.

אבער — און דא קומט די דריטע פעריאדע פון „שמנת עבית", ביזט פעט געווארען און פארלאזט דיין גאט, איהם דערצארענט מיט פרעמדע געטשקעס, מקריב געווען קרבנות צום טייפעל „יזבחו לשדים", עפעס נייע געטער, פון וועלכע אפילו דיינע אור־עלטערען, עבודה־זרה דינער, האבען קיין אהנונג ניט געהאט.

און גאט פארדריסט אויף זיינע זיהן און טעכטער איבער זייערע שלעכטע מעשים, און זאגט: „אסתירה פני מהם", איך וועל מיין השגחה ארונטערנעהמען פון זיי. און לאמיך זעהן וואס וועט פון זיי ווערען — פון זיי, דעם פאראדאקסאלען דור: אומגלויביגע אין גאט, און גלויביגע אין אלע נארישע זאבאבאניעס, אפגעטער.

און ווען זיי דערצארענען מיך מיט גאטלאזיגקייט, וועל איך זיי דערצא־

רענען מיט פאלקסלאזיגקייט, מיט א כאאטיש וואנדער און רויבעריש פאלק וועל איך זיי שטראפען. איך טו דאס, כדי זיי זאלען ניט קענען האבען דעם איינדרוק אז דאס פאלק איז קלוג און שטארק, דערפאר האט עס זיי מנצח געווען. ניין, עס וועט זיין א פאלק פון אובד עצות און אהן תבונה, און דאך וועלען זיי האבען די אויבערהאנט אויף'ן פאלק ישראל דעם געלערענטען, געבילדעטען און קלוגען.

לו חכמו ,ווען איהר זאלט קלוג זיין וואלט איהר דאן פארשטאנען ווי אזוי איז דאס מעגליך „איכה ירדף אחד אלף ושנים יניסו רבבה", ווי אזוי איינער פון אייך האט געהאט בכח נאכצויאגען טויזענטער, און צוויי זאלען מאכען אנטלויפען צעהן טויזענט כוליגאנעם, אויב ניט ווייל די געטליכקייט האט זיי צו אייך אין די הענט איבערגעגעבען?

און פארקערט: די שיכורים, וועלכע „מגפן סדום גפנם, חמת תנינם יינם". זיי טרינקען מיט יושר און רעכט דעם סדום וויין, און דאס געטראנק איז א שלאנגען גיפט פאר זיי, באפאלען א קליינע הייפעלע פון זיי ניכטערע טויזענטער פון אייך, איז דאס א געוועהנליכע פאסירונג?

און אט די כוליגאנעם זענען זיכער אז אויף די פרעמדע געטער וואס איר, זיהן און טעכטער, האבען זיך פארלאזען, סיי זיי רופען זיך סאציאליסטישע, סיי קאמוניסטישע. אי אלוקימו יקומו ויעזרכם — זאלען זיי אייך קומען העלפען אין צייט פון פאגראמען, אז ניט העלפען, זאלען זיי אייך כאטש באשיצען, „יהי עליכם סתרה", זאלען זיי ניט דערלאזען די פאגראמען — טוען זיי דאס?

איז עס ניט די צייט איר זאלט פארשטיין אז איר האט געמאכט שלעכטע אויסטוישען פון אייער גאט אויף פאלשע קליינע געטשקעס? איך, ווען איך טויטע, קען איך דאך אויך לעבעדיג מאכען, ווען איך שלאג, קען איך דאך אויך היילען, און איר וועט האן דאס ערשט פארשטיין.

און דא געהט משה איבער צו דער פעריאדע פון גאולה און זאגט ווייטער:

„הרנינו גוים עמו" — מאכט זינגען זיין פאלק (ישראל) זאגט משה צו דער וועלט'ס מענשען. עס איז געקומען די צייט צו נעהמען נקמה פאר'ן פארגאסענעם בלוט פון זיינע קנעכט, וכפר אדמתו עמו, און ער וועט דאן איבערבעטען זיינע קינדער מיט זיי צוריקגעבען זייער לאנד, זייער ערד.

די היינטיגע סדרה איז זייער צוגעפאסט צו די „עשרת ימי תשובה", ווען יעדער איד גיט זיך אב א חשבון הנפש, און דאס געוויסען פלאגט אים פאר דאס שלעכטע וואס ער האט געטאן, און אויב ער ווייסט אז ער האט געטאן, וידעת היום, אז דו ווייסט שוין דעם רעכנונג, די דעביט זייט איז גרעסער ווי די קרעדיט זייט, איז די עצה „והשבות אל לבבך", אויף דעם זיינען די טעג פון תשובה, כדי צו קענען ערהייכען צו דער געטליכקייט.

דער געוויסען פון א מענשען באשטראפט איהם פאר שלעכטעס, פונקט ווי דער געוויסען פארגיטיגט פאר גוטעס.

ווען טיטוס הרשע האט אומגעבראכט אזוי פיל אומשולדיגע נפשות, האט איהם א „מוק" געעגבערט דעם מוח, און דאס איז דער מוק וואס רופט זיך „גע־וויסען", וואס האט איהם ביי יעדער געלעגענהייט געפרעגט: רשע, וואס האסטו געטאן? און אט דער געוויסען האט איהם אזוי געעגבערט אין מוח, אז נאך'ן טויט האט זיך אויף'ן פלאץ פון מוק, א שטילע טויב באוויזען.

רבי פנחס בן ערובא האט מסתמא געלעבט אין דער צייט פון טיטוס, ווען לייטע האבען ניט געגלויבט אז דער רשע האט חרטה, אז דער געוויסען פלאגט איהם, און ער, רבי פנחס, האט דעריבער געזאגט, דאס ער האט געזעהן ווען טיטוס קאפ איז געשפאלטען געווארען נאך'ן טויט, האט מען פון דארט ארויסגענומען א טויב, אנשטאט א יתוש.

יא, עס איז א יתוש וואס יעדער מענש האט אין מוח ווען ער טוט עפעס שלעכטעס, און דער געוויסען בייסט איהם און פלאגט איהם ווי ביי טיטוס'ן.

און די היינטיגע הפטורה „שובה ישראל" קער זיך צוריק, איד, צו דיין גאט און צום ריינעם גלויבען, איז אויך ספעציעל פאר דיזען שבת, דער שבת־יחסן פון תשובה.

דער נביא זאגט דעריבער: קעז זיך צוריק, ישראל, צו דיין גאט, „כי כשלת בעוניך", ווייל אפילו זינדיגענדיג האסטו אויך געהאט שטרויכלונגען.

ווען א איד האט אמאל געזינדיגט, האט ער כאטש געהאט הנאה אויף דער וועלט, ווייל די פעלקער האבען איהם צווישען די זינדער פריינדליך אויפגענומען. היינט ווען א איד וויל אפילו זינדיגען מיט די אנדערע פעלקער צוזאמען, שטויסט מען דאך איהם אוועק, כי כשלת, דו ווערסט דאדאפילו אוועקגעשטויסען „בעוניך" ווען דו ווילסט מיט זיי זינדיגען, איז דאך בעסער „שובה ישראל", קעהר זיך אום צו דיין אידישקייט, צו דיין גאט און צו דיין אמונה.

אום ראש השנה ווערען די ספרי חיים און ספרי מתים געעפענט, און אויב איהר וואונדערט זיך, צו וואס דארף מען עפענען די ספרי מתים, ווען די מתים ווערען דאך אין דיזע טעג ניט גע'משפט? איז דער תירוץ: מען זוכט צווישען די ספרי חיים, צי א איד האט באזוכט א שוהל, צי ער האט עפעס נגעבען פאר תלמוד תורה, און אז מען געפינט איהם ניט, זוכט מען אין די ספרי המתים, אויב דער איד האט געהאט א יאהר צייט, צי איז ער דאן געקומען אין שוהל אריין; אדער ווען א קינד איז איהם געשטארבען, צי האט ער אין'ם קינד'ס נאמען עפעס געגעבען אויף תלמוד תורה, און דעריבער מוז מען די ספרי מתים אונטערזוכען, ווען מען משפט די לעבעדיגע, כאטש זיי זענען נאך פארשריבען אין ספר החיים.

וזאת הברכה

וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל לפני משה, און דאס איז די ברכה וואס משה, דער געטליכער מענש האט געבענשט די אידען איידער ער איז געשטארבען.

אבער ברכה אליין איז ביי משה'ן ניט קיין אבסאלוטער באגריף נאר א רעלא־טיווער. ווארים אמאליגע געטער זיינען קאפירט געווארען נאך דעם מאדעל פון'ם ער־דישען דעספאט וואס האט באשטראפט מענשען אהן א פארוואס, און די זעלבע אויך באשאנקען אן פארדינסטען מצד יענעם, נאר ווייל אזוי האט אים פארטראגען דער מאמענטאלער קאפריז. זייערע אפגעטער זענען אויך אזוי געווען: זיי האבען (לויט זייער מענשענ'ס נארישען באגריף) אנגעשיקט פורעניות'ן אויף אימיצען כאטש יענער האט גארניט געזינדיגט און איינגעטיילט גוטעס צו אנדערען כאטש יענער האט זיך מיט גארנישט אויסגעצייכענט. דער פועל יוצא פון אזא אומגעלומפערטען באגריף איז געווען וואס דער געשטראפטער האט קיין פארזוך ניט געמאכט צו ווערען בעסער, לייטישער, נאר אנשטאט דעם אונטערצוקויפען דעם קאפריזנעם גאט מיט א קרבן כדי זיך איינצוקויפען ביי אים אין לאסקע.

די תורה האט געוואלט דעם דאזיגען טעות אויסווארצלען, באטאנעדיג ביי יעדער פאסיגער געלעגענהייט, אז די שטראף ווי באלוינונג ווענדעט זיך אינגאנ־צען אן דעם מענשען גופא. „זע", זאגט זי: „איך גיב פאר דיר א ברכה און א קללה. די ברכה — ווען דו וועסט פאלגען מיינע געבאטען, און די קללה — אויב דו וועסט ניט פאלגען און זיך פארנעמען אויף א שלעכטען וועג". אדער „ובדבר הזה תאריכון ימים על האדמה" ד.ה. טוענדיג דאס דאזיגע וועסטו דערמיט גופא פארלייגערען דיינע יארען אויפ'ן לאנד וואס גאט גיט דיר. אדער „למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה," און אזוי ווייטער, אומצייליגע ערטער וואו די תורה באווייזט אז דעם מענשענס מעשים ברענגען אים ברכות אדער קללות, און אזוי ווי דער איד ווערט איבערצייגט דערין, איז שוין די בחירה ביי אים אין די הענט „ובחרת בחיים" — זיך אויסצואוויילען דעם וועג צום לעבען און אויסמיידען דעם וועג פון טויט.

האבענדיג דאס דאזיגע אין זינען אפילו אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען האט ער אויך דערפאר אוועקגעשטעלט די הויפט פונקטען וואס זענען נויטיג אפצו־היטען, כדי צו קענען געניסען פון די ברכות וואס זייער געזעגענבער און פאלקס־לערער ווינשט זיי אין דעם ערענסטען מאמענט, איידער ער גייט אוועק פון זיי אויף שטענדיג, און ער זאגט:

ה' מסיני בא — גאט איז צו דיר געקומען פון בארג סיני, דאס איז דער חימ־

באַל פון עניוות, ווי דער סיני, וועלכער, לויט אונזערע חכמים, האָט זיך פאַרהאַלטען רוהיג בעת דער תבור, חרמון און כרמל האָבען זיך געשפּאַרט צווישען אייגאַנדער און יעדער האָט געדרונגען אז ער איז דער העכסטער און דערפאַר דאַרף נאָר אויף אים די תורה געגעבען ווערען. דער סיני, וויסענדיג זיין קליינקייט, איז זיך געזעסען רוהיג, זייענדיג זיכער אז אויף אים וועט מען אודאי די תורה ניט געבען, און דער־פאַר זאָגט דער משורר אין תהילים: „ההר חמד אלקים", דעם דאָזיגען באַרג האָט גאָט אויסגעוויילט „לשבתו", מחמת זיין זיצען רוהיג, און ניט טאַנצען אזוי ווי די איבעריגע. די מעלה פון באַרג סיני האָט אויך משה געהאַט, און דערפאַר האָט ער זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה פאַר אידען. דאָס זאָגט דער תנא אין אבות: „משה קבל תורה מסיני" ד. ה. משה'ס זכות איז געווען דער זעלבער ווי דעם באַרג'ס, און דאָס זאָגט ער אַן די אידען: זייט וויסען אז ה' מסיני בא, געטליכקייט קען קומען נאָר פון סיני, אָבער ניט פון יענע וואָס הע‍צקען זיך מיט זייער גרויסקייט. מיינענדיג אז נאָר צו זיי געהערט די תורה...

דער צווייטער פּונקט איז: וזרח משעיר למו — פון שעיר שיינט ער פאַר זיי. דערמיט דערמאָנט ער אונז די צואה פון אַלטען טאַטען יעקב. ווען עשו זיין ברודער האָט זיך אים פאַרשטעלט פאַר א גוטען פריינט און געלאַדען צו זיך אהיים אין שעיר. יעקב האָט אים דערויף געענטפערט: מיין האַר וויים, אז די לעמעלאַך זענען יונגע. מיט זיי מוז איך מיך פירען פאַרזיכטיג, טריט ביי טריט. דו גיי פאַראויס און איך וועל שוין נאָך דיר נאָכקומען קיין שעיר — און זיך פאַרקירעוועט קיין שכם, און פון דאָרטען — אהיים צום טאַטען יצחק... אום צו זיין ווערט די ברכה פון משה'ן, דאַרף אונזער לאַזונג זיין: „פון שעיר", וואָס ווייטער פון עשו'ן, פון זיין לערע, פון זיינע מדות, און וואָס נעהענטער צו דעם טאַטענס היים, דאָרט וואו דער אַלטער יצחק האָט געוואוסט ווי צו לעבען פאַר גאָט און ווי פאַר אים צו שטאַרבען..

הופיע מהר פאָרן — דאָס איז א דריטער תנאי: צו זיין מוטיג, גלויבען אין גאָט און זיין הבטחה, כדי עס זאָל זיך ניט איבער חזר'ן די מעשה פון די מרגלים, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַקעגען דעם באַרג פאָרן, א פּאַסירונג וואָס האָט נאָכגעבראַכט א „בכיה לדורות"...

ואתא מרבבות קודש — דאָס איז א פערטער תנאי: ניט צו זיין ווי אַנדערע פעלקער וואָס האָבען איינצעלנע געציילטע הייליגע בעת דער המון איז ניט געלערנט, באָדט זיך אין אונוויסענהייט און שכרות, אין רויב, נאוף און גנבה. די תורה פאַ־דערט אַז „עם קדוש", א „ממלכת כהנים" — וכל בניך למודי ד' — אַלע אידען זאָלן זיין געלערנט און אָפּגעהיט. יעדער איינער פון זיי זאָל זיין א כהן. ואתא מרבבות קודש, ער קומט פון צענדליגע טויזענטער הייליגע, אָבער ניט פון איינצעלנע אזעל־כע.... און כל זמן אידען האָבען זיך אָנגעהאַלטען אַז דעם כלל איז טאַקע גאָט געווען אין דער גאַנצער מחנה ישראל: אין גאַס ווי אויפ'ן פעלד, אין שול ווי אין פּריוואַטע געצעלט.

מימינו אש־דת למו — פון זיין רעכטער האַנט קומט די פייערדיגע רעליגיע דאָס זעלבע ווייסען מיר אויך פון אַן אַנדער פסוק אין משלי. בשמאלה עושר וכבוד, אַ עץ חיים איז די תורה לויט אונזערע חכמים'ס דרש „למימינים בה". וואָרים א נאָרמאַלער מענש טוט אַלע אַרבייט מיט דער רעכטער האַנט. און די צווייטע דינט

נאר אלס א געהילף צו דער רעכטער. פאראן צוויי וועגען צו דער תורה: דער נאר־מאלער, פון וועלכען מען דארף זיך ניט ריכטען אויף אויסגעשפרייטע רייזען, ניט אויף א קרוין, און ניט אויף א האק אויסצוהאקען דערמיט זיין פרנסה. אויב גאט ניט צו גדולה צו תורה און עס ווערט „תורה וגדולה במקום אחד," איז מה טוב: אבער דאס איז ניט דער עיקר ציל פאר'ן „גערעכטען", ביי אים איז הייליגע א פייער וואס ווייס ניט פון קיין קאמפראמיסען, עס פארצערט אלסדינג און מאכט א קרבן עולה וואס איז „כולה כליל", ניט איבערלאזענדיג גארנישט פאר מענשליכען געברויך. די וואס פארנעמען זיך לינקס, איז „בשמאלה עושר וכבוד" קריגען טאקע רייכקייט און כבוד א גוטע שטעלע מיט א גרויסען יערליכען געהאלט: אבער דאס איז ניט נארמאל, די תורה איז דערפון ניט שטארק צופרידען, ווייל נאר „מימינה אש־דת למו"...

אף חובב עמים כל קדושיו בידיך — דאס איז דער זעקסטער תנאי, וועלכע פארהיט פון קאסמאפאליטיזם פון איין זייט און פון שאוויניזם אין דער צווייטער אמת, גאט האט ליב אלע פעלקער, ווייל זיי אלע זענען זיינע באשאפענע, און דער־פאר טארען מיר זיי אויך ניט פיינט האבען, אבער „כל קדושיו בידיך", די הייליגע זענען אונטער זיין ספעציעלער השגחה — יענע הייליגע וועלכע זענען געשלאגען צוליב אים, יענע וואס טראגען ארום איבער דער וועלט זיינע הייליגע ווערטער — זיי מוזען זיין אפגעזונדערט פון די איבעריגע. און דאס ווערט געזאגט שפעטער: „וישכן ישראל בטח בדד" — ישראל קען נאר דאן פארבלייבען זיכער, רוהיג, זיי־צענדיג אליין, אפגעזונדערט.

דער זיבעטער פונקט איז: תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב — דאס מיינט, אז מיר זאלען קיין טעות ניט האבען צו מיינען אז די תורה איז נאר א צייט־ווייליגע, געגעבען צו די אידען אין מדבר, אדער העססטענס צו יענע וואס האבען געוואוינט אין ארץ ישראל — ניין! די תורה איז אונזער ירושה, פאר קינדס קינ־דער ביז סוף כל הדורות, און ניט נאר ווען אידען זענען איין גאנצעס פאלק, נאר אפילו אין יענער צייט ווען זיי זענען צעווארפען אין לענדער און אפגעזונדערט אין איינצעלנע קהילות...

ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל — דאס איז דער אכ־טער פונקט וואס שאפט אפ דעספאטען, זעלבסט געקרוינטע הערשער. ביי אידען קען נאר זיין יענער א פירער, וואס איז דערוויילט ביי א פארזאמלונג פון די ראשי עם, צוזאמען מיט די שבטי ישראל.

אפהיטענדיג דאס דאזיגע וועט יעדער קענען געניסען די פרוכט פון משה'ס ברכה: ראובן — דער פרומער איד, וואס לעבט אויף דער וועלט כדי צו בלייבען; דער ברידערישער פארהיטער פון שלעכטעס, יהודה — דער פאליטישער שטאלץ; יוסף — דער אידישער שפייזער, און אזוי יעדער שבט, לויט זיין פעאיגקייט און מעגליכקייט.

און דאן קען משה איש האלקים שליסען זיינע אויגען, מיט פולען באוואוסט־זיין, אז זיין וואונדערליכער מאנומענט וואס ער האט אויפגעשטעלט פון א שקלאפען פאלק וועט אריבערלעבען די מצרישע פיראמידען און ספינקס.

באמערקונג

די דאָזיגע „פּרשיות פון דער וואד" זיינען, ווי באוואוסט, פריער געווען געדרוקט אין „קענעדער אדלער", וואו — צוליב דער אומגעהויער געשווינדקייט, וואס א טאָגליכע צייטונג פאָדערט אין דער ארבייט — האָבען זיך, צו אונזער באדויערען, פארקליבען אַ צאָל דרוק־פעלערען, ניט אַלע פון זיי קאָנען ענדערען דעם זין, אדער שאָדען דעם טעקסט, און דאריבער קאָרעגירען מיר דאָ נאָר אזעלכע דרוק־פעלערען, וועלכע מוזען אויסגעבעסערט ווערען. די דאָזיגע מער ערנסטע טעות'ן ווערען דאָ אויסגעבעסערט, אָנגעבענדיג די זייט און שורה, ווי עס לייענט זיך און ווי עס דארף זיך לייענען. די לעזער ווערען געבעטען צוצושרייבען די ריכטיגע ווערטער, יעדען אויף זיין אָרט, אום צו האָבען אַ „ספר מוגה".

זייט	שורה	שטייט	דארף שטיין
20	16	געוואָרט	געמאכט
24	9	בלאַץ	פלאַץ
41	25	דירעקטאָר	דיקטאַטאָר
48	2	מחומה	סתומה
55	15	דערשטאָכען	צעשטאָכען
58	14	ארם	ארים
58	17	יהודה	יהוה
63	27	למעען	למען
64	11	אנטנאַפען	אנטלאָפען
65	19	מוכרים	מוסרים
65	35	יצאו מן העם ולא	יצאו מן העם ללקט ולא
80	2	שבתי	שבתותי
92	24	עם	אם
92	28	איהם	זיי
99	26	בני	בנין
104	26	הקודם	הקודש
113	13	אַ גויאישען טאַטען	בלויז א אידישע מאמע
112	17	זאָל	וואס זאָל
126	15	וידבר	ותדבר

ווינטכיג פאר ליבהאבער פון דעם אידישען בוך

„אייראפּע און ארץ ישראל נאָכ'ן וועלט-קריג"

(פון קאנאדע ביז ארץ ישראל איבער מזרח און מערב אייראפּע און צוריק)

ר י י ז ע - ב א ש ר י י ב ו נ ג

פון ה. וואָלאָפּסקי

בילדער, איינדרוקען און באאבאכטונגען, אויפגענומען אין פארשידענע לענדער נאך דעם שטורעמדיגען וועלט פעריאד, און איבערגעגעבען אין א שפּאנענדיגער פארם.

אין דעם בוך גייען אריין „א רייזע קיין ענגלאנד", „א רייזע קיין דייטשלאנד", „א רייזע קיין פּוילען", „די אידישע לאגע אין פּוילען", „די אידען אין רוסלאנד", „דער 12טער ציוניסטישער קאָנגרעס", „א רייזע קיין ארץ ישראל", „די הייליגע פּלעצער אין ירושלים", „דער נציב העליון ראש השנה אין שוהל", און אומצייליגע אנדערע באשרייבונגען.

„אייראָפּע און ארץ ישראל נאָכ'ן וועלט-קריג" איז א בוך מיט אינטערעסאנטע לעבעדיגע שילדערונגען און מאָמענט פאָטאָגראפיעס, וואס דער פארפאסער האָט אויפגעכאפּט, קומענדיג אין בארירונג מיט פארשידענע מענשען, טיפען און פּאסירונגען. עס גיט אויך א בילד פון דער אלטער וועלט, ווען זי האָט נאר וואס געהאט אנגעהויבען קומען צו זיך פון העך שווערער דערשיטערונג פון די בלוטיגע מלחמה-יארען.

„אייראָפּע און ארץ ישראל נאָכ'ן וועלט-קריג" פארנעמט 280 זייטען, איז רייך אילוסטרירט און אנגעפּיקעוועט מיט אינטערעסאנטען לעזע שטאף.

פרייז פון בוך — $1.50

עם זיינען פארבליבען בלויז א קליינע צאָל קאָפּיעס.

צו באקומען אין אָפיס פון „קענעדער אדלער"

4075 סט. לאָרענס בולוואַרד

מאָנטרעאָל, קאנאדע

די צווייטע עקזיסטענץ

פון א. אלמי

דאָס ערשטע און איינציגע ווערק אין אידיש איבער ספּיריטואַליזם

באַהאַנדעלט אַזעלכע פראגען ווי „אומשטערבליכקייט", „טעלעפּאַטיע", „גייסטער־קאָמוניקאַציע", די „גייסטער־ספערען", „בריף פון „יענער וועלט", און נאָך זאַכען. „די צווייטע עקזיסטענץ" איז אַן ארבייט פון אויסערגעוויינליכען אינטערעס פאַר די וואָס ווילען זיך באַקענען מיט דער דיסקוסיע איבער „השארת הנפש", וואס ווערט געפירט פון טעאָלאָגען, שריפטשטעלער, געלערנטע און אנדערע.

געדרוקט אויף גוטען פּאַפּיר און שיין געבונדען.

פרייז פון בוך — $1.25

פאַבלען

פון ה. הירש

א בוך פון 194 זייטען, וואס שטעלט מיט זיך פאר א וויכטיגען בייטראַג צום פאַבעל־זשאַנר אין דער אידישער ליטעראַטור.

אין דעם בוך גייען אריין 163 פאַבלען, פילע פון וועלכע קאָנען זיך פארגלייכען צו די בעסטע שאַפונגען פון די בארימטסטע פאַבעל־דיכטער. „פאַבלען" איז א ווערק וואס די קריטיק האָט געהאט ווארעם אויפגענומען.

דאָס בוך איז שיין ארויסגעגעבען. פרייז $1.00

פרייז פון אלע דריי ביכער, „אייראָפּע אין ארץ ישראל נאָכ'ן וועלט־קריג", „די צווייטע עקזיסטענץ" און „פאַבלען", צוזאמען $3. פּאָרטאָ עקסטרא.

אַלע דריי ביכער צו באַקומען אין אָפיס פון „קענעדער אדלער"

4075 ST. LAWRENCE BLVD.

MONTREAL, CANADA

עס איז ערשינען

JEWISH INFLUENCE IN MODERN THOUGHT

By DR. A. A. ROBACK

א ווערק פון אויסערגעוויינליכען אינטערעס, און די וויכטיגסטע ארבייט אויף דעם געביט אין וועלכער ניט איז שפּראַך.

דאָס איז א בוך וואָס גיט א קלאָרען ענטפער אויף דעם, וואָס אידען האָבען בייגעטראָגען אויף אלע געביטען פון דיינקען און פון שאַפען. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאר אונז דער יחוס פון דער „גאָלדענער קייט" — די גאַנצע גרויסקייט פון דעם „עם הספר" און פון זיינע ריזיגע אינטעלעקטועלע אויפטוען דורך פילע דורות.

דאָס דאָזיגע ווערק פון דעם באַקאַנטען אידישען געלערנטען, פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע און פון אידישער ליטעראַטור, דערציילט וועגען דער גוואַלדיגער ראָל וואָס אידען האָבען געשפּילט און שפּילען אין דער געשיכטע פון מענשליכען פּראָגרעס, און וואָס פאר אן איינפלוס אידען האָבען געהאַט אויף דער גאַנצער מאָדערנער קולטור. דאָס ווערק האָט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס ביי אלע קריטיקער.

„דער אידישער איינפלוס אין מאָדערנעם געדאַנק" איז א בוך וואָס דאַרף געלייענט ווערען. עס איז אַ בוך וואָס דאַרף זיין אַ צירונג פאר יעדען אידישען הויז, און וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדער פּריוואַטער אָדער עפענטליכער ביבליאָטעק.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פיר טייל, און צום אַלגעמיינעם אינהאַלט איז אויך צוגעגעבען אַ ביבליאָגראַפיע, רעגיסטער פון נעמען און א „אינדעקס". דאָס בוך פארנעמט 506 זייטען, איז רייך אילוסטרירט און אויסערגעוויינליך שיין ארויסגעגעבען.

פּרייז, סילק קלאָט געבונדען, $4.50; דע לוקס אויסגאַבע, $10.00
פּאָרטאָ און עקסטשיינדזש, 38 סענט עקסטרא.

צו באַקומען ביי די פארלעגער

SCI-ART PUBLISHERS

HARVARD SQUARE CAMBRIDGE, MASS.

און אויך דורכ'ן „קענעדער אדלער"
4075 סט. לאָרענס בולווארד
מאָנטרעאַל, קאנאדע

JEWISH DAILY EAGLE
4075 ST. LAWRENCE BLVD.
MONTREAL, CANADA